ביזן יאָר 1730 האָט די דעמביצער קהילה אָרגאַניזאַטאָריש געהערט צום גליל רישא (Rzeszów). פון דאָקומענטן בנוגע דער פאַרטיילונג פונעם קאָפּשטייער צווישן די יידן פון דעם דאָזיקן קרייז זעט מען, אַז דעמביץ האָט נאָך אינגאַנצן געהערט צו דעם דאָזיקן קרייז און פלעג צאָלן אירע שטייערן צוזאַמען מיט אים. פון דעם אַלגעמיינעם סכום 10.930 גילדן, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף רישא מיט אירע אָפּצווייגן, האָט דעמביץ געצאָלט 500 גילדן.


אין יאָר 1730 איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער דאָזיקער לאַגע. אין יענעם יאָר האָבן די קהילות פון רישא מיט דער סביבה, צוזאַמען מיט יאַראָסלאַוו, און אויף אַ געוויסער צייט אויך דאָבראָמיל, זיך אָפּגעטיילט פונעם גליל פּרעמיסלע, און די דעמביצער קהילה האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט זיך אָפּצורייסן פון רישא און האָט באַצאָלט אירע שטייערן באַזונדער. די מעגלעכקייט זיך אָפּצורייסן איז טאַקע דערגרייכט געוואָרן מיט דער הילף פונעם שטאָט־אייגנטימער, אָבער גורם געווען דערצו האָבן נישט ווייניק מיסברויכן און אויספּרעסונגען פון שטייער־געלטער מצד די מנהיגים פון דער קהילה אין רישא. אין דער פאַרטיילונג פון די קאָפּשטייערן פון יאָר 1734 ווייזט זיך דעריבער די קהילה פון רישא און אירע אָפּצווייגן (z partykularzami) מיט אַ סומע פון 7,500 גילדן, און די יידן פון דעמביץ באַזונדער מיט אַ סומע פון 500 גילדן ווי פאַר דעם, און דעסגלייכן אין די יאָרן 1730 און 1737: די קהילה פון רישא מיט אירע אָפּצווייגן האָט באַצאָלט 7560 גילדן, און דעמביץ באַזונדער 500 גילדן. אָבער די דאָזיקע אָפּזונדערונג האָט אָנגעהאַלטן בלויז ביזן יאָר 1738, וואָרום אין יענעם יאָר ווייזט זיך דעמביץ ווידער אין דער רשימה פון דער קהילה אין רישא: פון אַ סומע פון 8034 גילדן פונעם גאַנצן קרייז, איז אויף דעמביץ אַרויפגעלייגט געוואָרן דער סכום פון 500 גילדן. אָבער אויך דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. אַ יאָר שפּעטער, 1739, ווייזט זיך דעמביץ ווידער ווי אַ זעלבשטענדיקע קהילה און נישט ווי אַן אָפּצווייג פון רישא. אין יענעם יאָר איז אויף רישא אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ סכום פון 8164 גילדן און אויף דעמביץ באַזונדער 500 גילדן.

פונעם יאָר 1739 און ווייטער דערשיינט דעמביץ ווי אַ זעלבשטענדיקע קהילה. אין יאָר 1753 באַצאָלט זי קאָפּשטייער 500 גילדן און די יידן פון רישא 7693 גילדן. אָבער פונעם יאָר 1756 אָן פאַרשווינדט דעמביץ פון דער רשימה און עס ווייזט זיך בלויז די קהילה פון רישא מיט אַ סומע פון 6753 גילדן. דערביי זעט מען פונעם בודזשעט פון דער רישאער קהילה אין יאָר 1756, אַז דעמביץ איז ווידער געווען אַריינגענומען אין דעם גליל רישא.

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט האָט דעמביץ די שטאָט אַדמיניסטראַטיוו געהערט צום קרייז פּילזנאָ, וואָס איז געווען פאַררעכנט צום ראַיאָן סאַנדאָמיר (צאָזמער). בעת דער ציילונג פון די איינוווינער אין יאָר 1764, צום ערשטן מאָל אין פּוילן, שוין נאָך דער אויפלייזונג פונעם „ועד ארבע הארצות", זענען אין דעמביץ געציילט געוואָרן 911 יידן, אָבער פּאַקטיש איז זייער צאָל אַ סך גרעסער געווען, ווייל אַ סך יידן פלעגן זיך אַרויסדרייען פון דער ציילונג מחמת מורא, אַז זיי אַליין אָדער די קהילה וועט דערפון ליידן. די ציילונג אין די יידישע קהילות איז פאָרגעקומען ביי דער פאַרמיטלונג פון אַ ציילונגס־קאָמיסיע צו וועלכער ס'האָבן געהערט דער רב, דער פּרנס־חודש און דער שמש. די קאָמיסיע איז געגאַנגען איבער דער שטאָט פון הויז צו הויז און האָט פאַרשריבן אַלע יידישע נפשות, אויך די וואָס זענען גראָד נישט געווען אין דער היים. די יידן פון די דערפער האָבן געמוזט קומען אין שטאָט און איבערגעבן די צאָל פון זייערע בני־בית. די ליסטעס זענען אונטערגעשריבן געוואָרן דורך אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע און באַשטעטיקט, אין די קעניגלעכע שטעט דורכן סטאַראָסטע און אין די פּריוואַטע שטעט, און דעסגלייכן אין דעמביץ, דורך די שטאָט־אייגנטימער. צום סוף זענען די ליסטעס געבראַכט געוואָרן דורך די ציילער אין דער הויפּט־שטאָט פונעם ראַיאָן אָדער פונעם קרייז צו די באַזונדערע באַפולמעכטיקטע, מיט אַ דערקלערונג אונטער אַ שבועה, אַז די ליסטעס זענען טאַקע ריכטיקע. די שבועה־צערעמאָניע איז פאָרגעקומען אין שול. אין טייל ערטער זענען די ליסטעס געשריבן געוואָרן אין אָריגינאַל לשון־קודש, און שפּעטער איז געמאַכט געוואָרן אַ פּוילישע איבערזעצונג, ווייל די יידישע ציילער האָבן נישט געקענט שרייבן פּויליש.

פון די 911 יידן וואָס זענען געציילט געוואָרן אין דעמביץ, האָבן געלעבט 573 אין שטאָט און 383 אין די דערפער וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אָן דער דעמביצער קהילה. פון די יידן אין שטאָט זענען געווען באַשעפטיקט אין פּראָפעסיעס און פּרנסה־געבער בלויז 33: קליינהענדלער 1, היטלמאַכער 3, פּאָזאַמענטירער 1, שניידער 7, גאָלדשמידן 1, בעקער 5, קצבים 7, בלעכער 1, באַרבירער און כליזמרים 1, מלמדים 4, חזנים 1.

פון אַלע משפּחות זענען געווען באַשעפטיקט בלויז 24%, דערפון: אין האַנדל 1 — 0.7%, ביי מלאכות 95 — 18.5% — ביי פרייע פּראָפעסיעס 7 — 5.2%. (די ציפערן זענען געבראַכט פונעם בוך פון ד"ר רפאל מאהלער „יידן אין אַמאָליקן פּוילן אין ליכט פון ציפערן").



בית־המרחץ — דאָס באָד.

וועגן די פּראָפעסיעס פון די יידן אין דעמביץ לערנען מיר אויך פון דער רשימה פון קאָפּשטייער פון יאָר 1764 : 1 גרויפּן־פּאַרקויפערין, 1 חזן, 4 מלמדים, 1 כלי־זמר, 1 פּאָזאַמענטירער, 7 שניידער, (פון זיי האָט בלויז איינער געהאַלטן לערן־יינגלעך), 3 היטלמאַכער, 1 גאָלדשמיד, 7 קצבים, 5 בעקער, 1 בלעכער, 1 באַלבירער.

די צאָל באַשעפטיקטע און פּרנסה־געבער איז אָן אַ ספק געווען אַ סך גרעסער. די ציילער האָבן אָבער בכוונה נישט פאַרשריבן אַזעלכע פּראָפעסיעס ווי סוחרים, קרעמער, מעקלער, שענקער וכדומה „מחמת מורא פאַר עין־הרע". די ציילונג פון די פּראָפעסיעס, וואָס עס איז אוממעגלעך אַז זי האָט אָפּגע־שפּיגלט די ווירקלעכקייט ווי זי איז געווען, באַווייזט, אַז אויך די אַלגעמיינע צאָל יידן איז נישט פולשטענדיק, מחמת שרעק פאַר רדיפות און שיקאַנעס. די דעמביצער יידן, אָנגע־לערנט פון דערפאַרונג פון פריערדיקע יאָרן, באַמיען זיך ווי ווייט מעגלעך נישט צוצולאָזן די מאַכט צו קלאָרע ידיעות וועגן זייער צאָל און זייערע געשעפטן.

אין יאָר 1717 איז אין דעמביץ פאָרגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט די מיטגלידער פון דער קהילה באַטריבט ביז אין דער טיף : דעם 12־טן אַפּריל האָבן זיך געלאָזט שמדן אין דער קאַטוילישער קירכעביים גלח מיקאָליי וויאָטשעכאָווסקי מיט איינמאָל די יידישקע זאָפיאַ, יעקב מאַיאָרעק (מאיר) מיט זיין ווייב רחל, און מיט זיי אינאיינעם נאָך אַ מיידל, די טאָכטער פונעם שענקער אין דאָרף נאַגאַוויטשינאַ, וואָס ער אַליין איז געבליבן אין יידישקייט. די טאָכטער האָט באַקומען דעם נאָמען אַנטאָנינאַ־פראַנטשישקאַ טערעזאַ. די קוואַטערס פון דער טבילה זענען געווען : דער קאַנאָניק, דער פירשט אַנ־טאָני מיקאָליי ראַדזשיוויל, די איידלפרוי טערעזאַ סטאָיאָווסקאַ, דער ריכטער יוזעף יאָרדאַן סטאָיאָווסקי און פראַנטשישקאַ וולאָדעק, דאָס ווייב פון דעם רעווענט וולאָדעק.

מען קאָן זיך אויסמאָלן דעם האַרצווייטיק פון די דעמביצער יידן אין יענע טעג.

אַן אָנזעעוודיקער שינוי אין דער אַנטוויקלונג פונעם שטעטל איז פאָרגעקומען אין די דרייסיקער יאָרן פונעם 18־טן יאָרהונדערט אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פונעם שטאָט־אייגנטימער פראַנטשישעק ביעלינסקי און זיין ווייב דאָראָטאַ, דורך פאַר־שידענע הנחות און פאַרגרינגערונגען, וואָס זיי האָבן געגעבן די איינוווינער, כדי זיי צוצוגעבן חשק צו בויען הייזער אויף דיליידיקע פּלעצער וואָס זיי האָבן געקראָגן.

אין יאָר 1708 איז דעמביץ אַריבער אין באַזיץ פונעם פירשט מיכאַל ראַדזשיוויל. אינעם הויז פון דער שטאָט־פאַר־וואַלטונג איז פאָרגעקומען אַ באַזונדערע צערעמאָניע, צו וועל־כער עס זענען צונויפגעבערענגט געוואָרן דער בירגערמייסטער מיט זיינע ראַטמענער און די וואָיטעס פון דער אומגעגנט. זיי אַלע האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה אויסצופירן געטריי זייערע אויפגאַבן. אין יענעם יאָר האָט אָבער די שטאָט געליטן פונעם דורכמאַרש פון די רוסישע אַרמייען, וואָס זענען אַריינגע־דרונגען קיין פוילן כדי צו שטיצן די פּריצישע קאָנפעדעראַציע

וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין ראַדאָם קעגן דער קאָנפעדעראַציע פון די פּאַטריאָטן וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין דער שטאָט באַר און ס׳האָבן צו איר געהערט אי די פּאַטריאָטישע שליאַכטע אין דער דעמביצער סביבה אי אַ טייל פון די שטאָטישע בירגער. די מלחמה צווישן ביידע לאַגערן האָט זיך געצויגן ביזן יאָר 1772 און שאַרפע קאַמפן צווישן זיי האָבן זיך געפירט אויך אין דער סביבה פון דעמביץ, בפרט אין דער געגנט, וואָס האָט געהייסן „הינטערן אָקאָפּ".

די מלחמה צווישן ביידע לאַגערן האָט אויפגעהערט מיט דער ערשטער טיילונג פון פוילן.

פוילן איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן די דריי שכנותדיקע גרויס־מאַכטן: רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד. יענער טייל וואָס איז געגעבן געוואָרן עסטרייך, און אין אים האָט זיך אויך געפונען דעמביץ מיט דער סביבה, האָט פון דעמאָלט אָן געהייסן גאַליציע. דעם 29־טן דעצעמבער 1773 זענען די שטאָטישע איינוווינער צונויפגעבערענגט געוואָרן צו אַ געטריישאַפט־שבועה דער קייזערין מאַריאַ טערעזאַ, אין דערביי זיין פון די עסטרייכישע מאַכט־פאָרשטייער, פונעם בירגער־מייסטער, פונעם פאָרשטייער פון דער נייער שטאָט און פונעם שטאָט־שרייבער. פון דעמאָלט אָן איז דער גורל פון די יידן אין דעמביץ געווען פאַרבונדן מיטן גורל פון די יידן אין גאַנץ גאַליציע. לכתחילה איז דאָס שטעטל איינגעשלאָסן געוואָרן אינעם באַצירק מישלעניצע, דערנאָך אינעם באַצירק רישא און צום סוף אינעם באַצירק טאָרנע. צוזאַמען מיט אַלע יידן אין גאַליציע האָבן די דעמביצער יידן גענאָסן פון אַ געוויסער בעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע אין דער מדינה, אָבער צוזאַמען מיט זיי האָבן זיי געליטן פון כלערליי „פּאַטענטן" און „דעקרעטן" פון דער עסטרייכישער מאַכט, וואָס האָט זיך געמיט זיי צו „דערציען" און מאַכן פאַר אויפגעקלערטע בירגער פון דער האַבסבורגישער מאָנאַרכיע.

אין יאָר 1785 איז ליקווידירט געוואָרן די לאַנד־אָרגאַניזאַציע פון די יידישע קהילות, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן לויט אַ סטאַטוט פון מאַריאַ טערעזאַ אין יאָר 1776. קיין לאַנד־אָרגאַניזאַציע פון קהילות איז מער נישט אויפגעשטעלט געוואָרן. עס זענען בלויז געבליבן ביי זייערע אויפגאַבן די פּרנסים פון די קהילות. אויסער די קהילות פון לעמבערג און פון בראָד, ווו עס זענען געווען צו זיבן פּרנסים, זענען פאַר די איבעריקע קהילות, און דעמביץ צווישן זיי, באַשטימט געוואָרן פאַרוואַלטונגען פון בלויז דריי פּרנסים, וואָס האָבן געהאַט פאַר זייער אויפגאַבע צו רעפּרעזענטירן די קהילה פאַר די מאַכט־אָרגאַנען, צו זאָרגן פאַר אירע ענינים אינאיינעם מיטן רב, צו האָבן די אויפזיכט איבער דער רעגיסטרירונג פון געבורטן, חתונות און טויט־פאַלן און איינצומאָנען דעם קהילה־שטייער און די „יידן־שטייערן". די פּרנסים זענען געווען אָפּהענגיק פונעם „באַצירקס־אַמט", וואָס האָט אין זיי געזען געצייג, וועלכע זענען מחויב אים צו דינען אויסשליסלעך אין זיינע אינטערעסן. אין דער דעמביצער קהילה איז נישט געווען קיין רב נאָר אַ מורה־הוראה, וועמענס יערלעכער געהאַלט עס איז געווען 20 פלאָרין, און אַ חזן וואָס זיין יאָר־געהאַלט איז געווען 15 פלאָרין. די שטייער־לאַסט וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די יידן איז גאָר שווער געווען: אַ טאָלעראַנץ־שטייער פון איין פלאָרין פון יעדער נפש, הכנסה־ און פאַרמעגן־שטייער, און אויסער דעם ליכט־שטייער, חתונה־שטייער און שטייער אויף כיבודים (ווי אַ שטייגער דער טיטל „מורנו"), אויסער די קהילה־שטייערן (קרובקע), און אויך דאָס אונטער דער אויפזיכט פון דער מאַכט.

פון צייט צו צייט פלעגן אַרויפגעלייגט ווערן נייע שטייערן, ווי קוואַטיר־שטייער, אָנשטאָט דירות פאַר די אָפּצירן פונעם גאַרניזאָן, „רוסטיקאַל־שטייער" — אויף בויפלעצער, אויסער הויז־שטייער, קאָנסום־שטייער און הכנסה־שטייערן. די שטייער־לאַסט האָט געדריקט, און נאָך דער איינפירונג פונעם יידן־סטאַטוט פון יאָר 1789 זענען אַלע מלוכה־שטייערן פון די יידן ווידער געהעכערט געוואָרן.

בפרט האָבן זיי געליטן פון די חתונה־ שטייערן. אויף דעם באָדן האָט אין דעמביץ פּאַסירט אַ מעשה, וואָס האָט באַשעפטיקט די מאַכט־אָרגאַנען אין משך פון יאָרן און האָט דערנאָך געדינט אַלס פּרעצעדענט:

אין אָקטאָבער 1778 האָט דער ייד זיינדל פון טאָרנע געזאָלט חתונה־האָבן מיט אַ מיידל חנה פון דעמביץ. די כלה האָט איינגעצאָלט דעם חתונה־שטייער אין אַ סומע פון 20 פלאָרין. מאַכט זיך, אַז דער חתן שטאַרבט אַוועק אַ קורצע צייט פאַר דער חתונה. דעריבער האָט די כלה פאַרלאַנגט פון דער מאַכט מען זאָל איר צוריקגעבן דאָס איינגעצאָלטע געלט, אָדער פאַררעכענען עס ווען זי וועט וועלן חתונה האָבן. ענדלעך האָט מען מסכים געווען צוריקצוגעבן דאָס געלט אָדער פאַרשרייבן עס אויפן חשבון פונעם מיידל אַלס איינגעצאָלט אויף דער צוקונפט.

עס האָבן זיך צו יענער צייט פאַרמערט צווישן די יידן אין גאַליציע כל המינים „פּראָיעקטן־מאַכער", וואָס האָבן פאָרגעלייגט דער רעגירונג פאַרשידענע ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע פּלענער און בפרט פינאַנסיעלע. בעצם זענען אַלע בעל־המצאות אויסן געווען צו באַקומען די מעגלעכקייטן אָנצושפּאַרן קיין ווין מיטן אויסרייד, אַז זיי דאַרפן דערלאַנגען זייער פּלאַן אין די הויכע עמטער. און אויך אין דעמביץ האָט דעמאָלט געלעבט אַזאַ מין בעל־המצאה, ר׳ משה וויין. אין יאָר 1887 האָט ער זיך געווענדט צו דער רעגירונג אין ווין, מיט אַ פאָרשלאַג, די רעגירונג זאָל איבערנעמען אין מאָנאָפּאָל דעם האַנדל מיט וואַקס — אַ זאַך וואָס וואָלט צוגענומען די פּרנסה ביי אַן אָנזעעוודיקער צאָל יידן, סוחרים און אָנגעשטעלטע. צו זייער מזל איז דער „אָריגינעלער" פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער מאַכט.


דעמביץ איז אויך נישט געבליבן פריי פון מוסרים, וואָס פלעגן איבערגעבן דער מאַכט ידיעות וועגן געהיימע חתונות און פאָדערן פון איר דעם אָפּצאָל וואָס קומט זיי פאַר די מסירות. פון דער אַנדערער זייט זענען די מוסרים גערודפט געוואָרן דורך דעם עולם און זיי, ווידער, פלעגן זיך דערויף באַקלאָגן פאַר דער מאַכט און פאָדערן, מ׳זאָל זיי דערלויבן עוקר זיין פאַר די רדיפות קיין ווין. אין איין פאַל איז דערלויבט געוואָרן דעם יידן ישראל קיסל אַרויסצופאָרן קיין ווין. אַז ער איז דאָרט אָנגעקומען, האָט ער געפאָדערט פון דער

רעגירונג זיין אויסהאַלטונג. אַלס אַנטשעדיקונג פאַר די רדיפות וואָס ער האָט געליטן פאַר זיין דינען דער מלוכה.

אין יאָר 1787 זענען די יידן אין גאַליציע פאַרפליכטעט געוואָרן אָנצונעמען, פון אָנהייב 1789, דייטשע פאַמיליע־נעמען. פון יענער צייט אָן איז דער פאַמיליע־נאָמען דעמביצער באַקאַנט סיי אין גאַליציע גופא, סיי אין די שכנותדיקע לענדער, וווּ ס'האָבן אָנגעשפּאַרט איינציקע דעמביצער (מ'דאַרף אָנעמען, אַז אויך די אור־זיידעס פון לואי בראַנדייס־דעמביץ, דעם באַרימטן יידישן אויבעררי‏כטער פון די פאַרייניקטע שטאַטן, האָבן געשטאַמט פון דעמביצער יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין בעהמען און איינער פון זייערע אייניקלעך האָט דערגרייכט ביז אַמעריקע). די דייטשע נעמען האָבן לויט דער מיינונג פון די עסטרייכישע מאַכט־אָרגאַנען, געזאָלט דינען ווי אַ פאַקטאָר אינעם פּראָצעס פון פאַרדייטשן און אַסימילירן די יידן פון גאַליציע. אין שייכות דערמיט זענען די קהילות און סוחרים פאַרפליכטעט געוואָרן צו פירן די ספרי־חשבונות און סחורה־פאַרצייכענונגען אין די לאַגערן דווקא אויף דייטש, ביי אַ בפירושן פאַרבאָט צו נוצן דערביי לשון־קודש אָדער יידיש און אַפילו דאָס יידישע כתב.

אין די ראַמען פון אָט די פלענער איז די עסטרייכישע מאַכט אין גאַליציע צוגעטרעטן אין יאָר 1787 אויפצושטעלן 51 דייטשע שולן פאַר די יידן אין גאַליציע, לויטן פאָרשלאַג פונעם משכיל הערץ האָמבערג. און אויך אין דעמביץ איז געגרינדעט געוואָרן אַזאַ יידיש־דייטשע שולע. אַלס לערער איז נאָמינירט געוואָרן מ א י ר ק אָ ך, פאַר וועלכן עס איז באַשטימט געוואָרן אַ יאָר־געהאַלט פון 200 פלאָרין, צענפאַכיק ווי דאָס געהאַלט פונעם מרא דאתרא. אמת, מיר ווייסן נישט, צי די שולע האָט אויסגעהאַלטן ביז צו דער ליקווידירונג פון דער גאַנצער שול־נעץ אין יאָר 1806. אין די אַרכיוו־אַקטן איז נישטאָ קיין רמז וועגן דעם.

אין יאָר 1785, ווען טויזנטער משפחות זענען געבליבן אָן פרנסה אַדאַנק דער איינפירונג פונעם יידן־סטאַטוס, האָט דער קאַיזער יאָזעף דער צווייטער דעם 10־טן אויגוסט באַפוילן אָנצוהייבן באַלד מיט דער לאַנדווירטשאַפלעכער קאָלאָניזירונג פון די יידן. אין דער ראַם פונעם פּלאַן צו קאָלאָניזירן 1400 יידישע משפחות איז די דעמביצער קהילה פאַרפליכטעט געוואָרן צוצושטעלן פאַר זיין פאַרווירקלעכונג אירע אַכט יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געזאָלט באַקומען פיר חלקים באָדן, פיר שטאַלן און שאָפעס, אַכט קאָמפּלעטן לאַנדווירטשאַפטלעכע כלים, פערד, אָקסן און קי. די קאָנטראָלע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין די יאָרן 1796 און 1804, האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין קעגנזאַץ צו די איבעריקע קהילות אין גאַליציע איז נישט באַזעצט געוואָרן



בית־המשפט בעיר הישנה — דאָס געריכט אין דער אַלטער שטאָט.

אַפילו איין איינציקע משפחה פון דעמביץ, און די קהילה איז

אויפגעפאָדערט געוואָרן צוצושטעלן די קוואָטע פון אַכט משפחות צום באַזעצן, וואָס איז איר באַשטימט געוואָרן אינעם פּלאַן. אָבער אויך דאָס מאָל האָט די קהילה נישט אויסגעפירט די פאָדערונג. די סיבה דערפון איז נישט באַקאַנט.

אין יאָר 1790 איז דער שלאַכטשיץ סטאַיאָווסקי באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט געגן דעם געזעץ פאַרדונגען אַ יידן איינס פון זיינע גיטער. די קרייז־הויפּטמאַנסשאַפט אין טאַרנע האָט באַשטראָפט דעם שלאַכטשיץ פאַר פוגע זיין דאָס געזעץ („געזעצווידריגע יודנפּאַכט") מיט אַ קנס פון 100 פלאָרין און דעם יידן מיט מלקות (10 שמיץ מיט אַ רוט). דער פריץ האָט דערלאַנגט אַן אַפּעלאַציע געגן דער שטראָף, און די מאַכט האָט דעם קנס פאַרקלענערט אויף 50 פלאָרין. די שטראָף פונעם יידן איז גילטיק געבליבן.

דעם 15־טן מערץ 1788 האָט די ווינער רעגירונג פאַרעפנטלעכט אַן אינסטרוקציע צו מאָביליזירן יידן אין דער אַרמיי אינאיינעם מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג. אָבער שוין אין יאָר 1790 איז די יידן דערמעגלעכט געוואָרן זיך צו באַפרייען פון דער רעקרוטירונג איינצאָלנדיק אָנשטאָט דעם פערזענלעכן דינסט אַ סומע פון 30 פלאָרין פון יעדן רעקרוט. אָט די לאַגע האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1804, און ווידער איז אויף די יידן אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט זיך צו שטעלן צו דער רעקרוטירונג אינאיינעם מיט די קריסטן. אין יאָר 1797 האָבן די יידן פונעם קרייז מישלעניצע, צו וועלכן דעמביץ האָט דעמאָלט געהערט, פאָרגעלייגט דער רעגירונג, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פונעם דאָרטיקן ליכטפאַכטער, שלמה קאָפּלער, זי זאָל אָננעמען פאַר זייער באַפרייונג פון אַלע מיליטער־דינסטן 200 צענטן זילבער אָדער אַ סומע פון אַ מיליאָן פלאָרין אין זילבער־געצייג און 5000 פלאָרין.

וועגן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג האָט דאָס קרייז־אַמט צו וויסן געטאָן דעם מורה־הוראה אין דעמביץ, דער רב ר' נתן לאַנדא, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ אין די יאָרן 1797—1809, אָבער די מאַכט אין ווין האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אונטערהאַנדלען וועגן דעם, און איז בכלל געווען געגן דעם פאָרשלאַג, ווייל די יידן האָבן געפאָדערט די באַפרייונג איידער עס וועט איינגעצאָלט ווערן די צוגעזאָגטע סומע.

אין יאָר 1783 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ציילונג פון די יידן אין די באַצירקן פון גאַליציע. צום באַדויערן איז נישטאָ אין די ציילונג־ליסטעס פונעם באַצירק רישא קיין שום ענצלהייטן וועגן די יידן אין דעמביץ, נאָר סומאַרישע ידיעות פונעם גאַנצן באַצירק.

פון דער תקופה פון פּוילישער הערשאַפט האָבן זיך געפונען אין יידישע הענט, אויפן יסוד פון די פּריווילעגיעס פון פּריוואַטע שטעט, הייזער און פּלעצער אין די שטעט גופא. נאָך דער אָקופּאַציע דורך עסטרייך, איז די יידן פאַרווערט געוואָרן צו קויפן הייזער פון דער רעגירונג און פון עפנטלעכע אינסטיטוציעס, זיי האָבן אָבער געמעגט קויפן הייזער און פּלעצער בלויז אין יידישן קוואַרטאַל, אויב אַזאַ פאַרבאָט איז געווען אין די שטאָטישע פּריווילעגיעס. ווען די מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך גענומען אויסבעסערן די שיטה פון בויאונג אין גאַליציע מיט דער פאָדערונג, אַז די יידישע הייזער זאָלן געבויט ווערן דווקא פון שטיין, האָבן זיי אַרויסגעגעבן דעם 28־טן מערץ 1805 אַ באַזונדערן דעקרעט, וואָס האָט געביטן די לאַגע נישט לטובת די יידן נאָר לרעה, פאַרווערנדיק זיי צו קויפן און דערווערבן יעדן בנין, וואָס האָט פריער נישט געהערט צו אַ יידן. אַפילו אַ הויז וואָס האָט פריער געהערט צו אַ יידן און איז פאַרקויפט געוואָרן צו אַ קריסט האָט אַ ייד נישט געטאָרט קויפן, אויך ווען דער פאַרקויף האָט דעם קריסט געגעבן אַ קלאָרן רווח. דעמביצער יידן האָבן אָבער באַוויזן צו קויפן הייזער און פּלעצער אין אַן אָנזעעוודיקער צאָל, און אין יאָר 1824, ווען זיי האָבן זיך געווענדט צו דער מאַכט, מ'זאָל זיי אויסנאַמווייז באַשטעטיקן זייער אייגנטום איבער די הייזער און פּלעצער, האָט די שטאַטהאַלטעריי אין לעמבערג, די הויפּטשטאָט פון גאַליציע, אַריבערגעפירט זייער בקשה צו דער הויף־קאַנצעליי אין ווין, וועלכע האָט די בקשה באַשטעטיקט, אונטערשטרייכנדיק, אַז דאָס איז בלויז אַן אויסנאַם. אגב, איז אַן אינטערעסאַנטער פּרט, אַז צו יענער צייט זענען די חסידישע צדיקים געווען געגן קויפן הייזער דורך יידן, און דער צדיק ר' מענדל רימאַנאָווער האָט אין דער דערלויבעניש פאַר יידן צו קויפן הייזער געזען אַ תחבולה צוצובינדן די יידן צום גלות און דערנענטערן זיי צום אונטערגאַנג צווישן גויים (מנחם ציון, דף נ"ו־נ"ז).

אונטער דער עסטרייכישער הערשאַפט איז די שטאָט אויסגעוואַקסן און איר עקאָנאָמישע לאַגע איז בעסער געוואָרן, פון וואָס עס האָבן גענאָסן אויך די יידן. עס זענען אָנגעקניפּט געוואָרן שטענדיקע פאַרבינדונגען מיט אַ טייל מדינות פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע. און שוין אין דער ערשטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט זענען אין דער שטאָט געגרינדעט געוואָרן אַ ריי נייע אונטערנעמונגען און וואַרשטאַטן, דער עיקר פון יידן: מילן, זעגן, אַ שוועבעלעך־פאַבריק, אַ זייף־פאַבריק, אַ גלאָז־גיסעריי, אַ בראָנפן־בראַיז. די באַפעלקערונג האָט געהאַט חיונה פון אינדוסטריע, האַנדל און מלאכה, דער עיקר פון יידן.

דערווייל איז דעמביץ אַריבער פונעם באַזיץ פון דער פאַמיליע ראַדזשיוויל אינעם באַזיץ פונעם גראַף ראַטישנסקי, וועלכער האָט אויפגעבויט זיין פּאַלאַץ אינעם דאָרף זאַוואַדאַ, פיר קילאָמעטער פון דעמביץ.

אין יאָר 1831 איז אין דעמביץ אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון כאָליערע, וואָס האָט גורם געווען שווערע ליידן דער באַפעלקערונג, יידן און קריסטן.

אין די פערציקער יאָרן זענען די פּוילישע איינוווינער פון דעמביץ זייער וואַך געווען צו דער פּוילישער באַפרייאונגסבאַוועגונג אין גאַליציע, און נישט איינמאָל זענען זיך די שלאַכטשיצעס, די טוער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, צונויפגעקומען אין דעמביץ צו געהיימע באַראַטונגען, צוליב דעם וואָס דאָרט האָט געוווינט דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פונעם אויפשטאַנד, יאַן טיסאָווסקי, וועלכער איז שפּעטער אויסגערופן געוואָרן אַלס דיקטאַטאָר אין דער קראָקעווער רעפּובליק.

אָבער ווי באַלד ס'איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין קראָקע אין יאָר 1846 און ביי דער אויפמונטערונג פון די

עסטרייכישע מאַכט־אָרגאַנען איז אין דעם אייגענעם יאָר אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון די פויערן געגן די פריצים אין די באַצירקן יאַסלאָ, סאָניק, טאַרנע, אונטער דער אָנפירונג פונעם פויער יאַקוב שעלאַ — האָבן די דעמביצער יידן דורכגעלעבט שווערע טעג פון פחד און מורא, הגם אין דעמביץ גופא האָט גאָרנישט פּאַסירט. די דעמביצער יידן האָבן די גאַנצע צייט אויסגעקוקט מיט שרעק: פון איין זייט טאָמער וועלן די פריצים גוט־באַזיצער זוכן נקמה צו נעמען אויף זיי הלמאי דער יידישער שענקער לייזקע שטערן איז געווען די רעכטע האַנט פון שעלאַ, דעם שעף פונעם אויפשטאַנד. און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי זיך געשראָקן פאַר די פויערן, וואָס האָבן געטענהט, אַז זיי העלפן דער שלאַכטע אונטערדריקן דעם פויער. פונדעסטוועגן איז אין די דאָזיקע געשעענישן איינגעבראָכן געוואָרן די הערשאַפט פון די גוט־באַזיצער אין דער דאָזיקער סביבה, און צום ערשטן עסטרייכישן פאַרלאַמענט, וואָס איז גערופן געוואָרן קיין ווין נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848, איז פון דעמביץ אויסגעקליבן געוואָרן דער פויער קאַזשימיעזש וואַלטשאַק.

אַנטקעגן דעם איז נישט איבעריק שטאַרק געווען אין לעבן פונעם שטעטל דער רושם פונעם פוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1863, הגם די נאַציאָנאַלע פוילישן אָרגאַניזאַציע אין מערב־גאַליציע האָט געמאַכט אָנשטרענגונגען אַריינצוציען די דעמביצער יוגנט אין די רייען פון די אויפשטענדלער.

צו ביסלעכווייז האָט זיך די לאַגע פון די דעמביצער יידן געבעסערט פון זינט די עסטרייכישע יידן האָבן אין אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט באַקומען די אויסגעבענקטע גלייכבאַרעכטיקונג און עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די באַזונדערע געזעצן, וואָס זענען אויסן געווען נישט צו דערלאָזן זייער פאַרמערונג און אַרויסשטופן זיי פונעם עקאָנאָמישן לעבן. אַ גרויסן צושטייער פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע האָט געגעבן די אייזנבאַן אויפן נאָמען פון קאַרל לודוויג, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם גאַנצן צפון פון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע פון ווין ביז לעמבערג, און דעמביץ איז געווען איינע פון אירע סטאַציעס.

דער יידישער יישוב אין דעמביץ, וואָס האָט אין יאָר 1848 געציילט 500 נפשות און אין דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1865 ביי 1000 נפשות — כמעט טאָפּלט, האָט אין דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1880 שוין געציילט 2385 נפשות, וואָס האָבן באַטראָפן 73,2% פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. אָבער אַסך פאַמעלעכער איז געווען די קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג, ווייל די אַנטשיידנדיקע מערהייט פונעם עולם אין שטעטל איז געווען מיט די חסידים, אָדער געהיט זיך איינצורייסן מיט זיי.

אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט זיך גענומען פאַרשפרייטן אין דעמביץ און אין דער סביבה דאָס מין חסידות פונעם צדיק ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּטשיץ (1760—1827), ביז דאָס שטעטל איז צום סוף אַליין געוואָרן אַ מעטראָפּאָליע פון חסידים, וואָס האָבן נאָך אַ שווער געראַנגל אַרויפגעזעצט אויפן כסא הרבנות איינעם פון זיינע אייניקלעך, ר׳ ראובן האָראָוויץ.

וועגן דער געשיכטע פונעם רבנות אין דעמביץ ביז דער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך נישט איינגעהיט קיין שום ידיעה. די ערשטע רבנים אין דעמביץ, וועמענס נאָמען איז דערמאָנט אין די מקורות, זענען ר׳ שמואל און ר׳ אליעזר פון דער משפחה האָראָוויץ, וואָס זענען געשטאַנען בראש פון דער קהילה אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט. זיי האָבן געהערט צו דער באַרימטער משפחה האָראָוויץ, אָבער מ׳דאַרף זיי נישט פאַרבייטן מיט דער משפחה פונעם צדיק ר׳ נפתלי פון ראָפּטשיץ, וואָס האָט דעם נאָמען האָראָוויץ ערשט שפּעטער באַקומען. ווען ר׳ אליעזר האָראָוויץ איז געשטאָרבן אין יאָר 1790, איז אויפגענומען געוואָרן פאַר מורה־הוראה אין דעמביץ ר׳ נתן לאנדא הכהן, וואָס האָט געהאַלטן דאָס רבנות ביזן יאָר 1809. נאָך אים איז געוואָרן מורה־הוראה אין דעמביץ ר׳ שמואל העניך פון דער משפחה געווירץ, וואָס האָט געהאַלטן דאָס רבנות ביזן יאָר 1820. נאָך זיין טויט האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פונעם רב זיין זון, דער דיין ר׳ אליהו געווירץ. ווען ער איז נפטר געוואָרן איז דאָס דעמביצער רבנות נישט געווען באַזעצט כמה שנים, און בלויז אין יאָר 1872 האָט ר׳ ראובן האָראָוויץ באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו באַזעצן אין דעמביץ, סיי אַלס רב, סיי אַלס רבי.

ממילא האָט די השכלה באַוועגונג נישט געהאַט קיין איבעריק שטאַרקן אָפּקלאַנג צווישן די דעמביצער יידן, וואָס האָבן זיך ווייטער געהאַלטן אָן דעם טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער. ערשט ביים אָנהייב פונעם 20־טן יאָרהונדערט האָט זיך גענומען אָנצייכענען צווישן די דעמביצער יידן אַ קולטורעלער פאָרטשריט אין אַ ברייטערן פאַרנעם און ס׳האָבן זיך שוין געפונען משפחות וואָס האָבן געהאַט דעם מוט צו שיקן זייערע קינדער נישט בלויז אין דער אַלגעמיינער פּוילישער שולע נאָר אויך אין דער גימנאַזיע, און אין יאָר 1907 האָבן דאָרט געלערנט, צווישן 406 שילער, 27 יידן, וואָס אַ טייל פון זיי האָט געשטאַמט פון אויסער דער שטאָט.

לויט אַן אינסטרוקציע פונעם דערציונגס־און רעליגיעמיניסטער אין ווין דעם 2־טן אַפּריל 1891 איז די קהילה אין דעמביץ, וואָס עס האָט געהערט צום פּאָליטישן קרייז ראָפּטשיץ, דערקלערט געוואָרן אַלס זעלבשטענדיקע קהילה מיט אַן אייגענעם קהילה־פאַרשטאַנד. אָבער די דאָזיקע קהילה, האָט ווי אין די פריערדיקע יאָרן, געזאָרגט אויסשליסלעך פאַר די רעליגיעזע באַדערפענישן און קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין איניציאַטיוו צו פאַרריכטן די אַלץ ערגערע עקאָנאָמישע און קולטורעלע לאַגע פון דער וואַקסנדיקער יידישער באַפעלקערונג, און אַ סך זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל צוליבן מאַנגל פון פּרנסה־קוואַלן.

נאָך פאַר דער איינפירונג פונעם נייעם קהילה־געזעץ, אין יאָר 1890, האָט עקזיסטירט ביי דער קהילה אַ פאָנד פאַר אָרעמלייט. איר אייגן־פאַרמעג איז געווען: פּלעצער אויף אַ שטח פון 6 אַקער אין אַ סומע פון 3000 גולדן און אָבליגאַציעס.


די לעצטע קהילה־פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון: ר׳ מענדל מאהלער — פאָרשטאַנד, ישראל שטאָרך — שטעל־

פאַרטרעטער; ראַט־מיטגלידער: יעקב טאוב, יונה געשווינד, הערש שולדנפריי, יעקב לישע, חיים אַלסטער, משה זאָמער, אברהם קאָס. קהילה־סעקרעטאַר איז געווען יודל טעוול. יידי־שער רעליגיאָנס־לערער אין דער אַלגעמיינער שולע איז גע־ווען משה וואַלאַך. דער בודזשעט פון דער קהילה אין יאָר 1914 האָט באַטראָפן 13,000 קראָנען.

אונטער דער אויפזיכט פון דער קהילה האָבן געאַרבעט אויך אַ חברה קדישא און אַ חברה ביקור חולים, און בראש פון איר יעקב טאוב. דעסגלייכן האָט עקזיסטירט אַ הקדש פאַר אָרעמעלייט.

ערשטע שפּראָצונגען פון ציוניזם אין דעמביץ האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן ביים אָנהייב פון דער ציוניסטישער באַווע־גונג אין די נײַנציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. אָבער צו ברייטערע קרייזן, ווי עס ווייזט אויס, איז דער ציוניסטישער געדאַנק דערגאַנגען ערשט זינט דעם יאָר 1907. אַ דאַנק דעם גרויסן רושם פון דעם יוירונגס־פּראָצעס, וואָס האָט זיך אויס־געשפּרייט צווישן די יידן אין גאַליציע צוליב דעם וואַל־קאַמף צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, וועלכער איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל געקליבן געוואָרן דורך אַלגעמיינע וואַלן.

אין דער געשיכטע פון ציוניזם איך גאַליציע איז דעמביץ פאַרשריבן ספּעציעל דורך דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון בעלי־בתּישע בחורים, „הסתדרות הבחורים התלמודיים „השחר”, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען חול־המועד תרס״ח (1908) אין האָטעל באָרנשטיין.



הגמנסיה הממשלתית — די גימנאַזיע

עד מלחמת העולם הראשונה

סיפור הדברים שניתן במדור הזה ובכל הרשימות שבספר שאין עליהם חתימת מחברם מהווה כעין סיכום לדברים שבעל־פה, שהושמעו בשיחות עם בני דמביץ, וכן לדברים שבכתב שלא היה בהם כדי מיצוי הנושא אבל פרטים רבים ביותר נמצאו חשובים למדי בשביל לשלבם בתיאור התקופה.

לתיאור עסקי הרבנות בדמביץ הוסיפו ביחוד מזכרונות אישיים וממסורת הדורות הגב׳ פרל פאוסט ז״ל ומר יצחק פרימן שיח׳.

עיר ורבניה

על דמותה של הקהילה היהודית בדמביץ אפשר ללמוד גם מן העובדה שבמרכז העיר העתיקה — הכנסיה ומושבו של הכומר — לא היו בתי נוצרים כלל, ובין שורת החנויות היהודיות, שמאחוריהן עמד בית הכנסת עם המקוה, לא היתה כל חציצה מלבד דרך המלך ובנין בית המשפט, שהוקם במאוחר על המגרש שלפני הכנסיה.

חייהם של יהודי דמביץ בחומר וברוח לא היו שונים מחיי היהודים בכל עריה ועיירותיה של פולין הקטנה. לדיבור היהודי, אמנם, היו כמה סימנים מובהקים של ניב מיוחד, וגם הוא מסימני ותיקותה של קהילה. אוצר המלים של לשון זו הזכיר בהרבה את לשונם של יהודי גליציה המזרחית, אולי סימן שהמתישבים היהודים הראשונים בדמביץ באו משם.

בזכרונם על דורות שעברו לא נשתמרה שום ידיעה על רדיפות מיוחדות כלפיהם מצד הרשות, ועלינו להודות להיס־טוריון המצויין מר נ. מ. ג ל ב ר, שפתח בפנינו כמה שערים, שהיו סתומים בפנינו מדור־דור בפרשה זו (ע׳ בפרק הקודם).

יהודי דמביץ לא הצטיינו בעושר מופלג מעולם. עד ראשית המאה העשרים לא היה בעיירה אלא בית יהודי אחד של שתי קומות, והצפיפות בדירות היתה גדולה. במסחרם הסתפקו תמיד ברווח מועט. בכליון עינים היו מצפים המוני יהודים ליריד בארטל־מארק, שהיה מקור חשוב לפרנסתם, ורבים היו נוסעים לירידים בעיירות הסמוכות והרחוקות, להביא טרף לביתם.

העיר הישנה, שגבולה מצד מערב היה נחל סטאַשובקה, נעשתה כבר מראשית המאה השמונה־עשרה צרה מהכיל את הישוב כולו. יהודים התחילו להתישב גם מעברו השני של הנחל, לקנות מגרשים ולבנות בתים בעיר החדשה, שככר מרו־בעת גדולה במרכזה — היא ככר השוק. כל הבנינים שמסביב לשוק נבנו על־ידי יהודים. עד ראשית המאה העשרים לא היתה כאן, כמו שלא היתה בעיר הישנה, אלא חנות אחת של נוצרי, ואף זו — חנותו של סרדניצקי — יותר משהיתה חנות של מכולת, היתה מסעדה לקציני צבא אוסטריים ולפקידי השלטון הפולניים. בצד אחד של השוק התרכז המסחר באריגים ובצרכי הלבשה והנעלה — שורת בתים אלה נקראה „די צייל" או „די פאַטשטענע". כאן נמשך לאורך הבתים כעין יציע מקורה, שתחתיו עמדו דוכני הסוחרים באריגים ובגדים, מטפחות צבעוניות, סרטים ושרוכים ושאר מיני סדקית. מאחורי השפע הצבעוני הזה התרכזה הדלות היהודית האפורה ודאגותיה יום־יום.

אורח חייהם של יהודי דמביץ, אף של האמידים, היה בדרך כלל צנוע ומתון. אף על פי כן היו הבדלים ניכרים בין הקצוות והיו כאלה שלא טעמו טעם בשר אלא אחת בשבת. דבר זה ניכר כלפי חוץ בארוחת הבוקר שילדי החדר היו מביאים אתם כדי לאכלן בשעת הפסקה: בני האמידים היו מביאים אתם לחמניות או כעכים מרוחים בחמאה, ואילו ילדי עניים, בעיקר מגרי הסימטאות, שתי פרוסות לחם ישן שנחרך על פחי תנור המבשל ונמרח בקצת שום מלמעלה. על יסוד זה התנהל מדי יום ביומו סחר־חליפין בין הילדים, כאשר עיניהם של אלה יוצאות מחוריהן למחצית כעך מרוח בחמאה, ובני האמידים מתאוים דווקא ללחם חרוך מרוח בשום...

אותה דלות יהודית שקיננה ב„קצווי הכרך", בסמוך לבתי גויים ובשכנות אתם, היתה מנקרת אף את עיני הגויים, שתמהו לא פעם על דלותם האיומה של שכניהם היהודים, הניזונים מלחם יבש ומשום בלבד. אלה, השכנים הגויים, יש וידעו על הדלות היהודית יותר מאשר גבאי־צדקה יהודים. שכן ישראל ביישנים הם, והעוני, גם בדמביץ, נחשב לחרפה.

דעה מקובלת היתה בקרב האוכלוסיה היהודית, רובה ככולה, שהדלות והעושר מן השמים גוזרים עליהם, ואין עצה כנגד העניות אלא חסדי־שמים. יהודים רחמנים הם ותומכי עניים, והעשירים בדמביץ, אמנם, היו מקיימים מתן צדקה, וגם בסתר, אף על פי כן כסבורים היו, שהעניים נוצרו בשביל שהם יוכלו לקיים מצוה זו. רעיון העזרה הקונסטרוקטיבית, רעיון הארגון לשם תיקון מצבן של השכבות הדלות לא חרג בדמביץ שלפני מלחמת העולם הראשונה מכלל גמילות־חסדים. הנדבה ניתנה כדי חיי־שעה בלבד.

דלות זו היתה מקור ההגירה לערים גדולות או לארצות הים, תחילה לגרמניה וללונדון, אח"כ, עם נעילת השערים לאנגליה, אל ארצות הברית. והיא שגרמה, על אף הריבוי הטבעי הגדול, להתמעטותם הבלתי־פוסקת של היהודים בדמ־ביץ ב־70 שנה האחרונות.

עם זאת היתה דמביץ עיר של יראי שמים ולומדי תורה צנועים, שאמנם לא העמידו מקרבם גדולי תורה מפורסמים בעולם, אלא אם נמנה לכאן את הרב ר׳ חיים נתן דמביצר מקראקא, שהיה מגדולי התורה באמצע המאה התשע־עשרה ומחברם של ספרים רבים, אשר שמו וגם מסורת משפחתו מורים על מוצא אבותיו מדמביץ.

גם על דמביץ, כמובן, לא פסחה צמיחת החסידות. רבים מיהודיה היו מחסידיו של הצדיק המפורסם ר׳ נפתלי מרופשיץ, שרשתו היתה פרושה על כל הסביבה.

כאשר נתפנה כסא הרבנות בדמביץ עם הסתלקות הרב הקודם, ר׳ העניך געווירץ, ביקשו חסידי רופשיץ להכתיר כרב את ר׳ ראובן הורוביץ, בנו הצעיר של הצדיק ר׳ אליעזר



פינה בככר השוק — אַ ווינקל פון מאַרק.

מדז׳יקוב ובן בנו של ר׳ נפתלי מרופשיץ. ברם, בין יהודי דמביץ היו מרובים חסידי הרבי ר׳ שלמה זלמן מוויאלופוליה, גם היא עיירה סמוכה לדמביץ, והללו התנגדו לקבלת רב שלא מאנשי שלומם. המחלוקת נמשכה כמה שנים ומשום כך התנהלו עניני הרבנות על־ידי שני הדיינים: ר׳ יצחק, שהיה קרוי ר׳ איטשע זילברמן, ור׳ אלי״ש (אליהו) גווירץ, בנו של ר׳ העניך גווירץ, הרב מאריה דאתרא האחרון בדמביץ לפני כיבוש הרבנות על ידי חסידי רופשיץ, כפי שמוכיחה מצבתו שנשתמרה עד ימי השואה בבית־הקברות אצל הגדר בנוסח:

אבן מקיר תזעק
וי על האי שופרא...
רב מאריה דאתרא.

ר׳ אלי״ש היה משמש כדיין שלא על מנת לקבל פרס. פרנסה בריווח היתה לו מעסקיו הגדולים שהתנהלו על־ידי אשתו מרת חנה׳לע. בנו של ר׳ אלי״ש היה הגביר ר׳ דניאל גווירץ, תקיף העיירה, אשר על פיו התנהלו כל עניני הקהילה, והוא החליט בלבו, כי כל עוד אביו, ר׳ אלי״ש הדיין, חי, לא יעלה איש על כסא הרבנות בדמביץ. וכך היה. רק משמת ר׳ אלי״ש גווירץ הסכים ר׳ דניאל לקבל כרב ואב״ד את ר׳ ראובן, בנו של ר׳ אליעזר מדז׳יקוב. אמנם עברו עוד שנים אחדות עד שחסידי רופשיץ גברו על חסידי וויאלופוליה, והצדיק ר׳ ראובן התישב בעיר.

הצדיק ר׳ ראובן

ב„ספר אהל נפתלי" (למברג, תרע״א) מובאה שיחת הסידים בדבר הדרך שבה הבטיח הרבי ר׳ נפתלי מרופשיץ את הרבנות בקהילת דמביץ לבני בניו אחריו, וזה לשונו: „פעם אחת בא הרבי ר׳ נפתלי מרופשיץ לק׳ דנביץ ושלח אחר הבעלי בתים וילדיהם ועשה סעודה גדולה לפניהם ונתן להילדים יין בעצמו ואמר: ,המלאכים לא יכלו להעיז נגד משה רבינו עליו השלום במתן תורה מחמת שאכלו בסעודת אברהם זקנו. תדעו שאחד מזרעי יהיה רב פה, ועל ידי זה שנהנים אתם ממני לא תוכלו להרע לו׳. ואמר לילד אחד, שמו שניאור, ועוד שנים: ,תזכרו זאת!׳ ואחר כך נסתבב, ששלושה הילדים הללו היו ראשי הקהילה׳. עד כאן.

בשעה שר׳ ראובן נתקבל כרב בדמביץ היה עדיין אברך צעיר. אף על פי כן הצליח לקנות את לבם של בני העיר. בחתונות היו נוהגים להביא לפניו בכרכרות את הכלות לפני שייכנסו לחופה כדי שיברך אותן, ולא עבר זמן רב והתחילו הסידים נוהרים אליו מכל גליציה המערבית להסב עמו אל השולחן ולשמוע לדברי תורתו.

על מידותיו והתנהגותו מספר הרב אברהם חיים שמחה בונם מיכלזון, מחברו של ספר „אהל נפתלי", כי משנתו השתים־עשרה לא היה ישן בשבתות, אלא רוקד כנגד שבת מלכתא, וכשבא לדמביץ היו אנשי העיר מקיימים אצלו ד׳ משמרות לזמן ולרקוד עמו. גם בשבוע שמתה אמו הרבנית

עשה כך. ואמר להרב מיכלזון קרובו, שנוכח בעת מעשה: „כיון שמעולם אני מתנהג כך, אם לא אעשה בשבת זו, והיה זה אבלות שבפרהסיא". הדבר היה בשנת תרל"ב.

אשתו הראשונה של ר' ראובן, בתו של הצדיק ר' איסר מרוזוואדוב, מתה בצעירותה לאחר שילדה לו בן אחד, הוא ר' אלתר, שירש אחריו את כסא הרבנות. אשתו השניה, הרבנית דבורה'לע, לא היתה מגזע רבנים, אלא בת מאומצת של אחד מחסידיו. לאחר שנתאלמן ר' ראובן מאשתו הראשונה בא אליו אחד מחסידיו, עשיר מופלג ובעל נכסים רבים, ואמר: רבי, אלהים נתן לי הרבה נכסים וכסף אבל בנים לא נתן לי. לכן אימצתי לי את בת אחי. יקחנה רבי לאשה ואתן לו כל כספי ועשרי. ואמנם לקח לו הרבי לאשה את הבחורה דבורה'לע, שמלבד הכסף והנכסים שהביאה עמה, ילדה לו שני בנים ושלוש בנות.

ר' ראובן, שהיה בן תורה מובהק, לא עסק בכלל במשק ביתו, גם לא בניהול הענינים הצדדיים של האדמו"רות. בכל אלה עשתה הרבנית דבורה'לע, שנוסף על הנכסים שהביאה עמה עוד הוסיפה לקנות נכסים. בית מגוריו של ר' ראובן היה על־יד בית־הכנסת שבעיר החדשה. הרבנית קנתה קרקעות מעבר לנחל הקרוב, באותו מקום שבו נמצאה אחר כך חצר בנה הרב ר' שמואל, והשכירה אותן לגויים שכנים למרעה. לימים, לאחר שנסתלק ר' ראובן, מכרה מגרשים אחד אחד, כל־אימת שהצטרכה להשיא את הבנות והבנים.

בדין תורה היה ר' ראובן יושב כרגיל עם הדיין ר' איטשע, שלא היה מחסידיו ועומד על דעתו, ואמנם לא תמיד, היה השלום שורה ביניהם.

פעם אחת, בדין תורה שבו דרשו הצדדים פסק־דין נקי על פי התורה, והרב והדיין התנצחו זה עם זה בהלכה, דחף ר' ראובן את הדיין ר' איטשע בריתחת הוויכוח, עד שהלה התעלף והיה הכרח להובילו לביתו. ר' ראובן הצטער על כך מאד, אך לא היה לפי כבודו להתנצל, עד שהתערב ראש הקהל ר' דניאל גווירץ ותבע ממנו לפייס את הדיין, באיום שאם לא יפייס „יישלחהו תחת משמר לרוזוואדוב", שמשם בא. וגם להלן לא היה השלום שורה בין הראב"ד והדיין.

על כך מספרים: פעם אחת בא השוחט ר' לייבוש, אביו של ר' טוביה שוחט, לפני ר' ראובן בטענה נגד הדיין ר' איטשע שהתיר בהמה שהיה בריאתה גידול בצורת וו. שלח ר' ראובן לקרוא לדיין ותבע ממנו שיבטל את ההיתר. משסירב ר' איטשע לעשות כך, ציוה ר' ראובן להכריז בבתי הכנסיות, כי אלה שקנו מן הבשר הזה, ידעו שבשר טריפה הוא.

ר' איטשע שלא היה אוכל בשר בקר לעולם, משמע על הכרזת הרב, ציוה לקנות בשבילו בשר מן הבהמה ההיא דווקא ואכל ממנו. פרצה מחלוקת גדולה בעיר וראשי הקהל שלחו לשאול אצל רבה של לבוב, ר' יצחק שמלקס, בעהמ"ח של ספר „בית יצחק", והלה פסק כר' יצחק זילברמן ועוד פקד תענית על כל אלה שביזו את המאכל הכשר.



הדרך לתחנת־הרכבת — די באַן גאַס.

ברם, המחלוקת הזאת לא היה בה כלל כדי להמעיט את דביקותם של חסידי דמביץ ברבם, ודבקות זו עוד הלכה וגברה, כאשר עם הסתלקותו של ר׳ ראובן ירש את מקומו בנו הבכור ר׳ אלתר, שנתמזגו בו תכונות הצדיק עם פיקחות מיוחדת במילי דעלמא.

תיאור מעניין על חכמתו והליכותיו של צדיק זה אנו מוצ־אים בספר „זכרונות מחיי" מאת מר יוסף מרגושס, שהכיר את הרבי ר׳ אלתר בשנות השמונים של המאה שעברה.

„באמצע החורף הגיע לרדומישלא הרבי מדמביץ, ר׳ אלתר הורוביץ. במשך שבוע תמים היה הרבי אורחו של אבי־חותני ר׳ יודל שטיגליץ, שהיה מחשובי חסידיו, כיון שהיה נוסע עוד אל אביו ר׳ ראובן הורוביץ, נכדו של הרבי סבא, ר׳ נפתלי מרופשיץ.

מובן, שתיכף ביום בואו באתי אצלו לקבל פניו, גם נשארתי ברדומישלא לשבת וחזיתי בהליכות השולחן שלו. ושוב הייתי אצלו לפני שנסע לביתו, ומסרתי לו „פתק" (קוויטל) עם „פדיון", חמשה זהובים, טבין ותקילין.

ה„פתק" לא היה לי מה לרשום בו. אותה שעה לא הייתי עדיין סוחר ולא מוכר, גם בנים לא היו לי. על כן רשמתי ב„פתק" רק את שמי ושם זוגתי בצירוף שלוש מלים: „להצלחה ולבריאות הגוף".

את ה„פדיון" נטל הרבי מיד ושם אותו בכיסו. אבל את ה„פתק", אף על פי שקצר היה, קרא שתים שלוש פעמים, אחר כך אמר לי: — גם אתה צריך פתק?

לא הבינותי תחילה למה מכוונים דבריו. ברם, כשסחתי זאת אח"כ לאבי־חותני, חייך בהנאה ופירש את הדברים כהאי לישנא:

— כיוון שאתה אברך צעיר האוכל על שולחן חותנו ואינו עוסק בפרקמטיא, וילדים אין לך לפי שעה — במה יברכך?..

ואילו אני עצמי שמתי בדברים פשט אחר לגמרי. לדידי ידע ר׳ אלתר יפה ש„משכיל" אני ומ„קטני אמונה", ובכן מה אני משתטה ב„פתק"?

מהתם ואילך הייתי אצלו כמה וכמה פעמים. הוא נחשב לי יהודי פיקח מאד ועתים קרובות הייתי מתייעץ עמו בעסקיי, ותמיד הייתי מהנה אותו בכסף הגון, אבל „פתק" שוב לא נתתי לו, והוא היה פיקח משידרוש זאת ממני. מאדם אחר ודאי היה תובע זאת.

הרב של דמביץ, ר׳ אלתר הורוביץ, זכרונו לברכה, היה באמת יהודי יקר וחכם גדול במילי דעלמא. הוא היה בקיא בכל מיני עסקים, כאילו הוא סוחר מנוסה ביותר, ולא נמצא בין חסידיו אפילו אחד, שלא סיפר לו בפרטיות ובתכלית־הדיוק על מסחריו.

כל אימת שהיה חותני עומד בגמר איזה ענין היה מתייעץ עם הרב מדמביץ, שנחשב לו ידיד נעורים נאמן. כשיצא חותני מזגורסק וחיפש לו אחוזה אחרת, נתכנס הרב מדמביץ בדבר הזה ברוב ענין והציע לו כמה אחוזות לחכירה.

ר׳ אלתר, כאמור, ידען גדול היה במילי דעלמא ואפילו מבין גדול בסוסים...

בין חסידיו היה סוחר סוסים מרדומילשא, הרשל שמו. מסחרו גדול היה, תמיד בקרונות רכבת מלאים סוסים שהיה משלחם לפרייסין (ארבעה־עשר סוסים נטענים בקרון אחד). כיון שברדומישלא לא היתה תחנת רכבת וכפר צ׳רנא לא היו בו הסידורים הנוחים לכך, היה הרשל מקיים תחנתו הראשית בדמביץ.

הוא ועוזריו היו תרים בהרבה עיירות בירידים ואת הסוסים שקנו היו מוליכים לדמביץ ומשם לפרייסין ברכבת.

כל אימת שהיה הרשל מוציא משלוח סוסים לפרייסין, היה נוהג לבוא תחילה אצל הרבי בדמביץ, שיעניק לו ברכתו לעסק. בתורת פדיון היה משלשל לרבי סך זהובים כמספר הסוסים שהיה שולח אותה שעה לפרייסין, עתים ארבעים סוס ויותר מזה בשבוע.

אלא שהרבי מדמביץ לא הסתפק מעולם בברכה שנתן לחסידו, אלא ביקש ממנו, כי כל פעם שיוביל סוסים לטעינה ברכבת יעבירם לפני ביתו, שיוכל להסתכל בהם כראוי.

פעמים אחדות נזדמן לי להיות עד ראיה בהצגה כזו של סוסי הרשל לפני הרב הצדיק.

ר׳ אלתר היה עומד בחוץ במעקה שלפני ביתו, סמוך לדרך המלך, המוליכה לעיירה פילזנו ובמגרש הגדול שלפני הבית עמדו כארבעים סוס עם סייסיהם. כל סוס הועבר לבדו והרב היה שואל אצל הרשל כמה עלה לו זה.

היה הרבי מחזיק מקל דק בידו ומסתכל בסוס בראייתו החדה וברוב מבינות.

לא פעם היה אומר פתאום:

— הרשל, מה זה שם אצלו ברגלו הימנית?

הרשל, שלפני כן לא הבחין בכך, נאלץ להודות שצדק הרבי: ברגלו הימנית של הסוס נמצאה צבית קלה שצריך היה לחבשה מיד.

פעמים, כאשר סוס לא נשא חן ביותר בעיני הרבי, היה מצוה על אחד הסייסים לעלות עליו ולרכוב לפניו פעמים אחדות, לראות „כיצד הוא רץ".

הוא התמצא יפה במחירו של כל סוס ולא אחת היה אומר אל הרשל:

— אי, הפילו אותך בפח! מהצחור הזה כבר לא תרוויח ממון רב.

בנים לא היו לו לר׳ אלתר, גם לא היה בעל הוצאה גדולה. אבל הרבנות והאדמו"רות הכניסו יפה ותמיד היה ברשותו כסף מזומן. לכן היה מלווה מכספו לכמה מחסידיו ברבית נמוכה, ואירע, אפילו, שהיה שותף במקצת לסחרם כנותן כסף...

מקורבו מנדל קליינמן, סוחר יערות גדול, היה חב לו תמיד כמה אלפים זהובים וכשהובא לפשיטת הרגל — במחלוקת עם בני גוטווירט — הפסיד בכך הרבי כמה אלפי זהובים, ששוב לא ראה אותם לעולם. אף על פי כן היה מנדל גם להלן בין חסידיו והרבי עוד סייעו בעת הצורך בכסף מזומן.

יהודי פיקח ועדין היה הרבי מדמביץ. אין יהודים רבים דומים לו. תהי נשמתו צרורה בצרור החיים!"

בנוהג שבעולם פיקחותו של ר׳ אלתר בעסקים נתפרשה להם לחסידיו בדרך המופת, מעשי־נסים ממש. פעם אחת, כך סיפרו בדמביץ, עלה בדעתו של ר׳ אלתר, שאחד מחסידיו, ר׳ יואל גריצמן, צריך לקנות את ביתו של אחד הגויים בעיר. קרא לר׳ ישראל הגבאי ואמר לו: לך אל יואל גריצמן ואמור לו שיקנה ביתו של פלוני הגוי. משמשע כך ר׳ יואל, התלבש ובא אל הרבי וטען בפניו: איך אקנה את הבית ואין לי כסף? אמר לו ר׳ אלתר: תן לו דמי קדימה. עמד ר׳ יואל בדלת ופקפק, אחר כך הלך לו ולמחרת נמצא הכסף למתן דמי־קדימה...

הרבי ר׳ אלתר חלוש היה מקטנותו, צנום בגופו, וחשוך בנים, ברם את חצרו נהג בהידור רב ובגינוני מלכות. מכיון שסוחרים רבים היו מביאים לו כסף ומתנות לרוב, סוסים ועגלות וכל טוב, יכול היה לעזוב את הבית הקודם שעל יד בית הכנסת ולבנות לו חצר מרווחת, זו ששימשה חצר הרבי עד סוף ימיה של דמביץ היהודית. בחצרו של ר׳ אלתר היו אורוות לסוסים ומרכבות לטיולים וסייס, סוכה גדולה בנויה עם גג מיטלטל, שהכילה בחג הסוכות את הרבי עם כל חסידיו והפמליה שלו, חדרי שינה ומטבח ובית מדרש מיוחד, וכל זה מוקף גן פירות גדול, שצמחו בו גם פירות של ארץ־ישראל: ענבים, זיתים, אפרסקים וצפורן להבדלה. צמחי הצפורן המיובשים היו שמים בכל יום ששי על גחלים לוחש והגבאי ר׳ ישראל ריינר מעביר אותן במחבת בכל החדרים, שיספגו ריח בשמים לכבוד השבת.

והיו לו לר׳ אלתר ארבעה גבאים: האחד אֲשר אֲפל, ששימשו בחיצוניות וישן עמו בחדר, אחד שהיה כותב הפת־קאות, אחד שעמד על יד הדלת, ועל כולם היה ממונה הגבאי ר׳ ישראל (ריינר), שהיה תופס משרה זו כבר בימיו של ר׳ ראובן והיה יועצו הפרטי של ר׳ אלתר והמוציא לפועל את רעיונותיו המרובים, ביחוד בשטח המסחר והעסקים.

ר׳ ישראל ריינר היה חניכו של הרבי ר׳ ראובן. וכך היה המעשה: אמו של ר׳ ישראל בת־דודה של ר׳ ראובן היתה



ר׳ ישראל ריינער



בדרך מבית־הכנסת — פון שול אַהיים.

ונישאה לרבי מברנוב, שלא האריך ימים לאחר שנולד ר׳ ישראל. מה עשה ר׳ ראובן? השיא את בת־דודתו לחסיד שלו, ר׳ קלמן פפר, שהיה עשיר ובעל נכסים רבים, והילד נתחנך אצל ר׳ ראובן. לכשגדל נעשה יד ימינו לכל דבר ור׳ ראובן חיתן אותו עם בתו של חסיד שלו, השוחט מריגליץ.

ביתו של ר׳ ישראל היה סמוך לגן ולחצר הרבנות ואף על פי שבעל משפחה היה, רגיל היה לבלות כל ימיו בבית הרבי, תחילה ר׳ ראובן, אחר כך ר׳ אלתר, ולכשנפטר זה שימש גבאי אצל ר׳ שמואל. חסידים שבדמביץ היו באים אל ר׳ ישראל להתיעץ עמו בעניניהם, בין משפחתיים, בין מסחריים וצבוריים, ביחוד לאחר שמת ר׳ אלתר.

ר׳ אלתר לא זכה, מפאת בריאותו הרופפת, לחיים ארוכים, ומותו בלא עת גרם למחלוקת על כסא הרבנות בדמביץ, בין ר׳ בצלאל, בעלה של גיטלה, בתו הבכורה של ר׳ ראובן, שהיה תחילה סמוך על שולחן חותנו ואח״כ התישב בפילזנו, לבין בנו של ר׳ ראובן, ר׳ שמואל, שהיה כבר רב בעיירה פריסטיק.

מחלוקת זו זיעזעה את העיירה כולה, עד שגם הגויים שבעיירה נמשכו לתוכה. אותה שעה שיהודים עמדו בשוק והתווכחו ביניהם, מי לצד ר׳ שמואל, ומי לצד ר׳ בצלאל, היו הגויים מתערבים בוויכוח, זה „זאַ שמולם" וזה „זאַ צאלקם". הריב נמשך כשלוש שנים עד שבא לדמביץ הרבי משיניאווא כשליש והוא פסק: שאת כסא הרבנות בדמביץ יקבל ר׳ שמואל, בנו של ר׳ ראובן, והוא חייב לפצות את גיסו ר׳ בצלאל בסך שלושת אלפים זהובים, כדי שיקנה לו את הרבנות בפילזנו. ברם ר׳ בצלאל, לאחר שעלה לרבנות בפילזנו, לא האריך ימים. במותו נתחדשה המחלוקת עם ר׳ שמואל. כיון שמת ר׳ בצלאל בפילזנו, החליטו קרוביו ומקורביו להביאו לקבורה בדמביץ אצל קבר חותנו ר׳ ראובן, אבל הרב מאריה

דאתרא, ר׳ שמואל הורוביץ, לא הסכים לכך, שכן ביקש לשמור את המקום בצד ר׳ ראובן בשביל עצמו. ואמנם משמת ר׳ שמואל בשנת 1923 הניחוהו מימין לקברו של ר׳ ראובן בעוד שר׳ אלתר נקבר משמאלו.

עם מותו של ר׳ אלתר נסתיימה בעצם פרשת הגדולה והפאר הקצרה של השושלת ומתחילה תקופה חדשה גם מבחינות חברתיות אחרות.

הרב ר׳ שמואל

הרב ר׳ שמואל סילק את כל פארה הקודם של החצר עם המרכבות והסוסים, וכן שילח את הסייס, וחי בצניעות מחלקו בקרובקא (קרן מכספי הקהל שהצטרפה מדמי שחיטה, חתונות, קבורה וכו׳) יחד עם אלמנת ר׳ אלתר, הרבנית רייצה, השו־חטים, הדיין, החזן והמוהל. ועוד היו באים לשבתות וחגים ויומי־דפגרא חסידים, עשירים ועניים, והיו אוכלים על שול־חנו, אמנם לא בשפע, אך לא לפי יכולת החצר, שנתמעטה, והרבנית מרת גיטלה התאוננה על כך לא אחת בפני ר׳ ישראל גבאי, מנהל המשק.

בין חסידיו של ר׳ שמואל נמנו גם כמה וכמה מיהודי פריסטיק שנתקשרו אליו בימים שישב בעיירתם, אלא דא עקא שלא כל חסידיו של ר׳ אלתר נהו אחרי ר׳ שמואל יורשו. כמה מתומכיו של ר׳ בצלאל נשארו מתנגדים לר׳ שמואל עד סוף ימיהם והיו נוסעים לשבתות וחגים או שאר יומי דפגרא לפילזנו בשתיים שלוש עגלות וכשהיו עוברים אצל החצר היו פוצחים בשיר ובקולי־קולות, בכוונה להכעיס, לצערו הגדול של ר׳ שמואל.

עם עליתו של ר׳ שמואל לכסא הרבנות תש כוחו של בית־הצדיק בעיירה גם מצד אחר. לאט לאט העזו המשכילים המע־טים להתגלות, רוחות חדשות התחילו מנשבות בקרב בני־הנעורים, ואותה שעה נתקשר בית־הרב יותר ויותר לשיתוף פעולה עם השלטונות בעניני בחירות וכדומה. והקיטרוג הלך וגבר עוד הרבה בימי יורשו הרב צבי אלימלך.



ר׳ שלמה זלמן פרנקל, הרב מידלובה

משמת ר׳ שמואל בשנת 1923, נתעוררה בעיירה מחלוקת גדולה, מי ימלא את מקומו. היו לכך שני מועמדים: האחד ר׳ הרשלה, צבי אלימלך הורוביץ, בנו של ר׳ שמואל, שלא היה לו עדיין היתר הוראה, והשני הרב מידלובה הסמוכה, צאצאם של הרביים מוויאלופוליה. והיה במחלוקת הזאת מחידושה של המחלוקות שהיתה בעיירה לפני התמנותו של ר׳ ראובן.

נתמנתה ועדה של תלמידי חכמים: הדיין ר׳ בריש שילאי, ר׳ ראובל׳ה קלוגר, ר׳ חיים שלזינגר, ר׳ חיים בריק ור׳ אלתר פכטר, לברר הענין מצד הדין. ועד הקהילה נטה אחר ר׳ הרשלה, משום זכות אבות שלו, אבל תנאי התנה, שתחילה חייב המועמד לקבל היתר הוראה, כדין. ולא כן היתה דעתו של ראש־הקהל, ר׳ הרש טויב, שביקש להושיב על כסא הרבנות את הרב מידלובה, גם הביא את מועמדו שיתיישב בעיירה. ברם מחייתם של שני הרבנים כאחד לא באה להם מועד הקהילה, שחסר את האמצעים לכך, מאחר שפסק משום מה יצוא הבשר הכשר לקראקא, ששחיטתו היתה מכניסה לפני כן סכום הגון לקהילה.

מחייתו של ר׳ הרשלה היתה בעיקר על חסידיו, שהיה מרבה לנסוע לעיירותיהם, ואף בדמביץ עצמה היה עורך שולחן, אמנם לא ברוב עם.

בבחירות הבאות לועד הקהילה לא נבחר עוד ר׳ הרש טויב, שחלק גדול מתומכיו נהו אחר הרב, ובמקומו נבחר כראש הקהל ר׳ טוביה צוקר. בסופו של דבר השלימו הרב ומתנגדיו והיו משתפים פעולה זה עם זה בכל עניני הקהל, כנגד הציונים ובעלי בריתם.

וגורם נוסף לירידת השפעתו של בית־הרב היתה המחלוקת בין צאצאי ר׳ ראובן שנשארו בעיירה.

בין בני משפחתו של ר׳ ראובן שישבו תחילה בדמביץ היה חתנו ר׳ ישראל יוסלי אונגר, שהתיאש לאחר מלחמת העולם הראשונה מן הרבנות ונעשה מתווך להלוואות („חשתר״) בטרנוב הסמוכה. לכשגדל בנו אליעזר התקרב אל אנשי המזרחי ונעשה מורה בבית־הספר העברי בדמביץ ואח״כ עסקן ציבורי בטרנוב והוא היה מהראשונים שהביאו לארץ ידיעות מפורטות על השואה שעשו רושם עצום, אבל לא נשתקע כאן.

אחיו הצעיר של ר׳ שמואל, ר׳ נפתלצ׳י הורוביץ, נשא את בתו של אחד מחסידי אביו, ר׳ מוטלה וינברג, סוחר גדול ועשיר מדוקלא, והיה סמוך על שולחן חותנו זמן רב. כשמת חותנו התחיל ר׳ נפתלצ׳י לנהל את עסקו ולא הצליח, עד שפשט את הרגל, ואז חזר לדמביץ והיה נוהג רבנות „שלא כדין״, כלומר חלק בקרובקא לא ניתן לו.

על רוע מזלו של ר׳ נפתלצ׳י היו מספרים בין חסידי דמביץ: מהיותו בחור צעיר היה מחונן בקול נעים וידע להנעים זמירות ולהתפלל לפני התיבה להנאתם הגדולה של כל שומעיו. פעם אחת נזדמנה חתונה אצל דודו הרה״צ בדז׳יקוב. ביקש ר׳ נפתלצ׳י לנסוע לשם עם כל בני משפחתו וכבר התכונן לנסיעה. אמר לו ר׳ אלתר, אחיו הגדול, שכבר היה אז מאריה דאתרא בדמביץ, שלא יסע, כיון שהיתה מחלוקת בין דז׳יקוב ודמביץ. אבל הוא, ר׳ נפתלצ׳י, התעקש. הוא המ־שיך להתכונן לנסיעה, ובוודאי היה נוסע, אלמלא שנצטרד

פתאום. וצרירות זו נשארה לו כל ימי חייו, „כך שלא זכה אפילו להיות חזן טוב". חסידיו של ר' אלתר, כמובן, ראו בכך מופת ועונש מן השמים.

אחרי מלחמת העולם הראשונה, בשנת 1924, יצא ר' נפתלצ'י לאמריקה לשם איסוף כספים, וגם הצליח בכך, אלא שדלדל אותו בנו ראוב'לה, שניסה מזלו בעסקי־כספים ופשט את הרגל מחוסר נסיון והבנה מסחרית ומנדיבות לב שלא במ־קומה, פעם ופעמיים.

משחב ר' נפתלצ'י לדמביץ לאחר שנעדר ממנה כעשר שנים, ביקש ר' הרש טויב למנות את ר' נפתלצ'י ראב"ד, ברם נתקל בהתנגדותו של הרב צבי אלימלך, עד שבבחירות האחרונות לקהילה תמך ר' נפתלצ'י בציונים, שהיה מראשי מתנגדיהם בראשית המאה ואף היה בין אלה שערכו הילולא של מצוה במותו של הרצל בשנת 1904.

הרב צבי אלימלך נספה כמעט עם כל בני משפחתו הגדולה בתקופת השואה, הי"ד.

השכלה וציונות

אין לפנינו עדות מפורטת אימתי התחילה ההשכלה החי־לונית לחדור לדמביץ. נסיונו של הרץ הומברג בשלהי המאה השמונה־עשרה להקים בדמביץ בית־ספר גרמני ממשלתי לילדי ישראל נכשל עד מהרה. כלל יהודי דמביץ, כיהודי שאר ערים ועיירות בגליציה, ודאי החרימו משתלה זו של תרבות זרה להם, וייתכן אפילו, כי מספר ההורים שניאותו לשלוח את בניהם לבית הספר הזה, לא היה מלכתחילה מספיק כדי שייקרא בית ספר באמת. ברם יש לשער, שמתוך עקשנות שלטונית מיוחדת נתקיים בית הספר כמה שנים עד שהשלטון המרכזי בוינה נוכח, בשנת 1806, שהנסיון בכללו לא הצליח, ובתי הספר הגרמניים הממשלתיים לילדי ישראל בגליציה בוטלו גם באורח רשמי.

ילדי ישראל בדמביץ, כביתר עיירות גליציה, נתחנכו בחדרים ובבתי־מדרשות על טהרת לימוד התורה. ידיעתם בלשון הגויים שכניהם היתה מועטה, היא לא חרגה מכלל הצרכים החיוניים ביותר שבמגע מסחרי. גם אותם היהודים שמגעם עם הגויים היה רב יותר וידעו לדבר בלשונם, בין שגרו בשכונתם הקרובה בירכתי העיירה, בין שהיו מעורבים עם גויי הכפרים מסביב, לרגל משאם ומתנם, — לא הגיעו לכלל קריאה בשפה זו. המבטא היהודי נתן אותותיו גם בדי־בורם הפולני של יהודי דמביץ, ברובם הגדול.

עד הרבע האחרון של המאה התשע־עשרה לא ראו יהודי דמביץ, כיהודי גליציה בכללם, כל צורך ותועלת בלימוד השפה הפולנית, מאחר שהקשר עם השלטונות המר־כזיים והמחוזיים החשובים אפשר היה לקיימו רק בגרמנית. כיון שכך, כשהגיע יהודי להכרת הצורך בלימוד שפה זרה, היה מעדיף את השפה הגרמנית, שעמדו מאחוריה גם השלטו־נות, גם הכיוון הכללי של ההשכלה היהודית, וגם דמיונה ליידיש שלהם.

ככל שנתרבה המגע עם הערים הגדולות, הקרובות והרחו־קות, ככל שנתרחבו העסקים עם בתי מסחר ובתי חרושת במדינה והצורך לבוא אתם בכתובים — כן גדל הצורך ביתר השכלה כללית והסתגלות לנימוסי העולם הגדול. בין שביקשו לספק תוצרת חקלאית מקומית — ביצים, תבואות, עצים — בין שביקשו לקנות צרכי הלבשה, אריגים ומוצרי ברזל וכו' — בכל צעד וצעד נתבלטה יותר ויותר התועלת שבידיעת שפה לועזית, בכתב ובדיבור. האמידים יותר, אלה שמסחרם היה תלוי בהתרחשויות שבבורסה אשר בוינה, הוכרחו גם להיזקק לעתון — תחילה גרמני, וככל שגדלה עצמאותה האדמיניסטרטיבית של גליציה, גם פולני. כך נפתחו לאט לאט, ותוך מלחמות פנימיות בלתי פוסקות — השערים להשכלה חילונית בקרב יהודי דמביץ, וחלוציה היו, מצד אחד בניהן של המשפחות האמידות, שמצבן הקנה להן עמידה תקיפה יותר, ומצד שני בני משפחות עניות, שנאלצו לתקן את מצבם הכלכלי ע"י רכישת השכלה ולימודי חול. את הצורך הזה סיפקו בתחילה רק מורים פרטיים, כגון משפחת ליפרנט ומשפחת קראנץ, ואחרים. ואחר כך, עם הנהגת לימוד חובה בבית־הספר הכללי — במידה הולכת וגוברת, בית־הספר הפולני.

כך, איפוא, הופיעה תנועת ההשכלה בדמביץ באיחור רב, בהשוואה לערים גדולות יותר. אותה שעה כבר חל בתנועת ההשכלה בגליציה, כמו באירופה המזרחית בכלל, המיפנה הברור לכיוון לאומי. לדמביץ, על כל פנים, כבר הגיעה ההשכלה בצורה לאומית, במעבר הדרגי לציונות. אשר על כן קשה לקבוע בדיוק גמור אימתי וע"י מי הגיע הרעיון הציוני, הלכה לשם מעשה, גם לדמביץ. אפשר להניח, שדבר זה קרה עוד באמצע שנות השמונים של המאה שעברה, עם ההתעוררות הלאומית שקמה בקשר לפרעות בדרומה של רוסיה ובהשפעת העתונים „המגיד" ואח"כ „השחר" של סמולנסקין, שמצאו קוראים, אמנם יחידים ובודדים, גם בעיירה זו, אף שאוכלוסיה היהודים, ברובם ולא כולם, היו נתונים לשלטון הצדיקים. וממסורת אבות אנחנו יודעים, שגם העתון הסוציא־ליסטי העברי הראשון „האמת" של ליברמן, לא נעלם מעיניהם של משכילי דמביץ הראשונים.

מכל מקום עובדה היא, שכבר בראשית שנות התשעים נמצאו בדמביץ ציונים פעילים, שעמדו בשנת 1893 להקים בה אגודה ציונית, אף שאין אנחנו יודעים אם נתקיים רצונם זה, ולו לזמן קצר בלבד. הידיעה על כך נמסרה בוועידה הארצית השניה של ציוני גליציה שנתקיימה בלבוב בשנת 1894 ע"י צירים מהסביבה ההיא. אותה שעה כבר היו קיימות אגודות ציוניות גם בטרנוב, שיהודי דמביץ היו במגע קרוב אתה, ואף בעיירות קטנות יותר שבקרבת דמביץ: פילזנו ורופשיץ. בפרט, כשנוסדה בטרנוב החברה להתישבות בארץ־ישראל „אהבת ציון" והתחילה בשנת 1897 בפעולה של ממש להקמת

מושבה בארץ בשם „מחניים", היה לדבר הד רב גם בדמביץ. הרושם נתגבר עוד ע"י כך, שאחד המועמדים להתישבות במחניים היה מוטל לייבל, אחיו של ר' חיים לייבל, תושב ותיק ובן משפחה מכובדת בעיירה. הדבר היה לשיחה בפי כל, וביחוד כשיצא המועמד עם כל משפחתו לארץ־ישראל.

בתחילה נתפסו לתנועת „אהבת ציון" בדמביץ, כבכל יתר המקומות בגליציה, גם יהודים בעלי־בתים, וביניהם אף מן החרדים ביותר, כגון הדיין ר' יהודה לייב לופבן, הוא אביו זקנו של יצחק לופבן, ואפילו חסידים. ברם לא ארכו הימים, משהכריזו הרב הצדיק משיניאווא וכן הרב הצדיק מבלזא על התנגדותם לתנועה החדשה, וכמעט כל החצרות הרביים בגלי־ציה נצטרפו אליהם, יצאו החסידים במלחמה גלויה נגד „דחיקת הקץ", ופרצה מלחמה חריפה בין שני המחנות.

מלחמה זו — כלי זינה העיקרי היתה „ספרות־קיר" — ויכוח שבכתב, ששני הצדדים לא חסכו בו זה מזה את מיטב הכינויים בלשון־סתרים נמלצת, מחנה מחנה כרוחו.

החוג הציוני נשאר צר למדי, ולא נצטרפו אליו בגלוי אלא כמה צעירים משכילים מבני בעלי־בתים, כולם יוצאי בית המדרש, כגון: אליהו גווירץ, בנו של ר' אלתר, נינו של ר' אלי"ש הדיין ונכדו של ר' דניאל התקיף, ניסן טאפט, שמואל מאהלר, בנו של ר' חיים, משה ודוד לייבל, בני ר' חיים, עם כמה בני ברית מסתתרים. לכשעזבו הבולטים ביותר בקרב החוג הזה את עיירתם, נשאר שדה הקרב פנוי במשך שנים אחדות, עד שבגר דור חדש של ציונים, מקרב יוצאי בית־המדרש, ובראשם יהודה בורנשטיין ואחריו יצחק לופבן, ומקרב אנשי המעשה — כמה סוחרים וקבלנים, שלא היו תלויים ביותר בקונה היהודי ולא רגישים ביותר כלפי „דעת הציבור".

מעתה נתקשרו בדמביץ השכלה וציונות במידה כזאת, שהתבוללות כרעיון לא תפסה עוד שום מקום בחיי הציבור, ולוחמים בציונות לא נמצאו מעתה אלא בקרב החסידים. המתבוללים הבודדים שבקרב האינטליגנציה המקצועית לא היה להם לא צורך ולא אפשרות לפעולה מאורגנת בציבור.

הנסיון השני, הבלתי מוצלח, להקים אגודה ציונית בדמביץ נעשה בשנת 1904, כלומר עשר שנים אחר הנסיון הראשון. נשכר מעון בסמוך לבית־הכנסת ואף הצליחו לקיים בו אזכרה אחרי מותו של ד"ר הרצל. אבל בוקר אחד נמצאו כל שמשו־תיו מנופצות, והאגודה שבקה חיים לכל חי. היה זה מעשה ידיהם של חסידים לוחמים, ששאבו עידוד רב ממותו של מנהיג הציונים ואף חגגו אותו בסעודה של מצוה. הדבר תואר בשעתו בעתון הציוני „דער יוד" שיצא בקראקא. מועדון ציוני־כללי לא קם עוד בדמביץ אלא אחרי מלחמת העולם הראשונה בתנאים שנשתנו כליל.

עוד שנים אחדות אחרי כן נאמר בכתבה מדמביץ בעתון שנזכר למעלה, כמדומה מעטו של מאיר ספיר, בחתימה של לגלוג „יאנקל le mort": „ביי אונדז שטארבט דער ציוניזם בחורוויז", כלומר: „אצלנו מתה הציונות בתקופת הבחרות". יכול צעיר להיות ציוני — משנעשה חתן פוסקת התעניינותו. היה הרבה מן האמת במימרא שנונה זו והיא נשארה באמתה

עד תום המלחמה העולמית הראשונה. שטח המחיה של איגוד ציוני־כללי היה באמת מצומצם מאד: מכירת שקלים והפצת בולים של הקרן הקיימת, אסיפת אזכרה להרצל ונשף חנוכה (מאקאבייער־פייער) לא היה בהן לפרנס איגוד ציוני במשך כל השנה. לשם כך הספיק ועד מקומי מצומצם, מתמנה מעצמו או נבחר. וגם תוספת ענין בבחירות, שחלו פעם אחת בכמה שנים, אם למוסדות המדינה, כמו לפרלמנט ולסיים של גלי־ציה, ואם למוסדות המקומיים, כמו מועצת העיר או הקהילה, לא היה בה כדי לקיים ארגון של צעירים משכבת־הבינים, שנוסף לכל הצרות והרדיפות היה סובל מהתמעטות ע"י הגירה.

לימים נעשה נסיון להרחיב את אפשרות הפעולה הציונית ע"י יסוד אגודת־סוחרים (קויפמענישער פאַריין), כדוגמת ערים גדולות יותר, להגנת „הענינים המקצועיים" של סוחרי דמביץ, כגון מנוחת יום א' כפויה ע"י הרשות, עניני מסים וכד', שיקיים בו בזמן אולם לקריאת עתון וכו' והציונים יהיו הרוח החיה בו. אבל דא עקא, שסוחרים ממש, בעלי „הענין המקצועי", אנשי מעשה ונשואי פנים, לא הצטרפו, והאיגוד לא נתקיים אלא זמן מועט ביותר.

„המשוגע לדבר" בתקופה הזאת היה הצעיר הנלהב יהודה בורנשטיין. הוא לא הניח שום הזדמנות, שום סדק בחיי העיירה מבלי שניסה להחדיר בו את משאת הנפש הציונית לעיירה הנחשלת. ומה שלא עלה בידו בקרב המבו־גרים, הצליח במידה רבה מאד בקרב הצעירים.

פועלי ציון

הארגון הציוני הראשון בדמביץ שנשאר בן־קיימא היתה „אגודת פועלי ציון".

מקומות עבודה של יהודים שהעסיקו פועלים שכירים היו מעטים בעיירה, ומרבית חברי האגודה היו פועלים שכי־רים מבחוץ או בניהם של בעלי־מלאכות, שעבדו בסדנאות של הוריהם. הללו היו נתונים פחות ללחצם של „שומרי החומות" בעיירה, גם העזו יותר מבני נוער אחרים להמרות את פי הוריהם. גם „שטח המחיה" של ארגון הפועלים היה רחב יותר ומספיק בשביל ללכד את חבריו מסביבו, שכן כלל בקרבו גם את הגנת עניני הפועל וגם העלאת רמתו התרבותית, שהיתה בתחילה עלובה למדי.

בעתונם של פועלי־ציון „דער יודישער ארבייטער" (גליון מס' 8 מיום 1 ביוני 1905), שיצא אז בוינה, פורסמה הכתבה הראשונה מדמביץ על יסודה של אגודה זו: „גם בעיירתנו הקטנה מתחילה הציונות להתפשט בקרב הפועלים. יסוד אגודתנו עלה לנו בעמל רב, כי נאלצנו לנהל מלחמה עם החסידים הקנאים שבמקום, שלא רצו בשום אופן להסכים שתיווסד כאן אגודה".

להלן מסופר על האספה הראשונה, שנתקיימה, ב־23 באפריל אותה שנה, בה נאם הח' רבינוביטש —, כפי הנראה, לא מאנשי דמביץ, — ש„הסביר את מהות הציונות וביחוד את מהותם של פועלי־ציון, וכן את מטרת האגודה". הנאום, כפי שנמסר, עשה רושם גדול. אחריו הושרה „השבועה" של פועלי־ציון. כיו"ר נבחר ל. ואסרמן (חייט), כסגן היו"ר

מ. טויב, כגזבר ש. למפל, כמזכיר אהרן פין. ומלבד אלה נבחר עוד ועד.

הכתבה חתומה בראשי־תיבות י. ב., כלומר יהודה בורנשטיין, שהיה, מאחרי הקלעים, המעורר העיקרי ליסוד האגודה.

משנוסד האיגוד המקצועי הכללי של פועלי־ציון (אַלגעמיינער יידישער ארבעטער פאַרבאַנד) באוסטריה, נצטרפו אליו הפועלים ועוזרי המסחר של האגודה בדמביץ, וסניף פועלי־ציון היה זהה עם סניף האיגוד המקצועי.

בינתיים חלו, כפי הנראה, שינויים רבים בהרכב החברים מחמת ההגירה הגדולה, ובאסיפה הכללית השניה, שנתקיימה ב־28 באפריל 1906, נבחר ועד חדש: יו״ר מ. שילדקרויט, סגנו מ. שינפלד, מזכיר ש. ר. וורצל, מ. ישראל (יוצק נחושת), גזבר, מ. דאר, ספרן.

האגודה הלכה ונתבססה. הורגש הצורך להרחיב את מסגרת הפעולה גם על עובדות. ושוב היה יהודה בורנשטיין מראשי המעוררים לכך. ב־29 בנובמבר אותה שנה נתקיימה אסיפת חברות, שבה הרצה י. ב. על ארגון הנשים ונבחרה ועדה מכינה: דינטפס, ב. קריינדל, ש. שדליסקר ומ. שדליסקר. האסיפה המיסדת של „אגודת העובדות פועלי־ציון" התקיימה ב־5 באפריל והמנויות למעלה נבחרו לועד. הוחלט לקיים ספריה מיוחדת (ולא קיימו) וכן לפתוח שיעורי השכלה לחברות.

כעבור שנתיים לקיומה של אגודת פועלי־ציון העזה לגשת למעשה שלא היה עדיין כמוהו בדמביץ ובכל עיירה אחרת בגליציה המערבית: לארגן שביתת פועלים במקצוע שלם. הדבר היה אחרי השביתה הכללית של פועלי־המחט בטרנוב הסמוכה, שאורגנה ע״י ז׳. פ. ס. (מפלגת הפועלים הסוציאליסטית היהודית — „בונד" לעתיד). ההישגים המרובים של השביתה בטרנוב עשו רושם רב בקרב הפועלים, והאיגוד המקצועי של פועלי־ציון החליט להראות, כי במקום שהפועלים נמנים עליו, יש גם בכוחו להיטיב את תנאי חייהם. ואחד המקומות המעטים, שבהם היו פועלי־ציון ארגון הפועלים היחיד — היתה דמביץ, שאותה שעה התחילה להתפתח בה תעשית בגדים מוכנים ליצוא. אמנם, אי אפשר היה עדיין במעשה רב כמו שביתה לסמוך על אנשי המקום, ולשם ארגונה ופיקוח עליה נשלח מן המרכז בקראקא מזכיר, מועמד למשפטים, הח׳ פילצר, אח״כ ד״ר פילצר (כיום בישראל).

פועלי החייטות בדמביץ היו עובדים בקיץ מ־5 לפנות בוקר עד מאוחר בערב ובחורף מ־7 בבוקר עד שעה 11 בערב, ופעמים אפילו עד 12 או 1 אחר חצות. התביעה העיקרית בשביתה היתה על כן, לצמצם את שעות העבודה עד שתים עשרה (!) שעות ביום.

לשביתה הצטרפו 28 פועלים, שרק מחציתם היו מאורגנים באגודה. נצטרף לשביתה גם פועל נוצרי אחד. לקריאתו של מרכז האיגוד המקצועי נשלחה לדמביץ תמיכה כספית דחופה מארגוני פועלי ציון בערים ועיירות, שבלעדיה לא יכלו הפועלים לעמוד בשביתה שנמשכה 9 ימים.

ואף האומנים לא ישבו בחיבוק ידים. כרגיל, פנו אל „הצד השלישי" — ראש העיר ומושל המחוז (סטרוסטא), ובפקודתם נאסרו שנים מראשי השובתים, שאמנם שוחררו מיד בהתערבותו של השליח הנ״ל. עם זאת יצאו אומנים לערים סמוכות לבקש מפירי שביתה, אך גם בכך לא הצליחו: שום פועל מבחוץ לא ניאות לבוא לעזרתם, הודות לפרסום הרב שניתן לשביתה ע״י פועל־ציון. אמצעי נוסף להטיל אימה על השובתים היו חיפושים ועריכת פרוטוקולים בדירת האגודה ע״י הז׳נדרמריה המקומית. השובתים עמדו במריים גם אחרי שהמעבידים הסכימו להפחית את שעות העבודה לשלוש־עשרה, משש בבוקר עד שמונה בערב, והעיירה כולה היתה כמרקחה.

בסופו של דבר נסתיימה השביתה בנצחון הפועלים — הוסכם על יום עבודה משש בבוקר עד שבע בערב עם הפסקה של שעה אחת לארוחת צהרים. המעבידים נאלצו לשלם לפועלים בעד ימי־השביתה והותנה שאיש מהשובתים לא יפוטר.

הנצחון בשביתת החייטים העלה את קרנם של פועלי־ציון בדמביץ ובכל הסביבה, אבל מושל המחוז רופשיץ, שבתחומי שלטונו לא קרה עוד כדבר הזה, החליט עקב הלשנות מרובות מצד אחד המעבידים לחסל את הארגון המרדני. כעבור חדשים הודיע שלטון המחוז על פיזור הסניף המקומי של „איגוד הפועלים היהודים הכללי" בדמביץ, בטענה שבעת שביתת החייטים הושר בדירת האיגוד השיר „דגל אדום" (Czerwony sztandar) ופעם אחת קראו חברי האגודה בצאתם מאסיפה: „תחי הסוציאל־דימוקרטיה!" המעשים האיומים האלה היו, אמנם, חוקיים בהחלט, אך מי יעמוד בפני רצונו של השליט בעיירה גליצאית?

ברם, נמצאה עצה לעקוף את הפקודה ונוסד סניף חדש לאיגוד הפועלים הכללי. באסיפה המייסדת נבחר ועד חדש: ל. פוקס יו״ר, גרינהוט סגן, וורצל מזכיר, שניידר גזבר.

לאגודה נוספו בתחילה חברים רבים, אך, כפי הנראה, נחלש הארגון במידה רבה מחמת ההגירה, ומהשנים 1908—9 אין בעתון שום ידיעה על פעולתם של פועלי־ציון בדמביץ.

רק באוגוסט 1910 התקיימה שוב אסיפת חברים כללית והוחלט להקים מחדש את אגודת פועלי־ציון לאחר התחסלות האיגוד המקצועי הארצי, ומיד נרשמו כ־50 חבר. הועד הזמני החל בפעולה ענפה. התקיימה אסיפה למען הפצת השקל הציוני ונבחרה ועדה לשם כך, נפתלי שניאור (עכשיו בארה״ב), ליינר (עכשיו בישראל) ומנדל וילנר. באסיפה השתתפו 50 פועל. מדי שבת התקיימו באגודה הרצאות על נושאים שונים. בין השאר הרצה על „תפקידינו התרבותיים" יצחק לופבן, שבא לביקור מארץ ישראל. גם נעשתה פעולה מיוחדת להפצת העתון „דער יידישער ארבייטער".

מאחר שנוסדה בעיר, ע״י יתר הארגונים הציוניים, ספריה עממית, וחברי פועלי־ציון ראו את עצמם מקופחים ע״י מיסדיה, שנמנעו מקניית ספרים ביידיש, הוטל על הנוכחים להירשם כחברים בה, כדי להשפיע על הפעולה.

בקשר ל„ספירת העם", שנערכה ע״י השלטונות ב־1 בינואר 1911, קיימו פועלי־ציון בשיתוף עם „הציונים האזרחים" אסיפה בבית המדרש הגדול. על הצורך לרשום יידיש כשפת הדיבור הרצה משולם דודזון מרישא (עכשיו בישראל).

באסיפה הכללית נבחר ועד חדש: יו״ר — שניאור, סגנו — ליינר, מזכיר — ווילנר. נשכרה דירה נאה של שני חדרים, והוגברה הפעולה התרבותית. ביקר בסניף והרצה מטעם מרכז המפלגה א. ריבוצקי (שלימאָוויטש) ונערך נשף־חנוכה בהשתתפות משולם דודזון, שהיה בשנים ההן מעורב הרבה בפעולת המפלגה בסביבה.

באחד השבתות הרצה החבר צבי וולף על „הסוציאליזם והשאלה האגררית״. אף על פי שההגירה נטלה מהסניף חלק מהחברים הפעילים ביותר, לא רפתה הפעולה התרבותית. התקיימו הרצאות של חברים מקומיים על ספרות יהודית, דברי ימי ישראל, תולדות הציונות, סוציאליזם וכו׳, וכן נערכו שיעורי ערב כסדרם.

לאחר שסניף המפלגה נתבסס שוב, הופנתה תשומת לב מיוחדת לפעולה בין בני הנעורים ונוסד חוג „יוגנט״, שמנה מיד בראשיתו 20 נער ונערה. היה זה הארגון הראשון של בני־נוער בדמביץ, שהפך כעבור כמה חדשים לאגודה מאורגנת „יוגנט״, שמנתה 25 חבר וחברה. עיקר פעולתו היתה בשיעורי ערב.

בכתבה מדמביץ בעתון „יידישער ארבעטער״ מהימים ההם רשומה גם עובדה זו: „לפני ימים מועטים הודענו במודעות על הרצאה של החבר א ב נ ר (הוא יצחק בן־צבי, נשיא מדינת ישראל כיום), אך לצערנו חלה החבר אבנר בנסיעתו ובגלל זאת לא יכול לבוא אלינו. — הזמנו טלגרפית את הח׳ דוידזון מרישא, שהרצה על אותו נושא: „העבודה המעשית והתרבותית של היהודים בארץ ישראל״... ההרצאה עלתה יפה מאד. לחבר דוידזון אנחנו מודים על התנדבותו״.

הודות לפעולתם הנמרצת של כמה חברים גדל מספר החברים בסניף. נבחר ועד חדש. בכל הזדמנות נאותה נאספו תרומות לקרן פועלי־ארץ־ישראל (קפא״י), שנוסדה בימים ההם ע״י הברית העולמית של פועלי־ציון לתמיכה בתנועה הקואופרטיבית ובלשכות עבודה בארץ.

נסיונם של פועלי־ציון להגיע להשפעה בספריה העממית, שנוסדה ע״י אגודת הנשים הציוניות „דבורה״, לא עלה יפה. תלמידי האוניברסיטאות הציונים, שקיבלו לידיהם את הנהגת הספריה, לא היה להם ענין בקניית ספרים ביידיש, שנדרשו ע״י פשוטי העם. הורגש הצורך ליסד ספריה מיוחדת, שתספק יותר את צרכי ההמונים הרחבים. גם באגודת הנשים הציוניות „דבורה״ לא מצאו הצעירות מהשכבות העממיות־יותר אוירה חפשית ומתאימה להן, וכך נוסדה בהשפעת פועלי־ציון וב־מרצה של רוחמה גרינשפן אגודת נשים חדשה „חבצלת״, שבין חברותיה נמצא מספר ניכר של פועלות.

כאשר נתעורר מחדש ענין הספריה, ייסדו שתי האגודות הקרובות, „פועלי־ציון״ ו„חבצלת״, ביזמת יצחק לופבן, ספריה נפרדת „יידישע פאָלקסביבליאָטעק״, שהחלה ב־40 ספר, והיתה לאחד ממוסדות התרבות החשובים ביותר בעיירה עד בוא השואה האחרונה.

לוועד, שנבחר באסיפה הכללית ב־30 באוקטובר 1911, נבחרו: נפתלי שניאור — יו״ר, משה טויב — סגן, מנדל ווילנר — מזכיר, פינסק — גזבר, שטריק — ספרן, פרקר, ווילנר, הרשלג, ברונהיים, סנדר בינשטוק — חברים. לוועדת הבקורת רינג, וורצל, טרייסטר.

במלאת שבע שנים לקיום האגודה נתקיים נשף חגיגי, שהשתתפו בו גם חברות „חבצלת״ ורבים מהנוער הציוני, והופיעה לראשונה מקהלה שע״י פועלי ציון.

האיגוד המקצועי

מועטים היו סכסוכי העבודה בעיירה כדמביץ. לא היו בה בתי מסחר גדולים, שיעסיקו עובדים שכירים. בעלי מלאכות העסיקו על פי רוב בני משפחתם בלבד, ובמקומות העבודה הגדולים, כגון בית החרושת לחרטות עץ של נתן גרינשפן ובית היציקה של נפתלי אייזן, עבדו כמעט פועלים נוצרים בלבד. מזמן לזמן היתה אגודת פועלי־ציון מתערבת בסכסוך עבודה קטן בין בעל מלאכה לפועלו, אך משביתת החייטים ב־1907 לא היתה לה עוד הזדמנות למעשה רב. ההזדמנות האחת לפעולה גדולה בשטח זה, שבאה בתחילת שנת 1912, היתה לטובת עושי־חלקים עליונים („אָבערטיילמאַכער״) בבית החרושת לנעלים של מנדל לייבל, שנוסד לא מכבר. גם בבית החרושת הזה היו רוב הפועלים נוצרים. רק עושי החלקים העליונים היו יהודים, שרובם הובאו מערים אחרות. מאחר שהמעביד פיגר הרבה בתשלום השכר ולא נענה לת־ביעה בכתב של האגודה — הוכרזה שביתה שאילצה אותו אחרי ימים אחדים לספק את התביעה. בגליון „דער יידישער אַרבעטער״, שבו מסופר על השביתה, צויין במיוחד, כי „מר לייבל הוא ציוני ולא פשוט, אלא דווקא רדיקלי לוהט״.

„דבורה״

אגודת פועלי־ציון היתה הראשונה, אך משנפרץ הקרח בעיירה, קם באותה שנה ממש ביזמתו של יהודה בורנשטיין ארגון שני, „דבורה״, שקרא לעצמו „אגודת נשים ציוניות״, אך למעשה לא היו בו אלא בחורות בלתי נשואות, אמידות ובע־לות השכלה. היתה זו אגודה פעילה למדי, בעיקר בשטח התרבות וההסברה הציונית, בעזרת אחדים מתלמידי הגימנסיה בדמביץ והאוניברסיטה בקרקא. אולם מחמת לשון הדיבור הפולנית של חברותיה ומחמת ההבדל החברתי נשארה בתחום מצומצם ולא הגיעה, אם בכלל ביקשה להגיע, אל המון הבחורות היהודיות שבעיירה, שלשון דיבורן נשארה יידיש ואורח חייהן פשוט יותר.

הבדילות הזאת גרמה אחרי כן, כמסופר למעלה, להקמתו של ארגון בחורות של פועלי־ציון בשם „חבצלת״, בהתעו־ררותו של יצחק לופבן ובראשותה של רוחמה גרינשפן רבת המרץ והפעילות, מחברותיה הוותיקות של „דבורה״. והיא גם שגרמה להקמת „הספריה העממית״ של פועלי־ציון, כאשר נתברר, שחוגי האינטליגנציה שבראש הספריה היהודית הלאומית, שנוסדה ע״י יהודה בורנשטיין, נמנעים כמקודם לקנות ספרים ביידיש, ובמידה רבה גם בעברית, כדי כך שספריה זו, במקום להפיץ תרבות לאומית, היא משמשת למעשה גורם מבולל.



אגודת הנשים הציוניות „דבורה" — ציוניסטישער פרויען־פאריין „דבורה".

„גאולה" ו„השחר"

עם התבצרותן של שתי האגודות, פועלי־ציון ו„דבורה", ובעקב ההתפתחות שחלה בשתי חטיבות שונות בקרב הנוער היהודי בגליציה, קמו בדמביץ בשנת 1907 שני ארגונים ציוניים נוספים, שהשפעתם בקרב הנוער היהודי בדמביץ היתה ניכרת ומעמיקה.

אלה היו „גאולה", חוג של תלמידי הגימנסיה ותלמידי אוניברסיטאות מבני דמביץ, שנוסד ביזמתו של יהודה בורנ־שטיין, ו„השחר", חוג פעיל של יוצאי בית המדרש, סניף של הסתדרות ארצית בשם זה, שבראשו עמד יצחק לופבן, בטרם עלה לארץ. בעוד ש„גאולה" היתה מתכנסת לאסיפותיה בדירות פרטיות של חבריה, מאימת מורי הגימנסיה ועונש ה„סילוק" מבית הספר על חטא של ארגון חיצון, היה מקום כינוסיו של „השחר" במעונם של פועלי־ציון.

ברם, הסתדרות „השחר", שקיימה את ועידתה הראשונה בפסח 1908 בדמביץ במלון בורנשטיין, — ויצחק לופבן היה בה מראשי המדברים — ואת ועידתה השניה כעבור שנה, ברישא — לא זכתה לוועידה שלישית, מאחר שרבים מחבריה הפעילים עלו לארץ, ויתר חבריה, שניתקו מבית־המדרש והצטרפו לארגונים ציונים אחרים, לא ראו עוד ענין רב בפעולה המיוחדת. הארגונים המקומיים, וביניהם גם בדמביץ, המשיכו בפעולתם, קמעה־קמעה, עד שחדלו גם הם עם פרוץ המלחמה.

בשנת 1912 כבר לא נתחדש גם קיומה של „גאולה", מאחר שנתמעט מספר התלמידים היהודים מן החוץ בגימנסיה ולא נשארו בה, בכתות העליונות, אלא כחמישה בלבד.

„לאָקאַל־קאָמיטע"

החל משנת 1910 היה קיים בדמביץ ועד ציוני מקומי (לאָקאַל־קאָמיטע) לפעולות המשותפות של כל הארגונים המיוחדים: הפצת השקל וקיום בחירות לקונגרס, פעולה למען הקרן הקיימת לישראל והרקת הקופסאות המעטות בעיירה,

דאגה להקמת בית־ספר עברי והנהלתו וכן עסקי בחירות ופעולות פוליטיות. היו בו בוועד הזה בא־כוח של כל הארגו־נים הציוניים, מלבד פועלי־ציון, שבכל ענין משותף כגון פעולה בזמן רישום האוכלוסין או בחירות, צריך היה להידבר אתם מחוץ לוועד. בראש הוועד הציוני המקומי עמד מתחילה ועוד הרבה שנים מר בנדטפט, מן המסורים ביותר לרעיון הציוני ולענין בית־הספר העברי.

ענין אחד, מאלה שהיו תמיד מסעירים את הרוחות בעיירה וביחוד בקרב הנוער — היה לעולם מחוץ לסמכותו ועיסוקו של הוועד הציוני המקומי — ענין העליה לארץ־ישראל. העזרה לעולים, במידה שנדרשה, היתה ניתנת... ע״י סידור פרטי, עזרת חברים וכדומה. בעיירה היה זה דבר מסוכן לתת כתובת לתרעומת ולתביעה להורי העולים, שכמעט כולם עזבו את בתיהם בלי הסכמת אבא־אמא. והלא היה זה קו כללי של ההסתדרות הציונית — שמא גורל העולים בארץ יגרום להבאשת־ריחה של התנועה.

ברם, עליית יחידים מדמביץ לארץ התחילה כבר בשנת 1909. ראשוני העולים היו: יצחק לופבן, צבי וולף ז״ל ומשה טאוב (כעת בכפר יחזקאל), חברי פועלי־ציון. אחריהם עלה לארץ גם מגדל וילנר, מחלוצי התנועה בעיירה, שחזר מהארץ כעבור זמן קצר, אולם גם אז נשאר מראשי הפעילים בדמביץ, — אחד מאלה שפעולתם התרבותית והארגונית בקרב הנוער והמבוגרים נחרתה בזכרונם של אנשי העיירה לשנים רבות, גם לאחר הגירתו לאמריקה בשלהי מלחמת העולם הראשונה.



„גאולה״ עם „השחר״.


זכרי־הווי

יידן אין שטאָטראַט

אַ לאַנגע צייט זענען יידן אין דעמביץ געווען גאָר אַ גרויסע מערהייט אין דער באַפעלקערונג. אָבער אין משך פון די לעצטע צענדליקער יאָרן האָט זיך די פּראָפּאָרץ געביטן. אין יאָר 1921 זענען שוין געווען בלויז העכער 1600 יידן צווישן אַ באַפעלקערונג פון 4000 נפשות. דער גרעסטער טייל פונעם יידישן צוּוואוּקס אין דעמביץ פלעג אויסוואַנדערן, ווער אין גרעסערע שטעט און ווער קיין דייטשלאַנד אָדער אַמעריקע. און אויסערדעם פלעג די גאַליצישע שטאַטהאַלטערשאַפט סיסטעמאַטיש „פאַרגרעסערן" דעם שטח פון דעם שטעטל, אַריינגעמענדיק אין אים נאָענטע שכנותדיקע דערפער, כדי אַזוי אַרום פּטור צו ווערן פון דער יידישער מערהייט.


באַזונדער האָט די ערשטע וועלט־מלחמה מיט דער רוסישער אָקופּאַציע געהאָלפן פאַרקלענערן די יידישע איינוווינערשאַפט, ווייל אַ טייל דעמביצער זענען שוין מער נישט אַהיימגעקומען. שפּעטער איז דערצו נאָך צוגעקומען דאָס וואָס זינט די צוואַנציקער יאָרן, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט גענומען אויפשטעלן דעם „אינדוסטריעלן דרייעק" מיט דעמביץ אַלס איינעם פון די צענטערן, איז די פּוילישע באַפעלקערונג אין דעמביץ געוואַקסן, באַקומענדיק דאָרט שטענדיקע באַשעפטיקונג, בעת די יידישע פּרנסות זענען געבליבן הינטערשטעליק.

אַזוי אַרום איז פאַרשוואונדן בהדרגה אויך די יידישע מערהייט אין דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג. ווען דעמביץ איז נאָך געווען אַ „געמיינדע" (גמינע) זענען די יידן אין דער געמיינדע־פאַרוואַלטונג געווען אַ מערהייט, ווייל וואַל־רעכט האָבן געהאַט אויסער דער קוריע פון באַאַמטע און אינטעליגענץ נאָר באַזיצער פון אומבאַוועגלעכע גיטער און שטייער־צאָלער. וואָס דעמאָקראַטישער דאָס וואַל־רעכט איז געוואָרן, איז נאַטירלעך קלענער געוואָרן דער אָנטייל פון די יידן.



ר׳ יהודה מאַהלער.

אָבער די יידישע מערהייט האָט קיינמאָל נישט באַטייט, אַז אַ ייד זאָל טאַקע זיין בירגער־מייסטער. דעם דאָזיקן פּלאַץ פלעגן יידן, „גוטווילִיק" אָדער נישט, אָפּטרעטן פאַר



ר׳ חיים מאַהלער.

אַ פּאָליאַק, זיי האָבן זיך נאָר געמיט, דאָס זאָל נישט זיין קיין בפירושער שׂונא ישׂראל. פריערדיקע צייטן האָט זיך דאָס איינגעגעבן. די גויים וואָס האָבן געוואָלט פאַרנעמען דעם פּאָסטן האָבן זיך באַמיט צו לעבן מיט די יידן בשלום. שפּעטער האָט עס זיך געביטן.

די געמיינדע־פאַרוואַלטונג איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַשטאַנען פון 36 ראַטמענער (ראַדניקעס) פון 4 קוריעס מיט אַ קנאַפּער יידישער מערהייט, אָבער די יידישע רעפּרעזענטאַנץ איז אין איר ווייטגרעסטער מערהייט נישט געווען דערוואַקסן צו דער אויפגאַבע. די מייסטע יידישע ראַדניקעס האָבן נישט באַהערשט די שפּראַך פון די זיצונגען — פּויליש, אויסער דעם וואָס זיי האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג וועגן די פּראָבלעמען פון דער שטאָט־ווירטשאַפט. מיט זייער שווייגן, פּונקט ווי מיט זייער רעדן, האָבן זיי זיך און דעמביצער יידן זעלטן ווען כבוד פאַרשאַפט.

אָפטמאָל איז געווען דירעקט קאָמיש צו הערן זייערע „אַרויסטרעטונגען". זייער אומוויסנהייט און קריכערישקייט אַנטקעגן דער מאַכט, האָבן אויפגערעגט ביז גאָר די ייִנגערע גענעראַציע, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ר׳ שאול

קערנער דער גביר, וועמענס פּויליש רעדן האָט אַלעמאָל אַרויסגערופן געלעכטער און הנאה פון די גרויסע און קליינע אַנטיסעמיטן, האָט געהאַט אַ כלל גדול צו שטימען מיטן בירגער־מייסטער. דעסגלייכן דער טראַפיקאַנט משה ראָזענבערג, חיים בלעכער, חיים יאקוב. ווייניק ווער פון זיי האָט געקאָנט אַרויסרופן דרך־ארץ צו זיך. געווען איינער ר׳ חיים מ א ה ל ע ר, דער זון פון ר׳ יהודה מאהלער, דער אַמאָליקער שטאָט־קאַסירער, וואָס האָט אַלס ערשטער אַסעסאָר געוועקט רעספּעקט צו זיך מיט זיין ווירדיקער האַלטונג, און נאָך ווינציק אַזעלכע.

אַן ענדערונג אין דעם איז געקומען ערשט נאָך דער מלחמה, ווען ס׳זענען אין שטאָט־ראַט אַריין אַ ריי יינגערע ראַטמענער מיט וויסן און נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, סיי ציוניסטן ווי שמעיה ווידערשפּאַן, סיי פּועלי־ציון ווי ד״ר פּנחס לויפבאן און שמעון גרינשפּאן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען מיט ווירדע צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אָרעמע און אַרבעטנדיקע שיכטן און דעם יידישן כבוד, און אויך געוווּנען די אַכטונג פון אַלעמען, יידן און פּאָליאַקן. אָבער דאַן זענען שוין יידן אין דעמביץ און אין שטאָטראַט לאַנג געווען אַ מינדערהייט.

פּאַרלאַמענט־וואַלן

אין יאָר 1907 זענען פאָרגעקומען די ערשטע וואַלן צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט לויט דעם נייעם וואַל־געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין נאָוועמבער 1905 נאָך אַן אַלגעמיינעם שטרייק וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין אַלע עסטרייכישע קרוין־לענדער. דער דאָזיקער נצחון איז דערגרייכט געוואָרן אונטער דער השפעה פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד, וואָס האָבן אַנגעוואָרפן אַן אימה אויף די הערשער אין אייראָפּע און געהייסן זיי זיך פאַרטראַכטן ווי אויסצומיידן ענלעכע געשעענישן אין עסטרייך.

בעת דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר דער וואַל־רעפאָרם האָבן די ציוניסטן אין עסטרייך, און אויך די פּועלי־ציון, אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט זאָל געשאַפן ווערן אַ באַזונדערע וואַל־קוריע, כדי אַזוי אַרום זאָל געזיכערט ווערן אַ פולע רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּאַרלאַמענט, און בכלל כדי דורך דעם פעסטצושטעלן די עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציאָנאַליטעט, וואָס פּרעטענדירט אויף רעכט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

די פאָדערונג האָט נישט געהאַט די מינדסטע שאַנסן אָנגענומען צו ווערן. געגען איר זענען אַרויסגעטרעטן סיי די בירגערלעכע קרייזן פון אַלע מערהייטס־פעלקער אין די עסטרייכישע לענדער, סיי, נישט ווינציקער פון זיי, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן דערין געזען נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם. דאָס איז אָבער געווען אַ גוטע געלעגנהייט פאַר פּראָפּאַגאַנדע פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק.

אין נאָך אַ גרעסערער מאָס זענען די אַלגעמיינע וואָלן צום פּאַרלאַמענט געווען אַ געלעגנהייט אַרויסצוקומען צו די ברייטסטע יידישע מאַסן מיט יידישע נאַציאָנאַלע לאָזונגען. אומעטום זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פאַרזאַמלונגען וואָס האָבן אויפגערודערט די יידישע באַפעלקערונג און גערופן זי צו שטימען פאַר יידיש נאַציאָנאַלע קאַנדידאַטן, וואָס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויך אין טייל אַזעלכע וואַל־קרייזן, ווו ס׳איז לכתחילה נישט געווען די מינדסטע אויסזיכט עס זאָל געווילט ווערן אַ ציוניסט. אין דעמביצער וואַל־קרייז איז ביי די ערשטע וואַלן קיין יידישער קאַנדידאַט נישט אַרויסגעשטעלט געוואָרן. דערויף האָט קיין כוח נישט געקלעקט. דאָ האָט די אַ. ג. רעגירונגס־פּאַרטיי, ווו ס׳האָבן געפירט דאָס רעדל די קאָנסערוואַטיווע פּריצים, אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט דעם גלח פּאַסטאָר פון בייטש. פּאַסטאָר האָט אין זיינע רעדעס ביטער אויסגעלאַכט די יידן און אַרויסגעטרעטן בכלל ווי אַן אָפענער אַנטיסעמיט. געגן אים איז אַרויסגעטרעטן אַלס קאַנדידאַט דער סעקרעטער פון דעמביצער געריכט סטאַניסלאַוו דים, וואָס איז געשטיצט געוואָרן דורך פּוילישע ליבעראַלן און אַ טייל יידן און צווישן זיי דער אַדוואָקאַט פישלער. דים האָט געליטן אַ גרויסע מפּלה, און צוממיינסטן האָט דערפון געליטן דער אַדוואָקאַט פישלער.

ד״ר פישלער איז קיינמאָל קיין ציוניסט נישט געווען. אין דער אָרטיקער פּאָליטיק האָט ער לכתחילה געשטיצט דעם בירגערמייסטער צאַודערער, וואָס איז געווען אַ משומד און געהאַט די איינציקע אַפּטייק אין שטאָט. מיט דער צייט איז צווישן ביידע געוואָרן אַ מחלוקת און ביי די וואַלן צו דער „גמינע״ (געמיינדע־ראַט) האָט די יידישע מערהייט אויסגעקליבן פישלערן אַלס בירגערמייסטער. אָבער דאָ האָט זיך שוין אַריינגעמישט די רעגירונג. די לעמבערגער שטאַטהאַלטעריי האָט אָנגענומען דעם פּראָטעסט געגן דער וואַל און אויסגעשריבן נייע וואַלן.

בינו לבינו האָבן די דעמביצער פּריצים איינגעאָרדנט אַ גרויסן באַל, צו וועלכן זיי האָבן צווישן אַנדערע פאַרבעטן די ביידע געגנער: דעם אַפּטייקער־משומד און דעם יידישן אַדוואָקאַט.

כטוב לב המלך האָבן זיך עטלעכע חשובע גויים פאַרלייגט צו מאַכן שלום צווישן זיי. זיי האָבן צוגעפירט דעם ד״ר פישלער צום משומד און געוואַרט וואָס דאָ וועט געשען. ד״ר פישלער האָט אויסגעשטרעקט צו צאודערערן די האַנט אויף שלום, אָבער דער משומד האָט זיך אַוועקגעדרייט... דאָס געלעכטער האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט. דאָס איז, דאַכט זיך, אויף לאַנגע יאָרן געווען דער סוף פון ד״ר פישלערס געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ביי די צווייטע אַלגעמיינע וואַלן צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, אין יאָר 1911, איז שוין אַרויסגעשטעלט געוואָרן

אין דעמביצער וואַל־קרייז אַ יידישער נאַציאָנאַלער קאַנדידאַט, דער ציוניסט ד״ר סיראָפּ פון ניי־סאנדז. קיין סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט איז נישט געווען, די „רעגירונגס־פּאַרטיי״ האָט אַרויסגעשטעלט אַלס איר קאַנדידאַט אַ פּראָפעסאָר ד״ר יאַוואָרסקי. די דעמביצער ציוניסטן, און אויך די פּועלי־ציון, האָבן אַנטוויקלט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע אויך אין אַלע שטעטלעך פונעם קרייז. פון די דעמביצער ציוניסטן זענען אויפגעטרעטן אויף די פאַרזאמלונגען קובא ניכטהויזער, דינטענפּאַס, אפרים ראַקאָווער און ד״ר פּילצער; פון די פּועלי־ציון, מענדל ווילנער, משה וורצל און דער יונגער סטודענט פנחס לויפבאַן. דער רב ר׳ שמואל האָראָוויץ מיט די חסידים האָבן, צוזאַמען מיט די „מחזיקי הדת״ אין גאַנץ גאַליציע, געשטיצט בלב ונפש דעם „רעגירונגס־קאַנדידאַט״, דעם קאָנסערוואַטיוון ד״ר יאַוואָרסקי.

דער ציוניסטישער קאַנדידאַט האָט לכתחילה נישט געהאַט קיין שום שאַנסן אויסגעקליבן ווערן. דער וואַל־קרייז האָט דאָך נישט געהאַט קיין יידישע מערהייט. אויסער דעם איז די השפעה פון ציוניסטן אין די אַלע שטעט און שטעטלעך דערווייל געווען אַ מינימאַלע — דעמביץ האָט זיך שוין גערעכנט ווי אַ פעסטונג — און געגן זיי איז געשטאַנען ווי אַ מויער דער חסידישער עולם, וואָס האָט געציטערט אימת מוות פאַר אַ „לייכטערל״ (אַזוי האָט מען גערופן די זשאַנדאַרן, צוליב דעם מעשענעם שפּיץ פון זייער קאָפּ־באַדעקונג) און בכלל נישט געוואָלט „טשעפּן מיטן עראַר״ („עראַר״ האָט געהייסן אין עסטרייך דער מלוכה־אוצר מיטן שטייער־אַמט, אין די שטעטלעך האָט דאָס אָבער באַטייט די רעגירונג גופא). ווער עס האָט געאַרבעט געגן דעם רעגירונגס־קאַנדידאַט, אָדער אַפילו געזאָגט אָפן, אַז ער שטימט „געגן דער רעגי־רונג״, איז געווען אין סכנה, אַז מען וועט אים פאַרגרעסערן די שטייערן, אַז אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע וועט זיך אַראָפּלאָזן צו אים אין הויז און אַרויפלייגן אַ שטראָף אָדער אַפילו הייסן איינלייגן אַ וואַנט. (די סאַניטאַרע קאָמיסיעס האָבן אין גאַלי־ציע שוין פריער באַוויזן פאַראייביקט צו ווערן אין אַ ווייט פאַרשפּרייטן קינדער־גראַם: „אַהרן, באַרן, באָקסער, אויבן שטייט אַ דאָקטער — אונטן שטייט אַ פאַס, צען גולדן קנס״).

די שרעק איז דעריבער געווען אַ גרויסע, בפרט נאָך וואָס דער סטאַראָסטע (באַצירקס־הויפּטמאַן) פון ראָפּטשיץ איז אַליין אַראָפּגעקומען און געוואָרנט די ציוניסטן. דער „סטאַראָסטע״, ד״ר העלער, אַ פּאָלאָניזירטער דייטש, האָט פאַרבעטן צו זיך דאָס ציוניסטישע „וואַל־קאָמיטע״ (אַזוי האָט מען עס דעמאָלט גערופן) און געפאָדערט אָפּצושטעלן די אַרבעט פאַרן ד״ר סיראָפּ, באשר „מיר וועלן נישט דערלויבן דורכצופירן אייער קאַנדידאַט״. ס׳האָבן אים געענטפערט גענוג שאַרף דער ד״ר פּילצער און מענדל ווילנער, וועלכער איז טאַקע דערפאַר האַרב באַשטראָפט געוואָרן: ביי דער קומענדיקער „אַסענ־טירונג״ צום מיליטער האָט שוין די מאַכט צוגעדינט מענדל ווילנער׳ן ער זאָל זיין „טויגלעך״, און אַזוי האָט ער אָפּגעדינט אין מיליטער פון יאָר 1913 ביזן סוף פון דער מלחמה אין יאָר 1918.

דערווייל האָט יונגוואַרג אין דעמביץ געאַרבעט מעשים. אַז אין שטעטל האָט זיך באַוויזן פון דער פרעמד אַ יידישער אַגיטאַטאָר פון פּראָפ׳ יאַוואָרסקי האָט ער געמוזט „אָפּציען מיט כבוד״. ווען איינער אַ ד״ר מאַרגוליעס פון קראָקא איז אַראָפּ פון דער באַן אין דעמביץ כדי צו אַגיטירן פאַרן פּראָפ׳ יאַוואָרסקי, האָט ער געטראָפן אַלע דראָשקעס פאַרנומען און איינער אַ יונגערמאַן (מענדל ווילנער) האָט אים אונטער־געטראָגן אַ „באַגריסונגס־בריוול״, וואָס האָט אים אַוודאי קיין פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפט... דער פאַרשוין האָט נעבעך געמוזט גיין אין שטאָט צופוס, אַרומגערינגלט מיט יונגוואַרג וואָס האָט אים מכבד געווען מיט אַזוינע עפּיטעטן ווי „מאָש־קע״, „יידישער מסור״, וכדומה.

אין דעמביץ איז פאָרגעקומען אַ ריי פאַרזאַמלונגען אין „פּראָסטן בית המדרש״ און אין אַנדערע ערטער. באַקאַנטע גאַליציאַנער פאָלקס־רעדנער האָט גערירט דעם עולם ביז טרערן. און אַזוי האָט דער ציוניסטישער קאַנדידאַט אין דעם וואַל־קרייז וואָס האָט אַרומגענומען אויסער דעמביץ אויך פּילזנאָ, ראָפּשיץ, בזשאָסטעק, יאַסלאָ, קאָלאַטשיץ און גאָרליץ, באַקו־מען אַ גאָר גרויסן טייל פון די יידישע שטימען, נישט געקוקט אויף די רביים און דעם סטאַראָסטע.

רוחמה

געוועןאַמאָל...

ערשטע יארן

פון די יינגסטע יאָרן אָן בין איך געווען אַריינגעצויגן אין קרייז פון דער ציוניסטישער טעטיקייט. דעמביץ איז געווען פון די ערשטע שטעטלעך צווישן טאָרנע און רישא, ווו ציוניזם איז אַריינגעדרונגען שוין פאַרן סוף פונעם 19־טן יאָרהונדערט. אין מיין צייט, אַזוי לאַנג ווי איך געדענק, איז געווען דער לעבעדיקער גייסט פון דער יונגער באַוועגונג אין דעמביץ יודל באָרנשטיין, זכרונו לברכה, מיין שפּעטערדיקער מאַן און לעבנס־באַגלייטער. אַליין נאָך גאָר יונג, האָט ער באַוויזן צו באַגייסטערן פאַרן ציוניסטישן אידעאַל גרויסע קרייזן פון דער יוגנט אין שטעטל, און ס׳איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז כמעט יעדער וויכטיקער ציוניסטישער אויפטו אין דעמביץ אין דער ערשטער תקופה האָט געהאַט אין אים דעם איניציאַטאָר און וועגווייזער. מוטיק און אָן שרעק פאַר וועמען עס איז האָט ער געטראָגן דעם ציוניסטישן געדאַנק צווישן די פאַר־שידנסטע קרייזן. אויך איך אַליין בין דורך אים באַקאַנט געוואָרן מיט די יסודות פון ציוניזם.

איך געדענק נאָך ביז היינט די אזכרה פון ד״ר הרצל, צו דער צווייטער יאָרצייט, וואָס איז אויפגעריסן געוואָרן דורך אַ חברה חסידים מיטן רב, ר׳ שמואל האָראָוויץ, בראש.

איך בין דעמאָלט געווען צווישן די עטלעכע גאָר יונגע מיידלעך, וואָס האָבן פאַר דער אזכרה פאַרטיילט די שוואַרצע טרויער־מאַשלעך צווישן די אָנגעקומענע און אַרומגעגאַנגען מיט פושקעס זאַמלען געלט צווישן די פאַרזאַמלטע אין שול...

די דאָזיקע מיידלעך זענען געוואָרן די ערשטע מיטגלידער פונעם ציוניסטישן פרויען־פאַריין „דבורה", וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן אין יענעם יאָר אויף דער איניציאַטיוו פון יידל באָרנשטיין, און ס'האָבן צו אים געהערט: רבקה און מלכה באָרנשטיין, טויבע, צילע און סאַליע אייזן, דאָבע געווירץ, טאָנקא דינטענפאַס, פר' זילבערמאַן, גאָלדע קריגער, פראַדל טוי, רוחמה גרינשפאַן, אַננאַ בראָס, מאַניע וואורצל, סאַליע מאהלער, בינטשע לייבל, בראָנקע ניכטהאוזער, פרידזשע און רחל סאפיר א. אַ.

כמעט אין דער זעלבער צייט האָט יהודה באָרנשטיין געגרינדעט דעם סטודענטן־פאַריין „גאולה", ווו ס'האָבן געהערט: איסר דינטענפאַס, מאָרעק, קובאַ און מאָריץ בראָס — פון די גימנאַזיסטן; און שפּעטער, סטודענטן פון אַנדערע ערטער וואָס האָבן געלערנט אין דער גימנאַזיע אין דעמביץ: משה בערגנער און גאַבעל פון רעדים (ראַדימנאָ), וויסטרייך און ברידער פּאָטאַשער, טייטלבוים פון יאַראָסלאַוו, און נאָך מער, וואָס האָבן דעמאָלט געוווינט ביי דער משפחה דינטענ־פאַס און ביי דער לערער־פאַמיליע ליווערעאַנט־בלומענקראַנץ.

צו הילף די דעמביצער סטודענטן אין זייער אַרבעט פלעגן קומען ציוניסטישע סטודענטן פון טאָרנע.

דעם נאָמען „דבורה" האָט געגעבן יודל באָרנשטיין. ס'איז דעמאָלט שוין געווען אַ כלל, אַז אַ ציוניסטישער פרויען־פאַריין דאַרף טראָגן דעם נאָמען פון אַ תנכישער פרויען־פיגור — רות, מרים, יהודית, וכדומה.

אָפטמאָל זענען פאָרגעקומען מסיבות און אָוונטן (wie-czorki) און בכלל איז עס געווען אַ פריילעך לעבן.

אַ שטענדיקער קאַמף האָט זיך געפירט צווישן די יונגע־לייט און די עלטערן, וואָס האָבן נישט געקאָנט צוזען, אַז די מיידלעך קומען זיך צונויף מיט יינגלעך אין די פאַריינען. אין אַ סך היימען האָבן זיך אָפּגעשפּילט אמתע טראַגעדיעס צווישן דעם עלטערן און יינגערן דור.

די היימישע צרות האָבן באַגלייט דעם פאַריין „דבורה" אויף טריט און שריט. זומער פלעג מען זיך צונויפקומען אין וואַלד הינטער דער שטאָט, ווינטער ביי די באָרנשטיינס, לעבן דער באַן. פרומע יידן פלעגן דערציילן כלערליי רכילות וועגן אונדז און דאָס האָט אויך משפּיע געווען אויף אַזעלכע מש־פחות, וואָס אַליין פאַר זיך וואָלט זיי נישט געאַרט, אַז זייערע קינדער געהערן צו אַ ציוניסטישן פאַריין.

איך געדענק אַ פאַל, ווען פייגעלע קריגער, אַן אשה צנועה, וואָס פלעג אויפציען פערל און מאַכן „בינדעס" (אַזוי האָט מען גערופן דעם פערל־שמוק אויף די קאָפּ־טיכלעך וואָס פרומע ווייבער האָבן געטראָגן אָנשטאָט שייטלעך), איז איינמאָל זונטיק אַריין אינעם צימער ביי די באָרנשטיינס, ווו ס'איז גראָד געווען אַ פאָרלעזונג וועגן געשיכטע פונעם ציוניזם. זי איז געקומען אַהיימשלעפּן פונעם פאַריין איר אייניקל גאָלדע, וואָס איז געווען אַ יתומה און איז דערצויגן געוואָרן ביי דער באָבען. דערזעענדיק אין צימער אַ צוואַנציק מיידלעך אָן איין איינציקן יונגנמאַן, האָט פייגעלע זיך גוט אומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך און נישט וועלנדיק פאַרשע־מען דאָס אייניקל אירס, אַ זאָג געטאָן: גראָד איז זי געווען דאָ אין שכנות, האָט זי געוואָלט פרעגן ווען קומט גאָלדעלע אַהיים.

גאָלדען און אונדז אַלעמען האָט דער באַזוך געקאָסט בלוט, מיר זענען אָבער גליקלעך געווען, וואָס מיר זענען גראָד געווען אַליין צווישן זיך. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, באַרואיקט די געמיטער אויף אַ צייט, און אַזוי האָבן מיר געקאָנט ווייטער אַרבעטן, ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו אַן אייגע־נעם לאָקאַל.

אין דער זעלבער צייט איז אויף יודל באָרנשטיינס איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן אַ ביבליאָטעק מיט יידישע, פוילישע און דייטשע ביכער. דער ביבליאָטעקער איז געווען קאָפּל (קובאַ) ניכטהאוזער, און דערנאָך אַ צייט לאַנג גאָלדע קריגער. פון דער ביבליאָטעק האָט געוואָקסן כמעט די גאַנצע יוגנט אין דעמביץ, ביז די פועלי־ציון האָבן געגרינדעט אַן אייגענע ביבליאָטעק.

1907 איז אין דעמביץ געשאַפן געוואָרן, ווידער דורך יהודה באָרנשטיין, אַ פאַריין „השחר", אַן אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע „השחר", וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַ סך שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע, און אירע מיטגלידער האָבן זיך רעקרוטירט פון געוועזענע בית־מדרש בחורים. צום „השחר" אין דעמביץ האָט געהערט: יצחק לויפּבאַן, יהודה באָרנשטיין, אפרים ראַקאָווער, מענדל לייבל, מאיר סאַפיר, שלמה און משה וואורצל, שלמה דאַר, משה טויב, משה טויב (II), היינט אַ לאַנדווירט אין כפר־יחזקאל, וואולוויק, גדליה שעדליסקער און אַנדערע, וואָס איך געדענק נישט מער זייערע נעמען. חול־המועד פסח 1908 איז אין דעמביץ אין זאַל פון האָטעל באָרנשטיין פאָרגעקומען די ערשטער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון „השחר".

דעם אמת געזאָגט, כאָטש „דבורה" האָט זיך גערופן „פרויען פאַריין", זענען אין אים לכתחילה געווען פאַרשריבן בלויז מיידלעך, מ'קאָן זאָגן כלה־מיידלעך. על פי רוב, אַז איינע האָט חתונה געהאַט פלעג זי פאַרלאָזן דעמביץ מיטן מאַן אין איינעם. ערשט שפּעטער האָבן זיך געטראָפן עטלעכע וואָס זענען געבליבן אין שטאָט און זענען ווייטער געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג.

מיר האָבן געמוזט אויסברייטערן די אַרבעט, כדי אויך די פאַרהייראַטע חברטעס זאָלן האָבן אַ געביט פאַר זייער אַקטי־וויטעט. גראָד האָט זיך געשאַפן אין דייטשלאַנד אונטער דער אָנפירונג פון פרוי ד"ר רופּין אַ „פרויען־פאַרבאַנד פאַר קולטור־אַרבעט אין פאַלעסטינע". דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די מאַמע פון דער היינטיקער וויצ"א. די אַרבעט איז באַשטאַנען דער עיקר אין זאַמלען געלט פאַר דער סאָ־ציאַלער און קולטורעלער אַרבעט אין ארץ ישראל, ווי שאַפן קינדערהיימען, מעדיצינישע הילף וכד'. אין פאַרשידענע שטעט אין גאַליציע זענען געשאַפן געוואָרן פרויען־קאָמיטעטן

פאַר דעם צוועק, און דעמביץ איז נישט געבליבן הינטערשטעליק. כדי דאָס זאָל נישט בלייבן בלויז אַ קרייז פאַר אומפּאַרהייראַטע מיידלעך, האָבן מיר איבערגעגעבן דעם פאָר־זיך דער פרוי ד״ר פישלער, און דאָס האָט אונדז, פאַרשטייט זיך, צוגעגעבן מער אָנזען. איך אַליין בין מיט דער דאָזיקער אַרבעט געבליבן ענג פאַרבונדן אויך שפּעטער, ווען איך בין אַוועק פון דעמביץ און זיך באַזעצט אין וויסבאדן (דייטשלאַנד).

דער פאַראיין „דבורה" האָט פון אָנהייב אָן פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער ציוניסטישער אַרבעט אין דעמביץ. אין יאָר 1910 (איך בין שוין דעמאָלט אַרויסגעטרעטן פון „דבורה" און געגרינדעט דעם מער פאָלקסטימלעכן מיידלעך־פאַראיין „חבצלת"), — האָט דער ציוניסטישער לאָקאַל־קאָמיטעט („לאָקאַל־קאָמיטע" פלעג מען דעמאָלט אַ ביסל דייטשמעריש זאָגן) פאַרשריבן „דבורה" אינעם „גאָלדענעם בוך" פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד לכבוד דער פינפיאָריקער עקזיסטענץ פונעם פאַריין. ביי דער געלעגנהייט, וואָס דער „קויפמענישער פאַריין" (היינט וואָלט מען געזאָגט „סוחרים־פאַריין") האָט אַראָפּגעבערענגט אויף אַ פאָרלעזונג דעם באַקאַנטן ציוניסטישן פירער פון טארנע, חיים נייגער, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס׳האָבן געהאַלטן באַגריסונגס־רעדעס, אויסער דעם הויפּט־רעפערענט חיים נייגער, פאָרשטייער פון אַלע ציוניסטישע פאַריינען אין שטאָט, צווישן אַנדערע איך אין נאָמען פון „חבצלת" און נפתלי שנייער אין נאָמען פון פועלי־ציון. איך געדענק, ווי חיים נייגער האָט זיך געפרייט מיט מיין אַרויסטרעטונג אויף יידיש, ווייל אַלע אַנדערע פרויען אויף דער פייערונג האָבן גערעדט פויליש.

„חבצלת"

צום פרויען־פאַריין „דבורה" האָבן געהערט, על פי רוב, מיידלעך פון אינטעליגענטערע און רייכערע משפחות אין שטעטל. צווישן זיך האָבן זיי גערעדט פויליש און מיט די איבעריקע יידישע מיידלעך אין דעמביץ האָבן זיי זיך זעלטן געטראָפן. דער סאָציאַלער אונטערשיד איז געווען צו גרויס, זיי זאָלן קאָנען געהערן צו איין פאַריין. איך אַליין בין געווען אַן אַקטיווע חברטע אין „דבורה", אָבער מיין געפיל פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט האָט מיך נישט געלאָזט רוען. איך האָב נישט געקאָנט צוזען, ווי אַזאַ גרויסער קרייז מיידלעך, וואָס וואָלט געקאָנט אויפגעהויבן ווערן צו אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווערט איינפאַך געלאָזט אין אַ זייט.

איך האָב מיר פונאַנדערגערעדט מיט אַ גרופּע פריינט: יצחק לויפבאַן וואָס איז גראָד געקומען אויף אַ באַזוך פון ארץ־ישראל, פנחס לויפבאַן, משה בערגנער, גאַבעל, און אַ פּאָר חברים פון פועלי־ציון, ווי מענדל ווילנער, נפתלי שנייער, און צוזאַמען האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַ מיידלעך־פאַריין פועלי־ציון. דעם נאָמען „חבצלת" האָט אונדז געגעבן יצחק לויפבאַן (אין ארץ־ישראל איז געווען אַ צייטונג „חבצלת"). איך האָב מיר פאַרשטענדיקט מיט אַ פּאָר גוט באַקאַנטע חברטעס — פראַדל טוי, שפּעטער די פרוי פון מענדל ווילנער, שרה דאַאר, מיין יינגערע שוועסטער רעכע, און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

מיר זענען אַרומגעלאָפן איבער אַלע געסלעך אין שטעטל, אויסצוגעפינען און צונויפצוזאַמלען חברטעס פאַר אונדזער נייעם פאַריין. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט. די טאַטעס און מאַמעס האָבן בשום אופן נישט מסכים געווען, אַז זייערע טעכטער זאָלן, חלילה, גיין אין אַ פאַריין. אין די בתי־מדרשים האָט זיך געטאָן אויף טיש און בענק. מיידלעך וואָס זענען ביז איצט געזעסן אין די היימען און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס פאַר „פרעמדע ענינים", האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן גיין אויף פאָרלעזונגען („פאָרטרעגע"), אַהיימגעבערענגט ביכלעך צום לעזן, און בכלל אָנגעהויבן עפּענען אַ מויל און קריגן זיך, הלמאי מען לאָזט זיי נישט אַוועקגיין פון דער היים און וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ממש אַ רעוואָלוציע איז דאָס געווען.

מיר האָבן אָפּגעהאַלטן „פאָרטרעגע", געמאַכט אָוונטן און געאַרבעט אין אַלעמען האַנט ביי האַנט מיט פועלי־ציון. אין אונדזער אַרבעט זענען מיר שטאַרק געשטיצט געוואָרן דורך דער צענטראַלע פון פועלי־ציון אין לעמבערג, וועלכע האָט אונדז פון צייט צו צייט געשיקט רעדנער. עטלעכע מאָל האָבן מיר אַפילו געהאַט צו גאַסט בערל לאָקער, דעם דעמאָלטיקן פּאַרטיי־סעקרעטאַר און רעדאַקטאָר פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן דער „יידישער אַרבעטער".

„חבצלת" האָט באמת געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און אויפגעטאָן אַ סך צו הייבן דאָס קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע ניוואָ פון דער יוגנט אין דעמביץ.

ערשט די מלחמה פון 1914 האָט די אַרבעט איבערגעריסן, ביז זי איז אין אַנדערע פאָרמען באַנייט געוואָרן עטלעכע יאָר שפּעטער.

די ערשטע עולים

פון דעמביץ, ווי פון אַלע אַנדערע שטעטלעך אין גאַליציע, פלעגן פאָרן קיין ארץ־ישראל עלטערע פרומע יידן אָפּלעבן דאָרט זייער לעצט ביסל יאָרן, און אויך דאָס איז געווען אַ געוויינלעכע פאַסירונג. ס׳האָט זיך אויך געטראָפן, אַז אַ ייד וואָס האָט נישט מצליח געווען אין די געשעפטן און באַנקראָטירט, האָט „געמאַכט פליטה", אָנשטאָט קיין ענגלאַנד אָדער אַמעריקע — קיין ארץ־ישראל. אַזוי אַרום איז ער זיכער געווען, אַז ער וועט נישט אַראָפּ פון יידישן דרך. ס׳האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט געטראָפן, עס זאָל אַוועק קיין ארץ־ישראל אַ מענטש וואָס איז נאָך ביי די פולע כוחות, אַזעלכער וואָס קאָן נאָך האַנדלען און וואַנדלען און פאַרדינען אויף צו לעבן. אויב איינער האָט שוין נישט געהאַט קיין שום אויסוועג, ווייל אין דעמביץ האָט ער קיין פרנסה נישט געהאַט, און אַזעלכע זענען געווען גאָר אַ סך, איז פאַר אים געשטאַנען אָפן דער וועג קיין דייטשלאַנד אָדער קיין אַמעריקע — פריער אויך קיין לאָנדאָן. ארץ ישראל איז געווען ווי אויסער דעם עולם. בשעתו, אין די יאָרן 8—1897, האָט אין דעמביץ געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג דער פּרוּוו פון דער חברה „אהבת ציון" אין טארנע צו גרינדן אין ארץ־

ישראל אַ קאָלאָניע „מחניים". מ'האָט אָבער געוואַרט צו זען וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען. און אַז די רביים, מיטן בעל־זער רבין בראש, האָבן אַרויסגעגעבן אַ חוות דעת געגן דעם פּרווו פון „אהבת ציון", איז שוין אָפּגערעדט, אַז קיין שום דעמביצער ייד האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

דעם דאָזיקן הרם פון רביים האָט אין דעמביץ דורכגע־בראָכן מיט צען יאָר שפּעטער נישט קיין אַנדערער ווי אַן אור־איייניקל פון ר' איטשעלע דיין — יצחק לויפבאַן.

קיין אָרגאַניזאַציע „החלוץ" האָט דעמאָלט, אין יאָר 1908, נאָך נישט עקזיסטירט און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, סיי אין די לענדער סיי אין וועלט־פאַרנעם, איז נאָך געווען גאָר קאַלט צו דעם ענין פון חלוצישער עליה. כאָטש מ'איז שוין שטאַרק אַנטוישט געווען אין דעם גלויבן, אַז ציוניזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן דורך דיפּלאָמאַטישע אונטער־האַנדלונגען מיט טערקיי און מיט אַנדערע גרויס־מאַכטן, האָט אין די מוחות נאָך געהערשט דער אַלטער לאָזונג, אַז „אינפילטראַציע", פּאַמעלעכדיקע און כמעט אומלעגאַלע איינ־וואַנדערונג אין ארץ־ישראל, פירט נישט צום צוועק, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן יונגע מענטשן אָן מיטלען. וואָס וועלן זיי דאָרט, נעבעך, טאָן, אַז קיין אַרבעט איז נישטאָ? דער סוף וועט זיין, אַז זיי וועלן צוריקקומען און בלויז גורם זיין דעם ציוניזם חרפות און בושות... אַזוי האָבן געטראַכט אַ ביסל עלטערע ציוניסטן, די וואָס האָבן געהאַט די דעה. אַ יונגערמאַן וואָס האָט פונדעסטוועגן געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט עס געמוזט טאָן אויף זיין אייגענעם פאַר־ענטפער, קיין גרויסע הילף האָט ער נישט געקאָנט דערוואַרטן, פאַר הוצאות הדרך האָט ער געמוזט אַליין זאָרגן, סיידן עס האָבן אים אויסגעהאָלפן נאָענטע חברים בסודי־סודות, אַז די עלטערן פון דעם באַטרעפנדן זאָלן נישט וויסן: אַז נישט וואָלטן זיי, בלייבנדיק אויפן אָרט, געמוזט אויסטראָגן דאָס גאַנצע ביטערע הארץ פון די פאַרלאָזטע טאַטע־מאַמע. דאָס האָט אויך נישט ווייניק גורם געווען, אַז די ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע האָט זיך אין די ענינים נישט געמישט. און פאַר־שאַפן זיך דאָס געלט אויף דער נסיעה איז גאָרנישט אַנגעקו־מען גרינג, כאָטש בסך־הכל האָט מען זיך געקאָנט דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל מיט עטלעכע צענדליק קראָנען. מער־מוטיקע יונגע לייט האָבן זיך געלאָזט אין וועג מיט אַ סך ווינציקער. אַבי מ'איז נאָר אָנגעקומען קיין וויןְ. אין ווין איז געווען דאָס ציוניסטישע ביוראָ טירקן־שטראַסע 13, און פריער אָדער שפּעטער האָט מען דאָרט באַקומען בצמצום די ווייטערדיקע הוצאות ביז קיין יפו. אמת, מ'האָט זיך דאָרט מיט קיין געלט נישט געוואָרפן. מ'האָט קודם־כל געפּרוווט אָפּרעדן דעם היציקן יונגנמאַן, ער זאָל צוריקפאָרן אַהיים. הלמאי זאָל ער פאָרן קיין ארץ־ישראל אָן מיטלען? ער וועט דאָך דאָרט קיין אַרבעט נישט באַקומען, אָדער דאַרפן אַרבעטן זייער שווער. דער סוף איז אָבער געווען, אַז מ'האָט דעם פאַרשוין עקספּע־דירט קיין טריעסט, אַרויפגעזעצט אויפן שיף, און פטור געוואָרן פון אים.

פונדעסטוועגן איז אין יענע יאָרן די עליה פון יונגע לייט פון גאַליציע שטאַרק געוואַקסן. זי האָט געשעפּט פון צוויי קוועלן: פון „פועלי־ציון" און פון „השחר".

יצחק לויפבאַן איז אויך אין „השחר" געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָבן זיך אַנטשלאָסן צו פאַרלאָזן די היים און עולה זיין. ער וואָלט אפשר געקאָנט קריגן פון זיין פאָטער די הסכמה דערצו, ער האָט אָבער נישט געוואָלט איינשטעלן. ער האָט זיך ווי עס איז געשאַפן די נייטיקע סומע, און ערשט פון טריעסט האָט ער צו וויסן געטאָן זיינע עלטערן וועגן דער נסיעה. אָבער קוים איז די מויער איינגעריסן געוואָרן אויף איין אָרט, האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט האַלטן. לויפבאַנס בריוו פון ארץ־ישראל צו חברים אין דעמביץ האָבן געהאַט אַ פּעולה. זיי האָבן געוווּסט, אַז קיין האַניק לעקט מען נישט אין ארץ־ישראל, זיי האָבן געוווּסט די שוועריקייטן, האָבן אָבער געוואָלט איינשטעלן.

דער צווייטער נאָך יצחק לויפבאַנען, וואָס איז אַוועק פון דעמביץ קיין ארץ־ישראל איז געווען הערש וואָלף (צבי וולף) עליו השלום, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק געשטאָרבן אין חיפה אין עלטער פון 67 יאָר. דער דריטער איז געווען משה טויב, וועלכער איז פלוצים פאַרשווּנדן און ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, ווו ער איז. זיי ביידע האָבן, אָנקומענדיק קיין ארץ־ישראל זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „השומר". מיט דער צייט האָט משה טויב זיך באַזעצט מיט אַ גרויסער גרופּע פון „השומר" אין כפר־יחזקאל, צווישן די ערשטע וואָס האָבן באַזעצט דעם עמק. צבי וולף, וואָס האָט שוין אין דעמביץ זיך ערנסט אינטערעסירט און אויך רעפערירט וועגן אַגראַר־פּראָבלעמען, איז לאַנגע יאָרן געווען דער מוכתר פונעם קיבוץ בית־אלפא און דערנאָך אַ וויכטיקער באַאַמטער פון קרן־קיימת לישראל אין צפון פון לאַנד, וואָס האָט דורך זיינע קענטעניש פון די באַדינגונגען און פאַרבינדונגען מיט אַראַבער אַ סך געהאָלפן ביי די באָדן־קניות פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד אין דעם טייל פון ארץ־ישראל.

יצחק לויפבאַן, וואָס האָט שוין אין זיינע יונגע יאָרן פאַרמאָגט אַ שאַרפע, בייסיקע פּעדער (קאָרעספּאָנדענצן פון דעמביץ אין קראָקעווער „יוד" און צוויי סעריעס אַרטיקלען אין „לעמבערגער טאָגבלאַט" „מהכא להתם" און „מהתם להכא") איז אין ארץ־ישראל, נאָך אַ קורצער צייט אַלס אַרבע־טער אין רחובות, געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער העברעי־שער צייטונג „הצבי" און דערנאָך איינער פון די אָנגעזעענ־סטע פּובליציסטן אין ארץ־ישראל, רעדאַקטאָר פון דער וואָכנצייטונג „הפועל הצעיר", אָרגאַן פון דער פּאַרטיי אָן וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן, און געהערט צו אירע אָנגעזעענסטע פירער.

דאָס זענען געווען די ערשטע דריי עולים פון דעמביץ קיין ארץ־ישראל.

דערנאָך איז אַוועק משה שטריק. אויך ער איז פּלוצים פאַרשווּנדן, און דאָס שטעטל האָט געקאָכט. די זאַך האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ סך פאַרוווּרפן פון זיין כלה, וואָס איז געווען אַ חברטע פון „חבצלת" און זי האָט מיך חושד געווען, אַז איך האָב געוווּסט וועגן זיין פּלאַן. דאָס האָט דעמאָלט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ דער „חבצלת".

אַ דעמביצער עולה איז אויך געווען משה בערגנער, וואָס איז אַליין געווען פון דעם שטעטל רעדים, אָבער אַזוי פאַרוואַקסן מיט דעמביץ, אַז מיר האָבן אים אַלע געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם.

בערגנער, אַ ברודער פון דעם באַקאַנטן דיכטער מלך ראַוויטש, האָט געלערנט אין דער דעמביצער גימנאַזיע. ער איז געווען די נשמה פון דער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע „גאָרלה” און האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער דעמביצער יוגנט סיי מיט זיינע פעיִקייטן, סיי מיט זיין פלאַמענדיקן טעמפּעראַמענט. ער איז געווען אַן עקסטאַטישע נאַטור. ווען חברה זענען זיך צונויפגעקומען אין זיין צימער און מ׳האָט געזונגען זינגען, האָט ער אַמאָל גאָר פלוצים געכאַפּט אַ פלאַש מיט ספּירט, אויסגעגאָסן אַ ראָד ספּירט אויפן פוסבאָדן, אָנגעצונדן, אַריינגעשפּרונגען אין דעם ברענענדיקן ראָד און געטאַנצט אַן ארץ־ישראלדיקן טאַנץ. ער האָט באַגייסטערט סיי מיט זיין רעדן, סיי מיט זיין פריילעכקייט.

פאַר זיין מאַטורע, ווען ער האָט שוין אַפילו געהאַט אָנגעשריבן די שריפטלעכע אַרבעטן, האָט ער פלוצים באַשלאָסן נישט צוצוטרעטן צו דער פּריפונג נאָר אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי נישט איינגעשפּאַנט צו ווערן אין דעם געיעג נאָך אַ דיפּלאָם. ער האָט געוואָלט זיין אַן אַרבעטער אין ארץ־ישראל. ס׳האָט נישט געפּועלט קיין שום צורעדן און אויפקלערן פון די נאָענטסטע חברים. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרברענען הינטער זיך אַלע בריקן צום גלות. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט אָננעמען קיין הוצאות הדרך פון זיין משפּחה אין רעדים, נאָר איז פריער געפאָרן קיין ראָזוואַדאָוו, ווו ער האָט זיך פאַרדינט דאָס געלט מיט לעקציעס, און פון דאַנען ערשט אַהיים זיך געזעגענען מיט דער פאַמיליע.

ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1911, געווען אַ „שומר”, אַן אַרבעטער און געמאַטערט זיך אין שווערסטע באַדינגונגען. די גייסטיקע אומרו אין אים האָט אים נישט געלאָזט צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען פון איין אָרט, און ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומוואַנדערן איבערן לאַנד אין די געפערלעכסטע אומשטענדן. אַזוי האָט ער אין יענע יאָרן געמאַכט מיט נאָך אַ חבר אַ שפּאַציר צו פוס ביז צו די שפּיצן פונעם חרמון, הגם ס׳איז געווען אַ סכנה פאַרן לעבן. גלענצנדע באַשרייבונגען זיינע פון אָט די וואַנדערונגען זענען געווען געדרוקט אין דעם ציוניסטישן וואָכנבלאַט „ווסכוד”, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין לעמבערג.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין יאָר 1914 איז ער אַלס עסטרייכישער בירגער מאָביליזירט געוואָרן און געדינט אַלס אָפיציר אין דער טערקישער אַרמיי. נאָך דער מלחמה איז ער געקומען צו באַזוך ביי זיינע עלטערן, וואָס האָבן דעמאָלט געוווינט אין ווין, אַ קראַנקער, פאַרמאַטערטער און פאַרצווייפלטער, און דאָ איז ער טראַגיש אומגעקומען.

אין יענער צייט האָב אויך איך מיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער אַוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל, אַזוי ווי די בעסטע חברים מיינע, איך האָב אָבער נישט אויפגעברענגט גענוג כוח איבערצוטראָגן די טראַגעדיע וואָס מיין אַוועקפאָרן וואָלט באַטייט פאַר מיינע עלטערן און פאַר דער היים בכלל. צייטווייליק האָב איך מוותר געווען און געזוכט ווי דורכצופירן מיין פּלאַן אָן קרבנות מצד מיינע נאָענטסטע, וואָס כ׳האָב זיי ליבער געהאַט ווי מיין אייגן לעבן.

ווען כ׳האָב פאַרלאָזט דעמביץ אין פעברואַר 1914 צוזאַמען מיט מיין חבר און מאַן יהודה בערנשטיין, האָבן מיר שוין ביידע געהאַט באַשלאָסן אָפּצופאָרן וואָס גיכער קיין ארץ־ישראל, אָבער דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט צייטווייליק צעשטערט דעם פּלאַן ביז מיר האָבן געקאָנט אין יאָר 1924 פאַרווירקלעכן דעם חלום פון אונדזער לעבן.

נפתלי שנייער

דער אָנהייב

ציוניזם אין דעמביץ געדענק איך נאָך פון זומער 1904. איך בין דעמאָלט קוים געווען אַ בר־מצוה־בחורל. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען ד״ר הערצל איז געשטאָרבן. איז אָנגעקומען קיין דעמביץ עפּעס אַ יונגערמאַן, האָט זיך באַקענט מיט עטלעכע יונגעלייט, עטלעכע סטודענטן, און מ׳האָט געגרינדעט אַ ציוניסטישן פאַריין. דאָס לאָקאַל איז געווען אין אַלטער געווירצס הויז לעבן דער שול. דאָרט האָט מען געמאַכט אַ טרויער־אזכרה נאָך ד״ר הערצל. אַ שטיקל צייט האָט דער פאַריין געאַרבעט כסדר. מ׳האָט געהאַלטן רעדעס און אין איין זינגען „התקווה”.

בעתן דאַווענען אין שול האָבן זיך אין פּאָליש געפירט וויכוחים וועגן ציוניזם, סאָציאַליזם. געווען עטלעכע יונגעלייט וואָס האָבן געאַרבעט אין טאָרנע און פלעגן אַהיימקומען אויף די יום־טובים. זיי האָבן געברענגט קיין דעמביץ אַ ביסל סאָציאַליזם אויפן שפּיץ מעסער. וועגן ציוניזם האָט מען אין דעמביץ געוווּסט אַ סך פריער.

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען דער עולם איז געגאַנגען אין שול אַריין, זענען אַלע שייבן אין פאַריין אויסגעהאַקט געווען און דערמיט האָט דער פאַריין זיך אויפגעלייזט... אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

צו דער צווייטער יאָרצייט פון ד״ר הרצל האָבן זיך צונויפגענומען אַ פּאָר גימנאַזיסטן און סטודענטן און אויסגעקליבן אַ „קאָמיטע” פון עטלעכע מער פאָרטגעשריטענע בעלי־בתים, ווי יהודה בראָס, מאַנעק געשווינד, הערמאַן וואורצל, דאַכט זיך אויך שמעיה ווידערשפּאַן, און די ערשטע זאַך איז געווען מאַכן אַן אזכרה נאָך ד״ר הערצל. דאָסמאָל האָט זי געזאָלט פאָרקומען אין שול, און דערצו האָט מען באַשטעלט אַ רעדנער פון קראָקע, עפּעס אַ דאָקטער. יענעם

טאָג פאַר מנחה זענען די מיטגלידער פונעם „קאָמיטע" מיט אַ ביסל יוּנגעלייט געקומען אויסגעפּוצטע אין שול אַריין. יהודה בראָס און יונה'לע געשווינד זענען געקומען אין די צילענדערס. מ'האָט געעפנט די אזכרה און צוגעטיילט דאָס וואָרט דעם דאָקטאָר פון קראָקע. פּלוצים, ווי ער הייבט אָן צו רעדן, גיט זיך אַ לאָז איז שול אַריין אַ כאָפּטע חסידים מיטן רב בראש און הייבן אָן דאַווענען מנחה אויפן הויכן קול.

האָט זיך דאָס אַ ביסל געטון. יהודה בראָס האָט דערלאַנגט אַ פּאַטש יעקב וועב'ן, דעם רעדלפירער פון די חסידים. זיי זענען אויך נישט שולדיק געבליבן. ס'איז געוואָרן אַ גרויס געשלעג. מ'האָט געבראָכן שטענדערס, פּעטש זענען געפלויגן ווי ברעטער. אַז מ'זאָגט, אַ שלאַכטפעלד. אין שול האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע שטענדערס, קאַפּלעך, טאַבעקפּושקעלעך, גאַרטלען וכדומה. ר' לייביש שמש האָט דערנאָך געהאַט אַ שווער שטיקל־אַרבעט אויפצורוימען די שול.

די מיטגלידער פונעם „קאָמיטע" זענען אַהיימגעקומען ווי פון אַ מלחמה. יהודה בראָס צילענדער איז געווען צעקנייטשט. מאַנעק געשווינדס פראַק איז געווען אַריינגעריסן, און דער רעדנער, דער דאָקטער פון קראָקע, איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.

און פון דעמאָלט אָן האָט מען גערודפט ציוניסטן אין דעמביץ. אַ ציוניסט איז געווען אַ פלעק אין דער משפחה. מ'האָט זיך מיט אַזאַ משפחה נישט געוואָלט משדך זיין. יצחק'ל לויפבאנען האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון חסידישן בית־מדרש.

אָבער קוים האָט דער ציוניסטישער געדאַנק זיך אַריינגעכאַפּט אין שטעטל, האָט מען אים מער נישט געקאָנט אויסוואָרצלען, בפרט ביי דער שטודירנדיקער יוגנט. דער לייכטנדיקער גייסט, דער וועגווייזער און אָנפירער פון דער ציוניסטישער יוגנט אין דעמביץ פונעם אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ביז נאָענט צום ערשטן וועלט־קריג איז געווען דער יונגער יודל באָרנשטיין זכרונו לברכה, וואָס מען קאָן זאָגן, אַז קיין שום זאַך אין דעמביץ אויף דעם געביט איז נישט געטון געוואָרן אָן זיין איניציאַטיוו.

אויך די גרינדונג פון דער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין דעמביץ איז צו פאַרדאַנקען אים, יודל באָרנשטיינען. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון אַ זעלבסטבילדונג־קרייזל, וואָס יודל באָרנשטיין האָט געגרינדעט און געהערט האָבן צו אים מענדל דאַאַר, שלמה ראובן וואורצל מיט זיין ברודער משה'לה. שפּעטער האָט מען אויך מיך אַריינגעצויגן.

די ביבליאָטעק און דאָס בילדונגס־קרייזל האָבן זיך געפונען אין אַ קאַלט פינצטער שטיבל, באַלויכטן מיט אַ נאַפט־לעמפּל; איך געדענק שוין נישט דעם נאָמען פונעם אייגנטימער. דאָרט זענען מיר געזעסן יעדן אָוונט און יודל באָרנשטיין האָט מיט אונדז געקנעלט די „טעאָריע און פּראַקטיק פונעם פּועלי־ציוניזם" פון ד"ר דניאל פּאַסמאַניק. אַנדערע קורסן האָבן אָנגעפירט דער סטודענט קובא ניכטהויזער א. אַ. פון דער בילדונגס־קרייזל בין איך אַרויסגעוואַקסן אַ פּועלי־ציוניסט.

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָבן מיר, שמואל פרעקער, מענדל ווילנער און איך, צוזאַמענגערופן אַלע שניידער און שוסטער־געזעלן און לערן־ייִנגלעך און געגרינדעט אַ פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. פון די ייִנגלעך אונטער 18 יאָר איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע, די עלטערע פון 18 יאָר האָט מען אַריינגענומען אין פּועלי־ציון־פאַריין, שפּעטער זענען צוגעקומען חברים פון אַנדערע פאַכן — בעקער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

דער שניידער־שטרייק

די אָרגאַניזאַציע פּועלי־ציון אין דעמביץ איז באַשטאַנען מערסטנס פון שניידער־אַרבעטער, — געזעלן און לערן־ייִנגלעך וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע וואַרשטאַטן, פאַר טאַנדייט און פאַר קונדן־אַרבעט.

די אַרבעטס־באַדינגונגען זענען געווען שרעקלעכע. שבת־צונאַכטס, באַלד נאָך הבדלה האָבן די אַרבעטער געמוזט קומען אין וואַרשטאַט, אַוועקזעצן זיך ביי די מאַשינען און אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי האָט מען געאַרבעט יעדן טאָג פון 7 אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז דער בעל־הבית אַליין האָט שוין געהייסן אַהיימגיין. ווי זאָגט מען עס: נויט ברעכט אייזן.

אַזוי לאַנג ביז עס האָט זיך אַריינגעמישט די אָרגאַניזאַציע. פּועלי־ציון און „יוגנט" האָבן געוואָלט פירן צווישן די אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך אַ בילדונגס־אַרבעט. יעדן אָוונט זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע קורסן און לעקציעס. יעדן שבת אַ קערמישל, אַן אָוונט מיט אַ גלעזל טיי און פאַרבייסנס. אָבער די שניידער־אַרבעטער האָבן דערביי נישט געקענט זיין. זיי האָבן דעמאָלט געאַרבעט. וואָס טוט מען? האָט מען גערופן אַ באַזונדערע פאַרזאַמלונג פון אַלע שניידער־אַרבעטער אַמאָל אין אַ שבת און באַשלאָסן נישט צו גיין אַרבעטן שבת־צו־נאַכטס. שוין דעמזעלבן שבת־צונאַכטס איז טאַקע קיינער נישט געקומען צו דער אַרבעט אין זיין וואַרשטאַט.

דאָס איז געווען דער ערשטער שאָס. די בעלי־בתים האָבן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד, און אַזוי איז עס פאַרבליבן. דער אַפּעטיט וואַקסט אָבער מיטן עסן. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט דער קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אינאיינעם מיט פאַרטרעטער פון די שניידער־אַרבעטער אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ארויסצורופן אַ שטרייק פון אַלע שניידער־אַרבעטער. די אַרבעטס־שעהן זאָלן זיין פון 8 אין דער פרי ביז 6 אַזייגער אין אָוונט, מיט אַן איבעררייס פון אַ שעה אויף מיטאָג עסן. וועגן שכירות האָט מען, דאַכט זיך, נישט גערעדט. מ'האָט די דאָזיקע פאָדערונגען אַריינגעשיקט צו די בעלי־בתים און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, די אַלע פאָדערונגען אָפּגעוואָרפן. אַ חוצפה דאָס איז צו וועלן אַזאַ וווילטאָג! און די אַרבעטער זענען אַרויס אין שטרייק — דאָס ערשטע מאָל זינט דעמביץ שטייט.

האָט זיך דאָס אַ ביסל געטאָן אין שטעטל. גאַנץ דעמביץ איז געגאַנגען אויף רעדלעך. די אַרבעטער האָבן דאָך מערסטנס געוווינט און געגעסן ביי די בעלי־בתים. האָט מען אין פאַריינס־לאָקאַל, אין מאָטל קריינדלס הויז, געמאַכט אַ

קיך און געקאָכט מאָלצייטן פאַר די שטרייקער. אין אָוונט, ווידער, האָט מען אַריינגעבראַכט בינט שטרוי, אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע און די שטרייקער האָבן געהאַט וווּ צו שלאָפן. דער פאַריין איז געוואָרן די היים.

דער שטרייק האָט אָנגעהאַלטן ניין טעג. די בעלי־בתים זענען אַרומגעלאָפן ווי משוגעים, איינגעשפּאַנט דעם „בורא־מישטש” און די פּאָליצײ. ביז דער סטאַראָסטע איז אַראָפּגעקומען פון ראָפּטשיץ מיט אַ קאָמיסיע אויספאָרשן וואָס דאָ טוט זיך. וואָס איז? אַ רעוואָלוציע, רחמנא ליצלן? אָבער, אַז דער סטאַראָסטע האָט נישט געהאָלפן, זענען די בעלי־בתים ווייכער געוואָרן און האָבן זיך אָנגעהויבן בייגן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון האָט אַראָפּגעשיקט קיין דעמביץ אַ חבר פון דער אינטעליגענץ, דעם אַדוואָקאַטור־קאַנדידאַט (קאָנציפּיענט) ד״ר פילצער, אָנצופירן מיטן שטרייק. האָבן די בעלי־בתים זיך טאַקע דערשראָקן. אַ קליינקייט, אַז מיטן שטרייק פירן אָן נישט עפּעס יינגלעך, נאָר אַ סאַמאָראָדנער אַדוואָקאַט! און זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן. אַלע ווי איינער זענען זיי געקומען אין לאָקאַל פון פאַריין, אויסגעשטעלט זיך אין אַ ריי און אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט וואָס פילצער האָט אויסגעאַרבעט.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער ערשטער שטרייק אין דעמביץ.

מענדל ווילנער

דעמביצער ייִדן

ר׳ לאָזער פּערלשטיין איז דער ערשטער נאָמען וואָס קומט מיר אויפן זינען, ווען איך טראַכט וועגן אַמאָליקן דעמביץ. איך אַליין האָב אים שוין נישט געקענט, אָבער דאָס וואָס מ׳האָט וועגן אים דערציילט האָט זיך מיר שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון.

ר׳ לאָזער איז געווען גאָר אַ גרויסער עושר. גענוג צו זאָגן, אַז אין יענער צייט איז ער געווען דער באַזיצער פון דער דעמביצער אולאַנער־קאַסערן (צווישן דעם מאַרק און ר׳ יהודה מאהלערס הויז), פעלדער אויף עטלעכע צענדליק מאָרג, געביידעס מיט אַ דאַמף־זעג א. אַ. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אַן אָפיציר פון גאַרניזאָן האָט געוואָלט אַרויסבאַקומען אַ מתנה יפה פון ר׳ לאָזערן, אָבער ר׳ לאָזער האָט זיך נישט געלאָזט. נעמט דער אָפיציר און גיט אָפּ פאַרן געריכט זיין „אָפיציריש ערן־וואָרט”, אַז נישט אַנדערש, ר׳ לאָזער פּערלשטיין האָט אים געוואָלט איבערקויפן, און ער, דער אָפיציר, האָט נישט מסכים געווען. דער סוף — ר׳ לאָזער פּערלשטיין איז פאַרמשפּט געוואָרן צו אַכצן חדשים תפיסה, זיין פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן, די קינדער געטריבן אין אָרעמקייט, און ער אַליין, דער שטאָלצער ייִד, נישט קענענדיק אָננעמען די חרפּה פון זיצן אין תפיסה, איז אַוועק קיין לאָנדאָן, וווּ ער איז געשטאָרבן אין שרעקלעכער נויט.

זיין זון איטשעלע איז געווען ביז זיין לעצטן טאָג אַ פאַרברענטער משכיל, דער ערשטער וואָס האָט אין דעמביץ געשאַפן אַ קרייז פאַר לייענען דייטשע ביכער.

דער צווייטער פאַל פון אַ טראַגיש רואינירטער משפּחה אין דעמביץ איז געווען מיט דער פאַמיליע געווירץ. ר׳ אַלטער געווירץ איז געווען דער זון פון דעם תקיף ר׳ דניאל, וואָס האָט בשעתו געשאָקלט מיט דעמביץ און איז געווען באַקאַנט פון קראָקע ביז לעמבערג. ר׳ אַלטער, דער זון, האָט געשטרעבט צו מיליאָנען. ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט זיין גרויס מאַשינען־געשעפט און אַריינגעלייגט אַ סך געלט אין עפּעס אַ ווונדערלעך מילעכל, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט איינעמען די וועלט. דער שיינער חלום איז אָבער אויסגערונען און ר׳ אַלטערס פאַרמעגן איז אַריבער צו פרעמדע. ר׳ אַלטער געווירץ איז געשטאָרבן אין דער פרעמד אין גרויס אָרעמקייט און צו זיין ווייטיק איז נאָך צוגעקומען די טראַגעדיע מיט זיין זון אלי׳ געווירץ.

אלי׳ געווירץ איז געווען פון די פּעאיקסטע בחורים אין שטעטל. ער איז נישט בלויז געווען אַ גרויסער לערנער נאָר געווען שטאַרק באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור. וועגן זיין ווילדן קאָפּ האָט מען דערציילט ווונדערלעכע זאַכן. אַמאָל האָט ער זיך געוועט, אַז ער וועט אויסלערנען פון אויסנווייניק וועבערס פרעמד־ווערטערבוך און האָט עס באַוויזן אין משך פון עטלעכע טעג... אלי׳ געווירץ איז געווען דאָס שיינדל פון דער משפּחה, אָבער אַלע האָפענונגען זענען צונישט געוואָרן דורך אַ נישט־פּאַסיקן שידוך. דער פרייער משכיל האָט באַקומען גאָר אַ פרומע פרוי, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיינע אַפּיקורסישע גענג און ס׳איז געקומען צום גט. אלי׳ געווירץ איז אַוועק פון דעמביץ, און ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט האָט מען אין שטעטל דערציילט, אַז ער איז צוגעשטאַנען צו די מיסיאָנערן אין לאָנדאָן. אַנדערע האָבן אַפילו געוווּסט צו דערציילן, אַז ער איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסער גלח.

(דעמביץ האָט ווייזט אויס „געהערט קלינגען, נאָר נישט געוווּסט פון וועלכן וואַלד”... אלי׳ געווירץ האָט פאַרלאָזט לאָנדאָן און איז אַריבער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע נישט שפּעטער ווי ביים אויסברוך פונעם וועלט־קריג (אפשר מחמת דעם וואָס ער איז געווען אַן עסטרייכישער בירגער) — וואָרום שוין אין יאָר 1915 איז אַרויס אין לאָס־אַנדזשעלעס אַ קליין טעאָסאָפיש בוך אין ענגליש פון Elias Gewürz, וועלכער ווערט אין דער הקדמה פאָרגעשטעלט אַלס „גרויס־מייסטער” פון אַ טעאָסאָפישן אָרדן, וועמענס זיידע איז געווען „ראש ישיבה אין אַ שטעטל לעבן קראָקע”. דאָס בוך, וואָס איז דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס, געפינט זיך אין באַזיץ פונעם ירושלימער פּראָפעסאָר און פאָרשער פון קבלה, ג. שלום, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אַז עס איז אין אים נישטאָ קיין שום זכר פון קריסטנטום אָדער קריסטלעכער השפּעה. אלא וואָס? לויט די ווערטער פון פּראָפ׳ שלום, איז

אליהו געווירץ געווען, „ווי אַלע טעאָסאָפן”, אַ פעלשער: ער ציטירט אַלטע קבלה ספרים, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, ער ברענגט שיינע זאַכן פון כתב־ידן וואָס ער זאָל האָבן געזען אין קעמברידזש און אָקספאָרד, אָבער פראָפ׳ שלום האָט די כתב־ידן אויך געלייענט, און ס׳איז דאָרט אַזוינס נישטאָ. — ד. ל.).

אַזוי האָט געענדיקט דאָס אוראייניקל פון ר׳ העניך און אייניקל פון ר׳ דניאל געווירץ.

אַ באַקאַנטע פיגור אין דעמביץ איז געווען דער „ד״ר ר ײ ז” — אַ ייד פון מיזרח־גאַליציע וואָס האָט זיך באַזעצט אין דעמביץ אַלס מעדיצינער און איז געוואָרן כמעט אַן אייגענער. אייגנטלעך האָט ער נישט געהאַט דעם טיטל „דאָקטאָר”. ער איז געווען אַ „פראַקטישער אַרצט”, אַ דאָקטאָר מיט האַלבער בילדונג, וואָס עס איז דערלויבט געוואָרן אין אַלט־עסטרייך צוליבן מאַנגל אין אויסשטודירטע דאָקטוירים. אַ פריילעכער ייד, אַ וויצלער, פלעג ער זיך אָפּשטעלן מיט יעדן איינעם כאַפּן אַ שמועס און אַזוי אַרום האָט ער געהאַט אַ ברייטע יידישע און גויישע קליענטעלע — אויסער אים איז נאָך געווען אין שטעטל אַ לאַנגע צייט בלויז איין גויישער דאָקטאָר בענדאַ, און ביידן האָט קיין פרנסה נישט געפעלט. פון יידישקייט האָט ער אַ סך נישט געוווסט און נישט געהאַלטן. ער פלעג וועגן זיך זאָגן, אַז ער האַלט בלויז פון איין יום־טוב — פון „קישקעלע־יום־טוב”. ער איז אָבער געווען אַ שטאַרקער עסטרייכישער פּאַטריאָט, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר מוזיק, האָט ער כדי געפעלן צו ווערן אין די „הויכע פענצטער” זיך פאַרלייגט אויפצושטעלן אַ כאָר צוזאַמען מיט ר׳ שמחה חזן (שעדליסקער), וואָס זאָל יעדן 18־טן אויגוסט, דעם „קאַיזערס נאָמעסטאַג”, זינגען אין שול און אין גאַס אין מיטן מאַרק. די בעסטע זינגער אין דעם כאָר זענען געווען חנינה וויזען, חיים זיידען, בערישל גרין, שלמה זיידען, אני הקטן, הענעק שנייער, דער ראָפּשיצער בחור, שמואל אולמאַן און ישראל שעדליסקער. דער דיריגענט איז געווען ר׳ מאירל געווירץ.

דער זעלבער כאָר, נאָר פאַרשטאַרקט פון יידישע זעלנער, געוועזענע משוררים ביי חזנים, וואָס האָבן געדינט אין דעמביץ, האָט געזונגען אין די יומטובים אין שול. ס׳געדענקט זיך נאָך די גרויסע פרייד פון די גבאים, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם געשעפּט נחת פון אונדזערע סאָלאָס, און בפרט די שמחה פון ר׳ דוד רעדער, וואָס האָט אונדז אַלעמען דערפאַר גערופן צו זיך אויף קידוש. ווער רעדט נאָך, דער קאָנצערט פון תפילות וואָס מיר פלעגן געבן ביי ר׳ מענדל מאַהלער אין דער אַלטער שטאָט ביי די פיינע געבראָטענע גענדזלעך צום פאַרבייסן...

ר׳ מ ע נ ד ל מ אַ ה ל ע ר איז געווען דער אייביקער ראש הקהל אין דעמביץ. ער האָט רעגירט אין קהל און אָנגעפירט די געשעפטן מיט אַן אייזערנער עקשנות. אַז ס׳איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פראָטעסט געגן די קהל־וואַלן האָט „דער פעטער מענדל” אים אַוועקגעלייגט אויפן הענגל־לייכטער, דאָס הייסט, קיינמאָל נישט גערעכנט זיך מיט אַזוינס. און געווען איז דאָס אַ ייד אַן ערלעכער, אַן אָרנטלעכער, אַ שטענדיקער בעל־תפילה ביים רב אין די ימים נוראים. זיין ברודער איז געווען ר׳ י ה ו ד ה מ אַ ה ל ע ר, דער גרעסטער נגיד אין שטעטל, דער באַזיצער פון דער פראָפּינאַציע, מיט אַ פאַרצווייגטער משפּחה. אַ צווייטער ברודער פון ר׳ יהודה מאַהלער איז געווען ר׳ א י ט ש ע ל י י ב, וואָס איך געדענק נאָך ווי ער האָט געשפּילט אויף יידישע חתונות.

פון ר׳ מענדל מאהלערס טעכטער איז איינע געווען די פרוי פון ר׳ נ ת ן ג ר י נ ש פּ אַ ן, וועמענס הויז איז אַלעמאָל געווען אַן אָפענע היים פאַר אַלע וואָס האָבן געדורשט נאָך וויסן. נתן גרינשפאַן איז געווען אַ ייד אַ שווייגער, אַ קמצן אויף רעדן. דערפאַר איז ער געווען באַשאָנקען מיט אַ פראַקטישן חוש און גרויסן פאַרנעם אין זיינע געשעפטן. שוין מיט 60 יאָר צוריק איז נתן גרינשפאַן געווען דער אינדוסטריעלער אין דעמביץ. זיין פאַבריק פון טאָטשקעס האָט ער געפירט אין אַ ברייטן מאַסשטאַב, אויך פאַרן עקספּאָרט, און באַשעפטיקט צענדליקער אַרבעטער, איינשפּאַנענדיק אין דער אַרבעט אויך זיינע אייגענע קינדער. זיין עלטסטע טאָכטער רוחמה האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט יידל בארנשטיין, פון די באַדייטנדסטע זין וואָס דעמביץ האָט אַרויסגעגעבן.



ר׳ נתן גרינשפאַן

מלמדים

אַן אַ גוזמא קאָן מען זאָגן, אַז דער גרעסטער טייל דעמביצער קינדער ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן געלערנט אין חדר ביי ר׳ נחום ניימאַרק, אָדער „ד ע ר ט אָ ר נ ע ר מ ל מ ד”, ווי מען פלעגט אים רופן. געווען איז ער אַ פרומער ערלעכער ייד, און אַן אָפּגעהיטענער ביז גאָר.

אַז איך בין אַלט געווען קוים דריי יאָר, האָט מיך דער טאַטע מיינער, ווי דער שטייגער, איינגעהילט אין דעם טלית זיינעם און געטראָגן מיך אויף די הענט צו ר׳ נחומען אין חדר אַריין. דאָס איז געווען אַן ענגע שטוב מיט צוויי פענצטער און אַ לאַנגן טיש, ביי וועלכן צענדליקער קינדער האָבן געדאַרפט לערנען יידישקייט, פון אלף־בית ביז חומש־רש״י.

ביים טיש איז נישט געווען גענוג פלאַץ פאַר אַלעמען, און זומערצייט פלעג אַ טייל פון די תלמידים פאַרברענגען אין דרויסן ביים גרויסן מיסטקאַסטן, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט לאָרענץ דעם חזירניקס חזירים־שטאַל.

ר׳ נחום האָט געהאַט צוויי באַהעלפערס, — יאָסל, אַ מער לייטישער בחור, וואָס האָט געטאָן זיין אַרבעט בשלימות, און אַן אונטערבעלפער, דוד, וואָס האָט נישט אַזוי נושא חן געווען אין אינדזערע אויגן. אין חדר האָבן געלערנט יינגלעך מיט מיידלעך אין איינעם. האָט דער אונטערבעלפער געהאַט אַ טבע צו קנייפּן די פיין גענערטע מיידעלעך, בפרט פון די רייכערע הייזער, און דאָס האָט אונדז יינגלעך שטאַרק פאַרדראָסן. מיר זענען זיכער געווען, אַז פאַר דערפאַר וועט ער קיינמאָל פון גיהנום נישט אַרויס. אויסערדעם האָבן מיר אויף אים געטראָגן אַ בייז האַרץ, ווייל ער איז עס געווען דער וואָס האָט די קינדער געמאַכט „פעקלעך״, ווען זיי האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט.

ווי אַזוי האָט אויסגעזען אַ „פעקל״? דעם פאַרזינדיקטן פלעג מען אַראָפּלאָזן די הייזלעך, איבערקערן אים דאָס היטל אויפן קאָפּ, געבן אים אין דער האַנט אַ בעזים און אַריינשטעלן אים אַזוי אויף אַ ווייל אין קוימען. ווען מ׳האָט דאָס פאַר־שעמטע קינד אַרויסגענומען אַ דערשראָקענס פונעם קוימען, האָבן די איבעריקע קינדער נאָך געדאַרפט צוזינגען אַ לידל און מאַכן דעם באַשטראָפטן „אַ בע״. שפּעטער האָט מען זיך באַנוגנט מיט אַוועקשטעלן דאָס יינגל אין אַזאַ „הולך״ ביי דער טיר. און דער צער פון די קינדער איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויפן אונטערבעלפער. דערפאַר פלעגן מיר מיט גרויס חשק אונטערזינגען דאָס וויטערדיקע לידל:

בעלפער געהעלפער, געשניטענע צינגלעך,
זיי אַ כפרה פאַר אַלע יינגלעך—
בעלפער געהעלפער, געשניטענע קניידלעך,
זיי אַ כפרה פאַר אַלע מיידלעך.

געווען פאַלן ווען דער רבי אַליין, ר׳ נחום, פלעג נעמען דאָס זינדיקע יינגל, אָפּקנעפּלען אים די הייזלעך און אָפּשמייסן מיטן קאַנטשיק. ס׳האָט נישט אַזוי וויי געטאָן ווי ס׳האָט געברענט די חרפּה. איינמאָל האָט ר׳ נחום אָפּגעשמיסן אַ תלמיד שמחה שיינפעלד, אָבער יענער האָט זיך נישט געלאָזט און וואַרפנדיק מיטן פוס אָפּגעהאַקט דעם רבין מיטן נאָגל פונעם גראָבן פינגער די שפּיץ נאָז. דער רבי איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, אויסגעזוכט אַ פאַרשטויבט שטיק שפּינוועבס, צוגעלייגט צו דער נאָז פאַר אַ רפואה און פאַרקלעבט מיט אַ שטיקל ברוין פּאַק־פּאַפּיר. און אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען וואָכנלאַנג צו אונדזער גרויס פאַרגעניגן...

אַמאָל, אַז דאָס שמייסן האָט נישט גענומען קיין עק, האָבן עטלעכע יינגלעך מיטגעברענגט פון דער היים שטיקלעך קנאָבל און איינגעריבן דערמיט די רעמעטן פונעם קאַנטשיק. דאָס איז געווען אַ סגולה, אַז די רעמעטן וועלן זיך צעפאַלן... אַן אַנדערטמאָל האָט מען צוגעגנבעט דעם קאַנטשיק און ערגעץ ווו באַהאַלטן, — פאָרט נישט געהאַט די העזה אים אינגאַנצן צו פטר׳ן.

אַ חוץ ר׳ נחומען, דעם טאַרנער מלמד, האָבן מיר נאָך געהאַט אַ שיע׳לע געווירץ, אַ טוביה׳לע, אַ שכנא פּינקס — זיי אַלע מלמדי תינוקות.

די גמרא־מלמדים זענען געווען ר׳ יאָסעלע וואָלף, אַ ייד אַ למדן, אַ טשאָרטקעווער חסיד — ביי אים איז געווען אַ מחיה צו לערנען. זיינע חסידישע ניגונים האָבן פאַרכאַפּט דאָס האַרץ. שטענדיק איז ער הונגעריק געווען, אָבער קיינמאָל איז ער נישט אַריינגעפאַלן אין עצבות. היינטזשע, אַז ס׳איז געקומען ראש־חודש אלול, האָבן מיר קינדער געהאַט אַ לעבעדיקע וועלט — דער רבי, ר׳ יאָסעלע, האָט זיך געלאָזט גיין צו פוס צו זיין רבי׳ן קיין טשאָרטקעוו.

ר׳ יאָסעלעס תלמידים זענען געווען צום מערסטן פון הסידישע הייזער. איך געדענק נאָך ווי מיר זענען געווען אויסגעזעצט ביים לערנען. סענדער בינשטאָק ואני הקטן, פון די גוטע קעפּלעך, זענען געזעסן באַלד ביים רבי׳ן. ביים איבערזאָגן די גמרא צום שבתדיקן פאַרהערן זענען מיר געווען די ערשטע. אויב אונדזער פאַרענטפערן אַ קשיא האָט אים נישט צופרידן געשטעלט, פלעג ער אויסשרייען: אוי לכם עילויים שבדמביץ! אַז וויי איז צו אייך, דעמביצער עילויים!

אונדזערע חברים אין יענער צייט זענען געווען שבח לייבל און יאָסעלע ריטער פון קאַמעניץ. נישט איינמאָל האָט דער רבי זיך אַוועקגעזעצט נביאות זאָגן, לויטן התנהגות פון זיינע תלמידים, וואָס עס וועט ווערן פון זייער יידישקייט. אַ טייל האָט ער ביטער געמוסרט, געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך און אויסגעמאָלן דאָס גיהנום פאַר זיי.

אַ סך ליבער איז געווען דאָס לערנען ביים בלינדן לישעלע, ר׳ אלישע לערער. ער איז געווען אַ סגי־נהור און מ׳האָט געקאָנט טוען ביים לערנען וואָס מ׳האָט נאָר געוואָלט — דער רבי האָט נישט געזען ווו און ווען צו שלאָגן.

מיט אַ מער פּעדאַגאָגישן צוגאַנג האָט געלערנט דער מלמד ר׳ הערש דוד בלייוויס. האָבן פון אים די חסידישע טאַטעס נישט געהאַלטן, און אַפילו געררודפט, אָבער די וואָס האָבן ביי אים געלערנט תנ״ך, האָט זיך די תורה פון די נביאים גוט איינגעקריצט אין זיכרון.

מיינע אַנדערע טיילווייזע מלמדים פון שפּעטערע צייטן, אַ יוסף פּרעגער, ר׳ איטשעלע ווייגדלינג, דאַרפן אויך דער־מאָנט ווערן מיט יראת הכבוד.

צווישן די מלמדים אין דעמביץ דאַרף מען דערמאָנען באַזונדער ר׳ בנימין דעם שמש פון פּראָסטן בית־המדרש, אַ הויכער און שיינער ייד, צו וועלכן אַלע פלעגן זיך באַציען מיט גרויס דרך־ארץ. ער האָט געהאַט די חזקה צוצושטעלן די בעלי בתים פון זיין בית־המדרש וואַקסענע יום־כיפור־ליכט, און געטאָן האָט ער דאָס מיטן גאַנצן הידור־מצוה. צו יעדן ליכט פלעגט זיין צוגעקלעבט דער נאָמען פונעם בעל־הבית מיט געכתיבה׳טע אותיות. און ס׳איז געווען אַ סך פייערלעכקייט דערין, ווו אַזוי ר׳ בנימין שמש, מיט אַ הויכן קאָלפּאַק אויפן קאָפּ, איז געגאַנגען איבערן מאַרק, פון געשעפט צו געשעפט און איינער פון זיינע זון האָט אים נאָכגעטראָגן די וואַקסענע ליכט. שוין מיט פופציק יאָר צוריק האָט דאָס

אויסגעזען ווי אַ שטיק לעבעדיקע פאַרגאַנגענהייט... עפּעס ווי אַליין אַ ברענענדיק וואַקסן ליכט.

אַ מעשה מיט אַ הויפּטמאַן

דוד דער אונטערבעלפער איז שפּעטער פרייוויליק אַריין אין דער אַרמיי, דערדינט זיך ביז פעלדוועבל, ביז ער איז צום סוף — אין פאָלקסמויל — אַרויסגעוואָקסן ...אַ הויפּטמאַן!

מאַכט זיך, דערציילט די מעשה — אַז קיין דעמביץ קומט אָן אַ מיליטערישע אַסענטירונגס־קאָמיסיע, אויפצונעמען נייע רעקרוטן, און שטייט איין אין האָטעל רעכט, וואָס איז געווען פאַרוואַלטעט דורך ר׳ ישראל מאַהלער. פרעגט דער הויפּטמאַן פון דער קאָמיסיע ר׳ ישראלן: צי לעבט נאָך ר׳ נחום, דער מאָרנער מלמד? וויבאַלד אָבער דער הויפּטמאַן הערט אַז יאָ, ר׳ נחום לעבט נאָך, שיקט ער, דער הויפּטמאַן, רופן ר׳ נחומען: דער הויפּטמאַן פון דער אַסענטירונגס־קאָמיסיע וויל אים זען! אַז ר׳ נחום האָט דערהערט די בשורה האָט ער קודם אַוועקגעחלשט... ער פאַרשטייט נישט וואָס וויל מען פון אים. ערשטנס האָט ער מער נישט קיין חדר און ער וויל נישט קיין טובה פונעם הויפּטמאַן, צווייטנס האָט ער נישט קיין זון צום שטעלן... אָבער וואָס העלפן די תירוצים, ר׳ נחום האָט זיך געמוזט אויפהייבן און גיין אין האָטעל רעכט זיך אויסשמועסן מיטן הויפּטמאַן.

אַז ר׳ נחום האָט זיך דערזען שטיין פאַרן הויפּטמאַן, האָט ער צו אַלעם ערשט געמאַכט אַ ברכה, טאַקע די ברכה וואָס מען מאַכט, ווען מען זעט מלכות.

בקיצור דער הויפּטמאַן פרעגט ר׳ נחומען אויף דייטש, צי קען ער זיך דערמאָנען, ווען ביי אים האָט געאַרבעט אַ דוד בעלפער.

— יאָ, ענטפערט ר׳ נחום. — כ׳האָב אים אויסגעצאָלט און אַרויסגעוואָרפן. געווען אַ גרויסער פאַסקודניאַק, געטשעפעט קליינע מיידלעך... און ער וואָלט נאָך ווייטער דערציילט, ווען דער הויפּטמאַן רייסט אים נישט איבער: דאָס בין איך, ר׳ נחום, אייער אונטער־בעלפער...

ר׳ נחום איז געווען אויסער זיך און כדי צו טרייסטן דעם הויפּטמאַן טוט ער אים אַ זאָג: — יאָ, יאָ, ווען דו זאָלסט בלייבן ביי מיר, וואָלסטו שוין געקענט זיין אַ דרדקי־מלמד פ״ר זיך אַליין...

לערערס

דעם אָנהייב פון וועלטלעכער בילדונג האָבן די יידישע קינדער אין דעמביץ, כמעט אַלע, באַקומען ביי ר׳ ליפּע געווירץ, ביי הער קראַנץ און אויך ביי ר׳ יאָסקע בייער. פון די לערער ביי וועלכע מיר האָבן אַ סך געלערנט אין די רייפערע יאָרן, דאַרף מען מיט גרויס דרך ארץ דערמאָנען דעם הער ליפעראַנט מיט זיין שוועסטער ליבטשע בלומענקראַנץ.

ביי דער פרוי בלומענקראַנץ פלעגן זיין אויף קעסט יידישע קינדער פון דער דאָרפישער סביבה, וועמענס עלטערן האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו געבן אין דער היים די געהעריקע דערציונג. פון זיי געדענק איך די צוויי שיינע שוועסטערלעך ריטער פון קאַמעניץ, דעם שפּעטערן ד״ר ישראל סאנדהויז פון דעם נאָענטן שטעטל פּילזנאָ (שפּעטער פאַרהייראַט מיט דער ליבער חברטע רעכטשע גרינשפאן) און זיין ברודער דוד (דודקע).

ביי דער פרוי בלומענקראַנץ פלעג אָפט קומען צו גאַסט דער זון פון איר שוועסטער, אין טאָרנע, אויך אַ פּריוואַט־לערערין, באַקאַנט אונטערן נאָמען „פאַני זאָשאַ״. דאָס איז געווען דער יונגער קאַראָל סאָבעלזאָן, שפּעטער באַקאַנט אַלס ק אַ ר אָ ל ר אַ ד ע ק, עקזעקוטיוו־מיטגליד פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אומגליקלעך פּאָפּולערע וועלט־פערזענלעכקייט.

דערמיט זענען נאָך נישט געווען אויסגעשעפּט אַלע מעגלעכקייטן פון וועלטלעכער אויסבילדונג אין דעמביץ. צוזאַמען מיט מיינע חברים הענעק שנייער און משה וואורצל (קויאָן) האָב איך מיך גענומען לערנען בוכהאַלטעריע, אני הקטן דורך אַ שריפטלעכן קורס פון רוישנס האַנדלס־שולע אין טאָרנע. אַ חוץ דעם זענען געווען די יידישע סטודענטן פון דער פּוילישער גימנאַזיע אין דעמביץ — קובע ניכטהויזער, גאַבעל און משה בערגנער. פון זיי האָבן מיר געלערנט פּוילישע ליטעראַטור, געשיכטע וכדומה. דייטשע ליטעראַטור האָבן מיר שוין אָנגעהויבן לייענען מיטן הער ליפעראַנט. ער האָט מיט אונדז איינגעקנעלט שילערס „דאָן קאַרלאָס״, „קאַבאַלע אונד ליבע״, די טרילאָגיע „וואַלענשטיין״ און אַנדערע דייטשע קלאַסיקער. יידישע ליטעראַטור איז נאָך דעמאָלט נישט שטאַרק באַקאַנט געווען אין דעמביץ, סיידן די מעשה־ביכלעך, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך פאַקנטרעגער. דער פּיאָניר אויף דעם געביט איז געווען די ביבליאָטעק פון פועלי־ציון.

דער בלינדער באַריטאָן

איינער פון די זעלטנסטע טיפּן אין דעמביץ איז געווען דער בלינדער לישע (וואָולוויק).

דער בלינדער לישע (אלישע) האָט פאַרלוירן די ראייה אויףביידע אויגן אין די יונגע יאָרן. פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ גמרא־מלמד און אַלע יאָרן חזן אין פּראָסטן בית־מדרש, וווּ ער האָט געדאַוונט שחריתים און מוספים יעדן שבת. דאָס וואָלט מען נאָך געקענט פאַרשטיין. אָבער ווי אַזוי האָט ער געוווּסט צו דאַווענען פון אויסנווייניק שחריתים און מוספים פון אַלע יומטובים און ימים נוראים, דאָס איז שווער צו באַגרייפן. ער האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זיכרון, און אַ שטימע האָט ער געהאַט! — אַ טיפּן באַריטאָן מיטן קלאַנג פון אַן אָרגל.

איינמאָל פאַרנאַכט זענען יידן געקומען דאַווענען מנחה אין דער שול פון דער נייער שטאָט. פּלוצים, מען וויל זיך שוין שטעלן דאַווענען, קומט אָן אין שול אַ כאָפּטע פון אַ פופצן עסטרייכישע אָפיצירן. זיי האָבן געהערט צו אַ געאָגראַפישער עקספּעדיציע פון דער אַרמיי, וואָס איז אַרומגעפאָרן אין דער גאַנצער געגנט אַרום: דעמביץ, מעליץ, ראַדאָמישל, פּשעצלאַוו א.אַ.וו., כדי צוצוגרייטן נייע לאַנדקאַרטן, מאַפּעס וכד׳. יענעם טאָג זענען זיי פאַרטיק געוואָרן

מיט דער אַרבעט אין דער געגנט און געקומען קיין דעמביץ. נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן און זעענדיק יידן גייען אין שול, זענען זיי אויס נייגעריקייט מיטגעגאַנגען, געוואָלט זען ווי אַזוי יידן אין גאַליציע „מאַכן דאָס געבעט״.

דער עולם יידן איז געווען געפּלעפט. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן רעשן וואָס צו טאָן. לאָזן דאַווענען פאַר די אָפיצירן סתם אַ יידן ווי אַלעמאָל אינדערוואָכן, איז עפּעס נישט שיין. איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן צו רופן דעם בלינדן לישע און ער האָט טאַקע מיט זיין אָרגל־שטימע אָפּגעדאַוונט מנחה־מעריב ווי ס׳געהער צו זיין. די אָפיצירן זענען געווען צופרידן און די יידן זענען געווען צופרידן: יוצא געווען קעגן מלכות!

ר׳ שלמה מאָרדקאָוויטש

נפתלי שניער

אַ גאָר מערקווערדיקער פּאָלקסטיפּ אין דעמביץ איז געווען ר׳ שלמה מאָרדקאָוויטש, דער איינציקער פיש־הענדלער אין שטעטל. און גערופן האָט מען אים שלמה מאָניק.

אַלע זומער איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אַ ווייסן לייוונטענעם אַנצוג, ווינטער אַ פּעלץ, אויך מיט ווייסן געוואַנט פון אויבן. אין די בגדים זיינע האָט ער געהאַט גרויסע טיפע קעשענעס. פון דעם לינקן אַקסל ביז דער לינקער היפט האָט ער געהאַט אַריבערגעצויגן אַ שטריק ביי וועלכן ס׳איז נאָכגעהאָנגען אַ פלאַכע בלעכערנע פּושקע מיט דרייאונניינציקער אָקאָוויט, פאַרמאַכט פון אויבן מיט אַ בלעכערן קווערטל. אין די טיפע קעשענעס האָט ער געהאַט אָנגעפּאַקט צעבראָכענע שטיקער צוויי־גרייצערדיקע וואַסער־בייגל. אין דעם הילוך פלעג ער זיך אַרויסלאָזן אין די דערפער לעבן די פיש־טייכן ווו ער האָט איינגעקויפט זיין סחורה.

ווען שליאַמקאָ, אַזוי האָבן אים די גויים גערופן, איז אָנגעקומען אין אַ דאָרף, זענען אַלע גויים גלייך געקומען צו לויפן. ער האָט זיי אַלע מכבד געווען מיט אַ טרונק און געגעבן צו פאַרבייסן מיט אַ שטיק בייגל פון דער טיפער קעשענע. דערמיט האָט ער אָפּגעקויפט די גויים און געוווּנען זיי אַזוי, אַז זיי זענען פאַר אים געלאָפן אין וואַסער אַריין.

יעדן דאָנערשטיק האָט שלמה מאָניק אויסגעשטעלט אין מאַרק זיין סחורה — די פיינע קאַרפּן פאַר נגידים, און קליינע קאַרשקעלעך פאַר די אָרעמע לייט נעבעך.

אַז עס איז אָבער געקומען דער גוטער שבת, איז ר׳ שלמה געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן טולופּ ווינטער צייט, אין אַ שוואַרצער אַטלאַסענער בעקעשע זומער, מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ און געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען. אין שול האָט ער אָבער געדאַוונט בלויז שחריתים. צו קריאת־התורה פלעג ער אַרויס מיט אַ גאַנצער חברה יידן אין זיין שטיבל אַריין, וואָס מ׳האָט עס גערופן דאָס שניידערישע שטיבל, מן הסתם ווייל אַמאָל פלעגן דאָרט דאַווענען בלויז שניידערס. דאָרט, אין שניידערישן שטיבל „יד חרוצים״, האָבן ר׳ שלמה מיט זיין חברה פאַרענדיקט דאָס שבתדיקע דאַווענען — געליינט די תורה און געדאַוונט מוסף. נאָכן אָפּדאַווענען פלעג ר׳ שלמה פאַרבעטן דעם גאַנצן עולם צו זיך אַהיים אויף קידוש מיט פאַרבייסנס, שטיקער פּוטער־קוכן אָדער קעז־קוכן, און פאַרשטייט זיך פיינע פאָרציעס פיש. אַזוי האָט ער זיך געפירט זיין גאַנץ לעבן.

אַז ס׳איז געקומען שמחת תורה, האָט ער געמאַכט די אמתע סעודה ביי זיך אין דער היים. זיין ווייב איטע און נאָך אַ פּאָר יידענעס האָב אָפּגעבראָטן גענדז, אויסער פיש מיט שנאַפּס, און אַ פעסעלע ביר האָט אויך נישט געפעלט.

אַז די חברה יידן האָבן זיך גוט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, איז מען געגאַנגען מיט ליכט אין די הענט און מיט געזאַנג אין די מיילער אין שול אַריין צו די הקפות. בראש זענען געגאַנגען די קינדער און אייניקלעך מיט שמחת־תורה־פענער, מיט ליכטלער אַריינגעשטעקט אין אַן אָפּגעשיילטער קאַרטאָפליע אָדער אין אַן עפּל אויפן שפּיץ פאָן.

ביים אויסטיילן די הקפות פלעג אַלעמאָל קומען צו אַ געשלעג, הלמאי דער גבאי, ר׳ איטשע שלאַגער, האָט געגעבן איינעם פון ר׳ שלמה׳ס חברה אַ נישט־בכבודיקע הקפה.

אַזוי האָט זיך דאָס געפירט אַלע יאָרן ביז אַלע יידן פון דער חברה און ר׳ שלמה בתוכם זענען אַריבער אויפן עולם האמת נאָך פאַרן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

לצים

לצים האָבן אין דעמביץ קיינמאָל נישט געפעלט. אָפּטון עמיצן אַ שפּיצל איז ביי זיי געווען ממש אַ מצוה, בפרט נאָך אַז מ׳האָט געקאָנט אַרומטראָגן די חכמה איבערן שטעטל און מאַכן דעם קרבן צו לייטיש געלעכטער.

אַזאַ מעשה האָט זיך געטראָפן מיט ר׳ שימעלע — מ׳האָט די משפחה גערופן „די טשעפּליעס״, נישט צו וויסן פאַר וואָס און פאַר ווען. נו, ר׳ שימעלע, ס׳זאָל אים צו גנאי נישט זיין, פלעג ליב האָבן אַ קערטל, — אין דעמביץ האָט מען אַזעלכן גערופן „פּיאַטניקס אַ חסיד״ (פּיאַטניק — אַ באַקאַנטע פירמע פון שפּיל־קאָרטן אין אַלטן עסטרייך). האָט ער זיך אַמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט פאַרזעסן ביי די קאָרטן ביז שפּעט, אָבער נישט געוואָלט נאָך אָפּלאָזן. וואָס זשע טוט מען, אַז זי, זיין פלונית׳טע, זאָל אים נישט מאַכן קיין וויסטן סוף? גייט ער צו צום שענקער, ר׳ ישראל מאַהלער, און לאָזט זיך איינפּאַקן צוויי געבראָטענע גענדזענע פּופּקעס — אַ מתנה פאַרן ווייב. דערמיט, איז ער זיכער, האָט ער זי אינגאַנצן אָפּגעקויפט. אַ צופרידענער מיט דער המציאה, שטופּט ער אַריין דאָס פּעקעלע אין דעם מאַנטל וואָס איז געהאָנגען דערנעבן, און

גייט זיך אַ געזיכערטער צוריק צום פּעשל קאָרטן...

אָבער וואָס טוען די גוטע מיטשפּילער זיינע? עמיץ גייט אַרויס אין מאַרק, פּאַקט דאָרט צונויף אַקוראַט אַזאַ פּעקעלע געפרוירן פערד־מיסט און לייגט עס אַריין אָנשטאָט די פּופּקעס אין ר׳ שימעלעס מאַנטל־טאַש. קאָנט איר זיך אויסמאָלן דעם ברוך־הבא, וואָס ר׳ שימעלע האָט געהאַט אין דער היים, ווען ער האָט אויסגעפּאַקט פאַר דער יידענע די מתנה זיינע...

מילא, האָט די שטאָט געהאַט אַ ביסל צו לאַכן. ערגער איז אָבער געווען, ווען אַ ייד האָט זיך פאַרגלוסט אָפּצוטון אַן ערל. דאָ האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געשפּילט סכנות.

ר׳ דוד׳ל רעדער, אַ שוואָגער פון ר׳ איטשע מאַהלער, איז געווען אַ ייד אַ לץ. אַמאָל האָט ער געוואָלט קויפן ביי אַ פּויער אַ ביסל דרענגלעך צום פאַרהייצן, דער גוי האָט זיך געהייסן געבן ווער ווייס וויפל... ס׳איז ביי ר׳ דוד׳לען נישט געווען קיין ספק, אַז די דרענגלעך זענען נישט אויף דעם גוי׳ס מיסט געוואַקסן — ברי לו, ס׳איז געגנבעטע יידישע פּראַצע, — זאָל ער נאָך דערפאַר צאָלן אַזאַ טייערן פּרייז? מאַכט ער צום פּויער: איר הערט, קומיע, אַז איר וועט מיר פאַרקויפן די דרענגלעך וואָלוול, וועל איך אייך אויסזאָגן אַ סוד, וואָס קאָן אייך אַריינברענגען אַ סך געלט... דער גוי לאָזט זיך צורעדן און ר׳ דוד׳ל פאַרטרויט אים אין דער שטיל דעם „סוד": זייט וויסן, אַז סוכות געפאַלט אויס היי יאָר טאַקע די קומענדיקע וואָך. קומט די אַנדערע וואָך מיט סכך אויפן מאַרק, וועט איר פאַרדינען אָן אַ שיעור. אָבער זעט, זאָגט עס קיינעם נישט אויס, איר זאָלט זיין אַליין אויפן מאַרק און קאָנען נעמען אַ פּרייז ווי ס׳געהער זיך.

דער גוי איז געווען צופרידן, אָבער דעם „סוד" האָט ער אויסגעזאָגט אַלע זיינע גוטע שכנים, און דעם אַנדערן מיט־וואָך האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף אַראָפּגעלאָזט קיין דעמביץ מיט וועגענער סכך, כאָטש געווען איז עס גאָר מיט זומער.

די אָפּגענאַרטע גויים האָבן געקאָכט פון כעס: וואָס הייסט עס עפּעס אַזוי אָפּנאַרן? ס׳האָט זיך קוים איינגעגעבן זיי צו באַרואיקן. ר׳ דוד׳ל, פאַרשטייט זיך, האָט אַ לאַנגע צייט געמוזט מיידן דעם מאַרק, דער גוי זאָל אים נישט דערקענען.

עס זענען אין דעמביץ געווען צוויי יהודה לייב׳ס. איינער ר׳ יהודה לייב דיין, דער צווייטער יהודה לייב באַלבירער. ר׳ יהודה לייב דיין איז געווען אַ גרויסער למדן, געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט. זיצנדיק אַזוי און לערנענדיק אין פּראָסטן בית־המדרש ביי דער מזרח־וואַנט לעבן ארון־קודש, אַלעמאָל פילאָזאָפיש פאַרטראַכט, האָט ער געהאַט ממש אַ מאַיעסטעטיש אויסזען. זיין דאַווענען איז געווען געלאַסן, נישט געשאָקלט זיך און נישט געגוואַלדעוועט. אַ פּנים אַ מתנגד געווען.


דער צווייטער, יהודה לייב דער באַלבירער, איז אויסער דעם נאָך געווען אַ רופא, אַ מומחה, און פאַר אַ צוגאָב אַ כלי־זמר, געשפּילט אויף יידישע חתונות. אַז, חלילה, עמיצער איז קראַנק געווען, האָט מען דאָס ערשטע גערופן אידע לייבן. ער פלעג צפילו פאַרשרייבן רעצעפּטן אויף לאַטייניש און אַ סך מענטשן טאַקע געהאָלפן. טייל האָבן פון אים געהאַלטן מער ווי פון אַ פּראָפעסאָר. אַז ער האָט געהייסן רופן אַ דאָקטאָר, האָט מען גערופן. דערפאַר זענען צו אים די דאָק־טוירים אין שטעטל זייער פריינטלעך געווען, און בפרט דער דאָקטאָר רייז. ער פלעג אָפּזיצן אין אידע לייבס ראַזיר־שטוב מער ווי ביי זיך אין קאַבינעט.

פלעג זיך נישט איינמאָל טרעפן, אַז ווען אַ יידענע איז נעבעך קראַנק געוואָרן נאָך די פעטע שבתדיקע סעודות און געשיקט דאָס דינסטמיידל נאָך אידע לייבן, איז דאָס מיידל געגאַנגען רופן ר׳ יהודה לייבן דעם דיין...

איינמאָל האָט זיך געטראָפן פאַרקערט. ביי איינער אַ באַלעבאָסטע איז די מילך אונטערגעלאָפן אונטערן פליישיקן טעפּל, ווו ס׳האָט זיך גראָד געבראָטן אַ קאַטשקע. איז דאָס מיידל, אַ דאָרפישע טאָכטער, פאַרגאַנגען, לויט דער געוווינ־הייט, צו אידע לייב באַלבירער.

ביי אידע לייבן אין ראַזיר־שטוב זענען אַלעמאָל געזעסן חברה לציים אין אַ פריילעכן שמועס. זאָגט איינער פון דער חברה צום מיידל: נאָרוואָס איז אידע לייב אַרויסגעגאַנגען. ברענג אַהער דאָס קאַטשקעלע, און אַז אידע לייב וועט קומען, וועט ער שוין פּסקענען צי ס׳איז כשר צי טריפה.

האָט דאָס מיידל געבערענגט די קאַטשקע און דערווייל איז זי אַרויס צו אַ באַקאַנטער ביז דער דיין וועט קומען. אַז זי קומט צוריק, דערציילט איר דער לץ, אז דער דיין איז נאָר וואָס געווען און געפּסקנט, אַז די קאַטשקע איז טרייף. לאָזט דאָס מיידל איבער די קאַטשקע, און חברה לציים האָבן געהאַט אַ ווילע סעודה.



מאחורי הגשר — היינטער דער בריק.

דאָס ייִדישע האַרץ

„א לוויה"

דעמביצער יידן, אַליין נישט קיין גרויסע גבירים, האָבן זיך נישט איינמאָל איינגעשטעלט בציבור פאַר אַן אָרעמאַן, ווען עמיץ האָט אים געפרוווט באַעוולען. איין מאָל האָט אַ סוחר מיטן נאָמען תנחום געפרוווט אַרויסשטעלן פון אַ דירה אַ בכבודיקן אָרעמען יידן, וואָס האָט נישט באַצאָלט דאָס דירה־געלט. האָט זיך פאַרזאַמלט ביים הויז אַן עולם דער־וואַקסענע און קינדער מיט גרויס ליאַרעם, און מיטאַמאָל איז דערפון אַרויסגעשפּרונגען „אַ לוויה": קינדער האָבן פון עט־לעכע ברעטער צונויפגעשטעלט אַן „ארון", באַדעקט אים מיט אַ שוואַרצער שמאַטע, און געלאָזט זיך, קלאַפנדיק אין בלעכן מיטן אויסרוף „מת מצוה, תנחום איז געשטאָרבן!", אין אַ לאַנגער ריי צו תנחומס געשעפט אין קעגנאיבערדיקן ווינקל פון מאַרק. תנחום מיט די קינדער האָבן אויף גיך פאַרהאַקט דאָס געשעפט, פאַרמאַכט די לאָדנס פון די פענצטער, און ערשט דעמאָלט האָט זיך געלאָזט אויף זיי אַ האָגל פון שטיינער.

תנחום האָט איינגעזען, אַז קעגן דעמביץ איז ער צו שוואַך. דער ייד איז געבליבן וווינען אין דער דירה, ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, איז תנחום מיט דער משפחה אַוועק אין אַן אַנדערער שטאָט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אָנגעטוענע חרפה.

ד. ל.

ערבות פאַר אַ יידן

נישט איינמאָל, ווען אַ ייד איז, חלילה, דורכגעפאַלן מיט אַ געשעפט, זענען אים אַנדערע יידן געקומען צו הילף אפילו מער ווי זיי זענען געווען ביכולת.

איך געדענק: ה' שינאגעל, דער שווער פון ר' שלמה בארנשטיין און זיידע פון יודל בארנשטיין, אַ ייד וואָס מ'האָט אים געהאַלטן פאַר אַ רייכן מאַן אין יענער צייט, האָט אונטער־געשריבן צוזאַמען מיט ר' חיים ווילנער אַ קאָנטראַקט מיט דער מיליטער־פאַרוואַלטונג ביים בויען „די רויטע קאַסערן" הינטער דער שטאָט נישט ווייט פון דער ווייסלאָק.

די פשוטע יידן פון דער פראָווינץ האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז כדי צו פאַרדינען ביי אַ רעגירונגס־אַרבעט אין גאַליציע דאַרף מען וויסן וועמען צו שמירן... זענען טאַקע ביידע אונטערנעמער מיאוס אַריינגעפאַלן. ביים איבערנעמען די אַרבעט האָט די קאָמיסיע געפונען אַזוי פיל פעלערן אין דער אויספירונג, אַז אַנשטאָט צו פאַרדינען האָבן זיי פאַרלוירן זייער גאַנץ פאַרמעגן. ה' שינאגעל האָט באַנקראָטירט. ר' חיים ווילנער איז געבליבן בחוסר־כל. האָבן צען דעמביצער בעלי־בתים געגעבן שריפטלעכע ערבותן צו 50 גולדן — און מיט די 500 גולדן איז ווידער אַ ייד געשטעלט געוואָרן אויף די פיס און געקאָנט ווייטער האַנדלען.

די צען זענען געווען: נתן גרינשפאַן, מענדל ריינער, וואָלף אַדער, בעריש וויזען, מלך וואַרצל, משה יוסף זאָמער, הערש שולדענפריי, מענדל וואָליצער, ישראל מאהלער, נפתלי אולמאַן.

מ.וו.

העלפט מיר, ר' אשר...

אַן אינטערעסאַנטער פאַל פון מסירות־נפש פאַר אַ פריינט איז געווען, ווען ר' אשר טאַפּעט, אַ ייד אַ בעל־בית מיט אַ סך אונטערנעמונגס־גייסט, דער ערשטער סאָדע־וואַסער־פאַבריקאַנט אין דעמביץ, איז געשטאָרבן אויפן אָפּעראַציע־טיש אין קראַקעווער שפּיטאָל. די שפּיטאָל־פאַרוואַלטונג האָט דעם טויטן געוואָלט פאַלמעסן, אַ זאַך וואָס האָט יענע צייטן געגאָלטן ווי אַ חילול המת. האָט זיך איינגעשטעלט לייביש אַלטמאַן, אַ ייד אַ גביר און דעם פאַרשטאָרבענעמס אַ גוטער פריינט, און נישט געקוקט אויף אַלע פאַרבאָטן, אַרויסגעטראָגן דעם טויטן קערפּער פון שפּיטאָל אויף זיינע אייגענע פּלייצעס און געבראַכט אים צו קבר ישראל. איידער ער האָט אויפגע־הויבן ר' אשרן פונעם פּלאַץ, האָט ער אים געזאָגט:

— ר' אשר, כ'גיי ראַטעווען אייער כבוד. העלפט מיר, כ'זאָל אייך קענען טראָגן.

מ.וו.

טעאַטער־שפּיל

יעדע עטלעכע יאָר פלעג זיך באַווייזן אין שטעטל אַ צירקוס און אויפשטעלן זיינע גרויסע געצעלטן אין מאַרק. אין צירקוס מיט די פערד און קונצן־מאַכער פלעגן גיין אויך מער בכבודיקע בעלי־בתישע יידן, בעת יידיש טעאַטער האָט געהאַט אַ שם, אַז דאָרט „מאַכט מען חוזק פון יידן". דעריי־בער איז אַזוי זעלטן אַ יידיש טעאַטער פאַרפאָרן קיין דעמביץ. ס'האָט זיך פשוט נישט געלוינט. פונדעסטוועגן געדענקט זיך, אַז מאָל איז אַראָפּגעקומען קיין דעמביץ משה ריכטער מיט זיין באַרימטער טרופּע.

איז נישט געווען קיין ברירה. מ'האָט פון צייט צו צייט געמוזט אויפפירן עפּעס מיט אייגענע כוחות. ס'געדענקט זיך איין עפּיזאָד וועגן אַזעלכע טעאַטער־אויפפירונגען. שטרע־בנדיק צו אָרגאַניזירן די יוגנט פון די מער אָרעמערע שיכטן און אַריינציִען זי אין דער באַוועגונג, זענען פועלי־ציון גע־פאַלן אויף אַ המצאה: שפּילן אַליין טעאַטער. ביי דער באַטייליקונג פון מער באַקאַנטע שוישפּילער פון קראַקאָווער יידישן טעאַטער, האָט זיך איינגעגעבן אויפצופירן „כל נדרי", „טאַטע מאַמעס צרות" און „הערצעלע מיוחס".

ביז איינמאָל האָט זיך דריי פון די דאָזיקע שפּילער פאַר־גלוסט אַ גרינג פאַרדינסטל. זיי האָבן באַגאַנגען אַ קליין גנבהלע און מ'האָט זיי געכאַפּט. אַז מ'האָט זיי געבראַנגט פאַרן געריכט און געפרעגט איינעם פון וואַנען האָט ער די סומע געלט וואָס מ'האָט ביי אים געפונען, האָט ער געענט־פערט, אַז דאָס האָט ער באַקומען פאַר שפּילן אַ ראָלע אין טעאַטער. ווען מ'האָט גערופן צו דער אויספאָרשונג מיך, דעם אָנפירער פון דעם דראַמאַטישן קרייז, און מיין עדות־זאָגן האָט נישט געשטימט מיט די טענות פון די באַשולדיקטע, זענען צוויי פון די שפּילער פאַרמשפּט געוואָרן אָפּצוזיצן קורצע טערמינען אין אַרעסט. און קיין געזונט איז דערפון דעם דראַמאַטישן קרייז נישט צוגעקומען.

מ. וו.

יהודה פכטר

אפיית מצה שמורה

זכרונותי מאפית מצה שמורה בדמביץ לפני למעלה מאר־בעים שנה בוודאי אין בהם חידוש. כך היו אופים מצה שמורה בכל העיירות שבאירופה המזרחית. ומה מקום לחידוש כאן? כלום דין אחר ומנהג אחר היה לחסידים בדמביץ מאשר לחסידי גליציה? אף על פי כן דומני, שיש בכך משום הוספת קו לתיאור חייהם של דורות רבים שנכרתו, משהו מן המשהו של אותו עולם האצילות והקדושה שהיה ארוג ללא הפרד במסכת חיי החולין של עירנו כשל כל עיירות הגולה.

עוד בעונת הקציר, באמצע הקיץ, היה סבא ז"ל, ר' חיים שלזינגר, המוהל דמתא דמביץ, יוצא לכפר הסמוך לעיר, אל האיכר היחידי מבני־ברית שבאותו כפר, לקצור עמו בחלקת שדה מזומנת לכך את החיטים לשם מצה שמורה, ולא היו עושים בקציר אלא סבא ואותו יהודי כפרי בלבד.

נקצרו החיטים ונידושו על טהרת הקודש, היו שמים אותן בתוך צפית לבנה, שנזהרו בשעת כביסתה שלא לעמלה בעמילן, שהוא כידוע חמץ גמור, ובה הביא סבא את החיטים לביתו, ואחר כך למקום שנתייחד בשבילן — עלית בית־המדרש של חסידים, מול ביתו של הצדיק ר' אלטר פכטר ז"ל. כאן פרש סבא במו ידיו את החיטים על סדינים לבנים כבוסים היטב ליבשן כראוי, ורק בין פורים לפסח, לאחר שכבר נתייבשו כליל, התחילו לברר מהן את ה„שומין" (קנאָבע־לעך בלע"ז), שאף הם כידוע חמץ גמור, והמהדרין מן המהד־רין היו מדקדקים שלא תימצא אפילו „אצבע" אחת בין החיטים המוכנות למצה שמורה.

כיון שהגיעו לכך הועברו החיטים בקפידה אל ר' יוסף לוי"ס, מלמד „הבחורים הגדולים", שהיה בעל ריחים־של־יד, שתי אבנים עגוּלות זו על גבי זו, רכב ושכב, ושם, אצל ר' יוסף לוי"ס בכביש לקבנצ'ין, הוחל בטחינתן. סבא ואנוכי, נכדו הצעיר, טחננו ביחד את כל החיטים.

הייתי מומחה לשפיכת החיטים אל חור הרכב בשעת הטחינה, שלא יתפזר הס וחלילה על הקרקע קומץ כלשהו מהאוצר היקר מפז. הקמח הטחון הושם שוב בצפית כשרה כנ"ל, וכך נשאנו אותה למזל הביתה, לתלותה שם על מסמר סמוך לתקרת החדר, שלא יגעו בה חלילה ידיהם המששניות וה„חמצות" של הילדים.

אור לארבעה־עשר בניסן בין תפילת מנחה למעריב, לפני בדיקת־חמץ, היו כשני מנינים של מתפללי בית־מדרש דחסידים שמים פניהם לפלג הסמוך, בימינם קנקנים חדשים של עץ ונטלות־חרסינה בשמאלם לשאוב בהם ל„מים שלנו" בשביל מצה שמורה, ומים אלה הכניסו לבית המדרש של חסידים בכיסוי מטליות לבנות כבוסות למשעי.

סיים הקהל תפילת מעריב, הועברו „המים שלנו" לביתו של ר' אלטר פכטר, שלא תארע להם שום תקלה של חמץ, שכן בו, בר' אלטר, ובבני ביתו בטוחים היו שישמרו על „המים שלנו" כבבת־עינם.

למחרת, בערב־פסח, בשעת הצהרים, נתכנסו חסידים ב„מאפיה" מיוחדת, שהכשירו והגעילו אותה לצורך זה כמה ימים לפני כן, והכל היה מוכן למלאכה.

„המים שלנו" והקמח כבר הוצאו אל ה„מאפיה". „שולחן" גדול וארוך הוקם חלקים חלקים מקרשים מהוקצעים על גבי „סוסות" (קאָביליצעס). וכן היו כבר מוכנים מבעוד בוקר מערוכים עגולים עשויים עץ קשה לגלגול המצות. לא חסרו גם מדקרות (שטופלער) עשויות עץ לניקוב המצות ומרדים חדשים וכשרים לרדות בהם את המצות מהתנור. ועכשיו התחילה „עבודת הקודש" של אפיית מצה שמורה של ערב־פסח.

לבושים באצטלות המשי שלהם ומזוינים במערוכים תחת בית־שחים עמדו החסידים מוכנים ומזומנים לקיים מצוות אפיית מצה שמורה של ערב־פסח, ועיניהם כלות ומצפות לעיסה הראשונה שתוצא מן האגן, ללושה בחפזון, זכר לחפזון שבו יצאו ישראל ממצרים.

כהרף עין לאחר שר' חיים שלזינגר הרים את העיסה („מיירע") הראשונה נחטפו ממנה גזרים גזרים ונתחלקו בין המגלגלים, שהיו מצווים לדקדק, שמתחילת הלישה עד גמר אפיית המצה לא יעברו למעלה משמונה־עשרה דקות כדין. אותה שעה היו העוסקים במצוה קוראים ושרים פרקי הלל בהתלהבות, שבימינו אין לשער כמותה.

וכל אימת שהמצות המדוקרות הוכנסו אל התנור היה כל אחד מהמגלגלים קורא בקול: לשם מצת־מצוה. מצה אל התנור!" לזרז את הנחתום.

אחרי גמר אפיית המצות היה הקהל סועד לבו בכוסות „לחיים" של יין שזיפים (שליוואָוויץ בלע"ז) „כשר לפסח", מקנח בביצים מגולגלות, ומברכים זה את זה: „כה לחי! לשנה הבאה בשמחה, אם ירצה השם! לשנה הבאה בירו־שלים!" וכל אחד מהעוסקים במצוה נתכבד במצה אחת או שתים שכר טרחה.

בצפיות לבנות הובאו המצות השמורות לבתים שכבר נתיחדו בהם מקומות מובדלים לשימן בריחוק מהמצות הפשו־טות שנאפו כשבועיים לפני כן.

כך היו מתפללי בית מדרש דחסידים בק"ק דמביץ אופים מצותיהם בערב פסח בדחילו ורחימו.



ר' אפרים שטיינהויער, החובש.

דניאל לייבל

בילדלעך פון דעמביץ

ז׳עם רבי ר׳ ראובנס שבתים

ווען דער רבי ר׳ ראובן איז באַזעצט געוואָרן אויפן כסא הרבנות אין דעמביץ, איז ער נאָך גאָר יונג געווען. אַז ס׳איז געקומען דער הייליקער שבת, האָט ער גאָרנישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן. די קדושה האָט פון אים געשפּאַרט און נישט געלאָזט צו רו.

נו גוט, מען קען אָפּדאַווענען דאָס שבתדיקע דאַווענען מיט דער גאַנצער מתיקות פון „יוצר המאורות". איז מה רעש? מיט וויפל קען מען די שבתדיקע תפילה מאַכן שבתדיקער ווי די וואָכעדיקע, אַז די וואָכעדיקע אַליין איז שוין אַ שבת? איז, לאָמיר זאָגן, מעיין זיין אין אַ ספר. איז וואָס דער מער? דאָס טוט ער דאָך די גאַנצע וואָך. און מיט לערנען וועט ער שוין יוצא זיין? נאָר געלערנט, נאָר געלערנט, און וואָס איז עפּעס מכוח ט ו ן? יידן, יידן, לערנען איז נישט גענוג. טון דאַרף מען, טון... טאָ וואָס זשע טוט מען?

אַז אַ ייד האָרעוועט אָפּ אַ גאַנצע וואָך אין וועג, קומט אַהיים פונעם יריד צו ווייב און קינד אויף שבת־קודש, איז טאָקע נאָר אַ מצווה ער זאָל פאַרזוכן דעם טעם מנוחה. אָבער ער, וואָס די פּרנסה קומט צו אים אַליין אין שטוב אַריין און מנוחה האָט ער אַ גאַנצע וואָך, מיט וואָס וועט ע ר האַלטן שבת?

אוי יידן, יידן, ס׳איז ביטער צו זיין אַ רבי, אַז אפילו שבת קאָן ער נישט הייליקן ווי ס׳געהער צו זיין.

באַפאַלט אים אַמאָל אַן עצבות. איז ער דאָך אָבער ער. וועט ער זיך, חלילה, אַריינלאָזן אין הוריות, פאַרמאַכן די אויגן און טראַכטן מה למעלה מה למטה, ווען דאָ אין שטוב דרייט זיך אַרום שטיל־שטיל די מלכה שבת אין זיידענע שיכעלעך און וואַרט אויף זיין ליבן קוק?

מיטן וואָכעדיקן שבת נאָכן שבתדיקן אינדערוואָכן האָט ר׳ ראובעלע זיך געראַנגלט נאָך פון יינגלווייז אָן, נאָך ביים טאַטן אין שטוב, ביים רבין ר׳ אליעזר פון דזשיקוב. געווען אַ גוט יינגל. געזעסן איבער דער גמרא, צי איבער אַ מוסר־ספר, און די תורה האָט אים געשלונגען. מ׳האָט געזען בחוש, אַז ס׳וואַקסט אַ גדול. נאָר ערב שבת פלעג אים באַפאַלן עפּעס אַן איבערקערעניש. ביים טיש, צו מיטאָג, האָט ער קוים אַ ברכה געמאַכט איבערן שטיקל חלה מיט פיש־יויך וואָס מ׳האָט אים אַוועקגעשטעלט. פאַרנאַכט, אַז די מוטער, די רביצין האָט אים צוגעטראָגן אַ טעלערל מיט באָב פון דער שבתדיקער יויך, האָט ער קוים פאַרזוכט. געווען אָנגעשפּיצט צו עפּעס וואָס, וואָס אָט אָט —, געוואַרט ביז דער שמש האָט אָנגעצונדן די שבת־ליכט אין די זיבן לייכטערס און דער טאַטע האָט גענומען זאָגן שיר־השירים, דאָס ליד פון דער שכינה וואָס שמועסט זיך דורך מיטן קודשא ברוך הוא, וואָס זי איז מאידך גיסא די שבת מלכתא. איצט איז זי ווידער אין מלך׳ס הויז, נישט אין גלות. איצט, ביים שיין פון די שבתדיקע ליכט, איז אין יעדער יידישער שטוב ארץ־ישראל און אין יעדער יידישער היים איז זי דאָ, די מלכה. יעדערער זעט זי אַזוי ווי ער פאַרדינט. ביי אַ יידן אַ בעל־הבית איז עס אַ באַלעבאַטישע יידענע מיט אַ פּאָר לאַנגע אוירינג און אַן אויבל איבער דער הויכער ברוסט: ביי אַ רבין — אַ רביצין אַ געשטעל מיטן גאַנצן הדר; ביי אַ יידן אַן אָרעמאַן — אַ שטיל ווייבעלע מיטן גאַנצן חן נאָר מיט טרערן אין די אויגן. איין ראובעלע ר׳ אליעזר׳ס האָט געזען שבת מלכתא ווי שולמית אין שיר־השירים: מה יפו פעמיך בנעלים, ווי שיין זענען דיינע טריטעלעך אין די שיכעלעך דיינע זיידענע... אַרום זיך האָט ער געשפּירט איר שעפּטשען: ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים דודיך מיין... שמאלו תחת לראשי וימינו תחבקני...

אַז דער טאַטע האָט פאַרענדיקט דעם שיר־השירים און דער שבתדיקער בעלת־תפילה האָט אָנגעהויבן לכו נרננה, האָט ראובעלע זיך אַרויסגעשאַרט אין טאַטנס התבודדות־שטיבל און גענומען טאַנצן. טאַנצן. פריער בייזאַכט, דערנאָך אַלץ שטורעמדיקער, אַ טאַנץ צו דער שכינה, די מלכה שבת שולמית, און אָפּטאַנצן אַזוי אַ גאַנצן פרייטיק־צו־נאַכטס, פריער אין התבודדות־שטיבל, דערנאָך אין טאַטנס בית־המדרש ווען דער עולם איז שוין אַוועק.

אַזוי האָט ער מקבל שבת געווען. און דאָס טאַנצן קעגן דער שבת מלכה איז אים טאָקע געבליבן אַלע לעבטאָג. דעם שבת פלעג ר׳ ראובן אָפּטאַנצן און אָפּזינגען, ס׳האָט געמעגט דונערן און בליצן. אַפילו ווען די מוטער עליה השלום איז נפטר געוואָרן, האָט ער יענעם שבת געטאַנצט. ער האָט געהאַט אַ חשש, אַז טאָמער טאַנצט ער נישט יענעם שבת, וועט דאָס זיין „אבלות בפרהסיא". דאָס דאַווענען פאַרן עמוד פלעג ער איבערלאָזן אַנדערע, כאָטש אַ קול צום זינגען האָט ער יאָ געהאַט. ער האָט הנאה געהאַט פון נגינה, ליב געהאַט צו הערן. וואָרום אַז מען זינגט אַליין איז מען צופיל פאַרנומען מיט זיך, און אַחוץ דעם קאָן מען דערפון קומען צו יהירות: איי איי איי, ווי שיין איך זינג. אָבער אַנדערש איז מיטן טאַנצן. אַז מען טאַנצט ווי ער, כל עצמותי תאמרנה, פאַרגעסט מען זיך אַליין. און בפרט נאָך, אַז מען טאַנצט מיט דער שבת מלכתא, קעגן דער שכינה.

דעמביצער יידן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיקן טאַנצן. ס׳האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז אַזוי, מיטן רבין אינאיינעם, טאַנצן זיי אריין ביז אין זיבעטן הימל. האַלט זיך נאָר אָן ביים רבינס פּאָלע, וועסטו פטור פון אַלע דאגות פון דעם וויסטן עולם הזה. שוין דאָ אויפן אָרט ביסטו אַ בעל־עולם־הבא. נאָך אַ וואָך אַרומשמייען איבער ירידים און אָפּשטיין האַלבע טעג פאַר דער אָפּענער טיר פון דעם קרעמל וואַרטנדיק אויף אַ קונה, האָבן זיי דערשפּירט שבת, שבת מלכתא, איר שמעקעדיקן אָטעם.

און כדי דער רבי זאָל נישט בלייבן חלילה איינער אַליין, נישט אַריינפאַלן חלילה אין עצבות, האָבן זיי געהאַלטן ביי ר׳ ראובנען משמרות יעדן פרייטיקצונאַכטס. ווער ס׳איז אַוועק

צום רבי'ן באַלד נאָך דער שבתדיקער מאָלצייט, ווער ס'האָט געכאַפּט אַן ערשטן דרימל און געקומען צו גיין צו חצות, און ווער ס'האָט זיך אויפגעכאַפּט דריי פאַרטאָג און אַוועק צום לעצטן משמר. אבי דער רבי זאָל קענען טאַנצן מיט אַן עולם.

פון זיי, פון די אַמאָליקע חסידים, איז אין דעמביץ געבליבן אַ ווערטל מיט אַ מין ניגון: „ורוקם — און געלעבט, נאָר געלעבט, נאָר געלעבט מיט חשק"...

קיין חשק צום לעבן האָט זיי אַוודאי נישט געפעלט...

אין ישקאָלע

מ'קאָן נישט זאָגן, אַז ביי די דעמביצער יידן איז געווען אַ גרויסע גדולה, ווען מלכות קיר"ה האָט זיך גענומען דורכפירן אין גאַליציע דאָס געזעץ וועגן אַלגעמיינער שול־פליכט. ס'איז טאַקע געווען בערך הונדערט יאָר נאָך דעם יוי הערץ האָמבערג האָט געפּרוווט מזכה זיין דעמביץ מיט זיין דייטשער שול פאַר יידישע קינדער — און אָנגעשטויסן זיך, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע, אָן אַ וואַנט פון יידישער פרומקייט און וועלט־פרעמדקייט.

אָבער וואָס קאָנען שוין אויפטאָן הונדערט יאָר אַנטקעגן אַן עם־קשה־עורף, וואָס היט זיין אייגענעם שטייגער און ציטערט פאַר יעדער ענדערונג, וואָס קאָן חלילה אַראָפּפירן די קינדער פונעם דרך הישר?

אמת, פון דרויסן, פון די גרויסע שטעט, פון לעמבערג אַ שטייגער, האָבן געבלאָזן נייע ווינטן. השכלה האָט פאַרזייט איינציגע קערנדלעך אויך אין דעמביץ. מ'האָט געהערט פון אַ חברה „שומר ישראל", וואָס האָט געוואָלט אַריינפירן אַ מער מאָדערנעם גאַנג אין דער יידישער דערציִונג. איינציקע יונגע לייט, אָנגעשמעקטע מיט נייצייטיקע אידעען, האָבן געטראַכט וועגן רעפאָרמען אין חדר, אָבער קיין כוח און קיין וועג האָבן זיי נישט געהאַט. חדר איז געבליבן חדר מיט גאַנצן שטייגער לימוד און דערציִונג, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין די דאָזיקע סביבות נאָך אין 17־טן יאָרהונדערט. און אין דעמביץ איז אוודאי נישט געווען קיין איין לייטישער ייד, וואָס האָט זיינע קינדער נישט געשיקט אין חדר. סיידן אַזעלכע, וואָס מ'האָט זיי געהאַלטן פאַר ערב־משומדים. ווערט מען נעמען די קינדער פון חדר אַרויס און שיקן זיי אין אַ גויישער שולע, איבערגעבן זיי גוים אין די הענט צו מאַכן פון זיי שקצים? אמת, מ'דאַרף קענען אַ ביסל דייטש, לייענען און שרייבן, און אַ ביסל חשבון. אָבער דערצו מוז מען דאָך נישט האָבן קיין גויישע שולע. גענוג, אַז זיי וועלן, אין עלטער פון 12—13 יאָר, לערנען אַ שטיקל צייט ביי קראַנצן אָדער ליוועראַנטן — ס'וועט שוין קלעקן צו קענען נאָכדעם זיין אַ סוחר און אפילו אַ גביר. אדרבא, ווער פון די גרויסע גבירים אין שטעטל איז אַמאָל געגאַנגען אין אַ גויישער שולע? פונדעסטוועגן, הלוואי אויף אונדז געזאָגט. אַזוי האָבן געטראַכט דעמביצער יידן און די פרימערע האָבן טאַקע געטון אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט, כדי זיך אַרויסצודרייען פון די נייע געזעצן. שלעכט איז נאָר געווען, וואָס מ'האָט געמוזט צאָלן שטראַף, אויב מ'האָט נישט געשיקט דאָס יינגל אָדער דאָס מיידל אין דער שולע. ס'איז אויך נישט גרינג געווען איינצורייסן מיט מלכות. נאָך אַלעמען איז עס נאָר אַ גוי־יש־ע שול, ווו דאָס יידישע קינד וועט זיך פילן פרעמד און נישט אַזוי גרינג אַראָפּגעפירט ווערן פון וועג, ווי אין אפּיקורסישע שולן פון יידישע לערער גלוחים און טרפניאַקעס.

אין דער ערשטער צייט וואָס די נאַציס זענען באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד איז ביי די יידן געשטיגן די האָפענונג, אַז אָט קומט, אָט ווערט אַלץ נעענטער זייער זיכערע מפּלה. אַלעמענס אויגן האָבן אויסגעקוקט די נאָענטע רעטונג. ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכאַנאַנד די מפּלות פון דער רויטער אַרמיי, האָט זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזט אַן אַלץ שווערערע דעפּרעסיע.

באַלד ווי ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס געטאָ האָבן זיך צו ביסלעכווייז אָנגעהויבן דורכזיפּן אַהין אומקלאָרע ידיעות וועגן טראַנספּאָרטן יידן וואָס זענען אַדורך די באַן־סטאַציע צו מזרח צו. קיינער האָט נישט געוווּסט צוליב וואָס, צו וועלכן צוועק. דער ערשטער טראַנספּאָרט, וואָס דעמביצער יידן האָבן זיך דערוווּסט וועגן אים נישט פון עפּעס אַ שמועה, האָט געפירט יידן פון וואָלבראָם אין פּוילן. יידן פון דעמביצער געטאָ וואָס האָבן געאַרבעט ביי די באַן־גלייזן האָבן גערעדט מיט די טראַנספּאָרטירטע דורך די וואַגאָן־קראַטעס אין די געציילטע מינוטן, וואָס זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי דער סטאַציע. די קלאַנגען האָבן פאַרגרעסערט דעם פּחד און די בהלה. די דעמביצער יידן האָבן אָנגעהויבן נאָכטראַכטן, אַז אויך זייער ריי וועט קומען. אַ טאָג אָדער צוויי פאַרן 29־טן יוני 1942 זענען געבראַכט געוואָרן אין דעמביצער געטאָ די יידן פון סענדישעוו, ראָפּשיץ, וויעלאָפּאָליע, פּילזנא, ראַדאָמישל, און פון דער גאַנצער דאָרפישער סביבה, צווישן זיי אויך די משומדים.

אַ פינצטערע אימה איז געפאַלן אויף די יידן פון געטאָ. יידן האָבן אָנגעהויבן זוכן באַהעלטענישן אויסערן געטאָ ביי גויים ; טייל האָבן דערצו איינגעוויליקט צוליב פריינטשאַפט, אַנדערע זענען אויסן געווען בלויז צו פאַרדינען געלט. זענען טאַקע געווען נישט ווינציק פאַלן פון דענונציאַציע מצד פּאָליאַקן, און די וואָס זענען דערטאַפּט געוואָרן זענען גענומען געוואָרן אויפן יידישן בית־הקברות און דאָרט דערשאָסן.

אין דער נאַכט פון 29־טן יוני איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך ס.ס.־לייט פון אַ „זאָנדער־קאָמאַנדאָ" פאַר יידן־פאַרטיליקונג („יודען־פערניכטונגס־קאָמאַנדאָ") צוזאַמען מיט פּוילישער פּאָליציי. אין די פריִע מאָרגנשעה'ן האָבן זיך געוויזן אין געטאָ גאַבלער מיט העלפער און געסטאַפּאָ־לייט פון אויסערן פּלאַץ און מיט זיי אינאיינעם די שעפס פון דער יידן־פאַרטיליקונג אין גאַליציע, היינריך און קונדע. זיי האָבן געגעבן אַ באַפעל דעם יודנראַט צונויפצוזאַמלען אַלע אַרבעטס־קאַרטן, וואָס זענען פריער אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן אַרבעטס־אַמט און איבערגעבן זיי ביז מיטאָגצייט.

צו מאָרגנס איז דער פאָרזיצער פונעם יודנראַט, יאָסל טויב, גערופן געוואָרן צו דער געסטאַפּאָ, און דאָרט האָט מען אים געהייסן פאַרזאַמלען אַלע יידן צוליב אַן אויסקלויב : ווער וועט בלייבן. איז זי געסטעמפּלט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, האָט מען זיי אַריינגענומען אין געטאָ אויף אַ באַשטימטן זאַמל־פּלאַץ, צוזאַמען מיט זייערע משפּחות. די וואָס מען האָט זי די אַרבעטס־קאַרטן נישט צוריקגעגעבן (די מיינסטע פון זיי איבערן עלטער פון 50־40 יאָר, און די וואָס די געסטאַפּאָ האָט נישט אָנערקענט זייערע אַרבעטס־פּלעצער) זענען אַראָפּגענומען געוואָרן צו אַ צווייטן זאַמל־פּלאַץ, מער אַראָפּ אין דער „קשענזשאַ לאָנקאַ".

נאָך דער דאָזיקער פּראָצעדור זענען די ס. ס. לייט צוזאַמען מיט דער פּוילישער פּאָליציי און די יידן פונעם „אָרדנונגס־דינסט" געגאַנגען איבער די באַראַקן און געזוכט באַהאַלטענע. זיי האָבן טאַקע געפונען אין הייזער און קעלערן עטלעכע צענדליק יידן, וואָס האָבן געוואַגט זיך אויסצובאַהאַלטן און זענען גלייך געבריינגט געוואָרן אויפן בית־הקברות און אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

יענעם טאָג איז אָנגעקומען מיט דער באַן אַ גרויסער טראַנספּאָרט מיט אַלע יידן פון טאַרנאָבזשעג און ראָזוואַדאָוו. זיי זענען געבריינגט געוואָרן צום זאַמל־פּלאַץ אונטן אויף דער „לאָנקע", און בלויז 6־5 מענער פון זיי זענען געפירט געוואָרן צום אויבערשטן זאַמל־פּלאַץ, לויטן איינזען פונעם געסטאַפּאָ־מאַן, וואָס האָט געדאַרפט די אָנגעקומענע פירן צום זאַמל־פּלאַץ אונטן.

דער רעגן האָט געפלייצט, די ערד פון דער „לאָנקע" איז געוואָרן אַ זומפּ. די יידן פון דעמביץ, סענדישעוו, ראָפּשיץ, וויעלעפּאָליע, פּילזנאָ און ראַדאָמישל, טאַרנאָבזשעג און ראָזוואַדאָוו האָבן ציטערנדיק פון אימה געוואַרט אויפן באַפעל. די מלאכי־חבלה פון ס. ס און געסטאַפּאָ האָבן געמאַכט אָרדענונג אין דעם המון, צעטיילט אים אין גרופּן. פּלוצים איז געקומען אַ באַפעל : קניען! די גאַנצע גרויסע מאַסע, מענער, פרויען און קינדער האָבן אַנידערגעקניט אין דער בלאָטע.

די געסטאַפּאָ־לייט זענען צוגעגאַנגען צו די שורות קניענדיקע און אַרויסגענומען פון זיי ביי 180—200 מענטשן. זיי זענען אַרויפגענומען געוואָרן אויף לאַסט־אויטאָמאָבילן און זענען געפירט געוואָרן דורך ס. ס.־לייט צו דער ליסאַגוראַ ביים עק פונעם דאָרף וואָליצע. מ'האָט זיי אַריינגעפירט אין וואַלד אַריין און דאָרט זענען זיי דערשאָסן געוואָרן דירעקט אין אַ מאַסן־קבר אַריין, וואָס איז פריער צוגעגרייט געוואָרן דורך די פּויליּשע יונאַקעס, און זיי, די יונאַקעס, זענען גערופן געוואָרן צו באַדעקן עס, ווען די שוידערלעכע רציחה האָט זיך געענדיקט.

דאָס איז געווען ז' אב תש"ב.

ח

דעם אייגענעם טאָג צו פאַרנאַכט צו, זענען די איבעריקע, קרוב 4000 יידן, צווישן זיי 2000 דעמביצער, געבריינגט געוואָרן צו דער באַן־סטאַנציע און אַרויסגעשיקט אין אַ פאַרשלאָסענעם צוג — אויף מזרח. זיי זענען געפירט געוואָרן אין דעם פאַרטיליקונג־לאַגער בעלזשעץ. עטלעכע פון זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען פונעם פאָרנדיקן צוג.

איין גרופּע פונעם אונטערשטן זאַמל־פּלאַץ איז געשיקט געוואָרן קיין ריישע אַרבעטן אין אַ פאַבריק פון עראָפּלאַנטיילן, מאַרקע מעסערשמיט. טייל פון זיי זענען געבליבן לעבן. דעסגלייכן זענען געבליבן לעבן עטלעכע יונגעלייט פון אַ גרופּע יוגנטלעכע, וואָס זענען געשיקט געוואָרן צו דער אַרבעט אינעם „פלוגצויג־ווערק מיעלעץ". אַ דריטער טראַנספּאָרט פון

יוגנטלעכע איז געשיקט געוואָרן קיין פּוסטקאָוו אין דעם צוואַנגס־לאַגער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן בעת דער ליקווידאַציע פון די יידן אין מעליץ. פון זיי איז געבליבן לעבן בלויז איינער (ישראל ריינער).

נאָכן סוף פון דער דאָזיקער אַקציע, האָט די געסטאַפּאָ צו וויסן געטאָן, אַז ווער עס וועט געכאַפּט ווערן אָן אַ געסטעמפּלטער קאַרטע, וועט אָן אַ פּאַרדאָן געשאָסן ווערן. די ס. ס. האָבן פאַרלאָזט דאָס געטאָ. די פּוילישע פּאָליציי האָט עס באַוואַכט פון דרויסן, דער יידישער „אָרדנונגס־דינסט" פון אינעווייניק.

ס'איז שווער צו באַשרייבן דאָס שוידער־געפיל פון די איבערגעבליבענע. פון איינעם פון די אַרויסגעשיקטע איז אָנגעקומען אַ לעצטער סימן — אַ פּאָסט־קאַרטל מיטן סטעמפּל פון פּשעמישל, פון ר' נפתל'קע אייזן. און מען ווייס נישט וויאַזוי דאָס האָט זיך דערוואַלגערט ביז דעמביץ, נאָכדעם ווי בריוו פאַרן געטאָ זענען שוין לאַנג נישט אָנגעקומען.

אַ טאָג, אָדער צוויי נאָך דער אַקציע, האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינגנבענען אין געטאָ, צי באַהאַלטענערהייט אין דער פינצ־טערניש פון דער נאַכט, אָדער צוזאַמען מיט גרופּן יידן וואָס זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, יענע וואָס האָבן באַוויזן זיך צו באַהאַלטן אין דרויסן און מ'האָט זיי נישט אַנטפּלעקט.

דערווייל האָבן די דייטשן אויסערן געטאָ אַרויסגעגעבן אַ מעלדונג צו דער פּוילישער באַפעלקערונג, אַז ביי וועמען מען וועט געפינען אַ ייד, אָדער ווער עס וועט העלפן אַ ייד אין וועלכער עס איז פאָרם — וועט דערשאָסן ווערן.

און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן אין געטאָ אונטער־האַנדלונגען מיט די קעפּ פון דער דייטשער מאַכט אויפן אָרט, צו באַקומען סטעמפּלען און קאַרטן פאַר צוריקגעקומענע.

די פאַרמיטלער זענען געווען אַנשל טויב און אימערגליק (פון קליין ראַדאָמישל, אַן איידעם פונעם קצב מרדכי גאָלד־פאַרב). סטעמפּעלעך זענען פאַרקויפט געוואָרן פאַר געלט, הגם די געסטאַפּאָ האָט געמעלדעט, אַז ווער עס וועט געטראָפן ווערן אָן אַ סטעמפּל אויף זיין קאַרטע, וועט דערשאָסן ווערן. (יוסף טויב פלעגט זאָגן: נאָר געלט! נאָר געלט!) און אויך דאָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַן אויסרעכענונג: ווייל אַזוי אַרום האָבן די דייטשן קלאָר געוווסט די צאָל יידן וואָס איז פאַקטיש געבליבן.

ט.

אין דער דאָזיקער תקופה, ביז ז׳־ח׳ טבת תש"ג, זענען די איבערגעבליבענע, צום מייסטן די מענער, אָבער אויך פרוי־ען, געווען באַשעפטיקט ביי דער באַן און אינערלעכע אַר־בעטס־פּלעצער; ענצעלע אויף אַנערקענטע אַרבעטס־פּלעצער. דאָס לעבן אין געטאָ, האָט זיך געפירט לויטן סדר פון דער אַרבעט: אין דער פרי איז מען אַרויס גרופּנווייז פונעם טויער און נאָך אַ צען־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג איז מען צוריקגע־קומען.

דאָס דעמביצער געטאָ איז דערקלערט געוואָרן אַלס „אַרבייטס־לאַגער", די שטעכל־דראָט־פּלויטן האָט מען מער צונויפגעצויגן, ווייל ס'זענען דאָרט נישט געבליבן מער ווי 600 מענטשן, אינאיינעם מיט די צוגעקומענע. (אין געטאָ זענען געווען אויך אומלעגאַלע און מיט דער צייט זענען צוגעקומען מענטשן וואָס האָבן זיך מער נישט געקאָנט באַהאַלטן אינדרויסן).

זאָל באַזונדער פאַרצייכנט ווערן, אַז אין דער תקופה צווישן דער ערשטער און די ווייטערדיקע אַקציעס, איז נישט געווען קיין שום פאַל פון מסירה אויף באַהאַלטענע יידן.

אין יענער צייט האָט די געסטאַפּאָ מצרף געווען צום יודנראַט אַ יידן פון מעליץ, אַ שוסטער מיטן נאָמען קאַפּלאַן, בלויז פאַר דעם איינעם זכות, וואָס ער פלעג מאַכן שיינע שטיוול פאַר די געסטאַפּאָ־לייט.

אַזוי ווי פון די אַרויסגעשיקטע אויף מזרח זענען נישט אָנגעקומען קיין שום ידיעות און ס'האָבן זיך דורכגעריסן קלאַנגען וועגן דעם פאַרטיליקונגס־לאַגער אין בעלזשיץ, איז צווישן די איבערגעבליבענע רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז דער סוף דערנענטערט זיך אויך צו זיי און ס'איז געוואַקסן דער פּחד, אַז קיינער וועט זיך נישט ראַטעווען.

די דייטשן האָבן געליווערט די געטאָ־איינוווינער גאָר קנאַפּע קוואַנטומס עסנוואַרג. דער רעשט איז אַריינגעפירט געוואָרן אין געטאָ דורך די וואָס פלעגן אַרויסגיין צו דער אַרבעט און דורך גוים, וואָס פלעגן ברענגען פאַרשידענע געברויך־אַרטיקלען ביז צו די פּלויטן און באַקומען פאַר זיי חפצים, מלבושים א. אַ. וו.

ז׳ אָדער ח׳ טבת תש"ג, אַ טאָג פאַר דער צווייטער אַקציע, איז קלאָר געוואָרן, אַז די דייטשן זענען אויסן צו ליקווידירן דאָס געטאָ אינגאַנצן. איצט האָט די סכנה שוין געדראָט אויך די לייט פונעם יודענראַט און זיי האָבן געזוכט פאָרטלען זיך צו ראַטעווען.

י.

אין דער לעצטער נאַכט, זייגער 10 אָוונט, איז צו ראובן שעדליסקערן געקומען מאָנעק שוס, פון די אָנפירער פונעם „אָרדנונגס־דינסט", און האָט אים צו וויסן געטאָן, אַז אויב ער וועט מסכים זיין מיטצונעמען אין דעם בונקער, וואָס שטייט פאַר אים גרייט אין דער שאָפּע פונעם אַרכיטעקט קראַוווטשיק און גאַרזשעלאָוו, אויסער זיין משפחה אויך אַ טייל פון די משפחות פונעם יודענראַט — וועט ער אים אויסזאָגן די פאָרם ווי אַזוי עס דאַרף מאָרגן ליקווידירט ווערן דאָס געטאָ. נאָכדעם ווי ראובן האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט זיין עלטערן ברודער, האָט ער מסכים געווען אויפן תנאי און איז געבערענגט געוואָרן צום ראש פונעם יודענראַט, יאָסל טויב, וואָס האָט געוווינט אין דער דירה פון הערש לישע, הינטער דער ריי הייזער פונעם מאַרק.

דעמאָלט זענען שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט אַלע מיט־גלידער פון די משפחות טויב, שולדנפריי, שוס. אַנשל טויב האָט איבערגעגעבן די אָנוועזנדע די ידיעה, וואָס ער האָט באַקומען פונעם שעף פונעם „אַרבייטס־אַמט": פון מאָרגן אָן וועלן בלייבן אין געטאָ בלויז די וואָס זענען באַשעפטיקט ביי די באַן־ווערק און ביי פאַרשמעלערטע דינסטן אינעם „צוואַנגס־לאַגער", וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן אָנשטאָט דעם

„אַרבעטס־לאַגער״, און אין דער שפּיץ וועלן דאָרט שטיין: אימערגליק — דער אָנפירער, ביטקאָווער — דער סעקרעטער, און קאַפּלאַן — דער יועץ.

ראובן שעדליסקער איז שוין געשטאַנען אונטער דער פעסטער אויפזיכט פון מאַנעק שוס, און בלויז נאָך אַ סך בעטן האָט ער אים דערלויבט צוצוגיין צו זיינע פעטערס און איבערגעבן זיי ווער קאָן בלייבן אין געטאָ און ווער דאַרף אַנטלויפן. און באמת האָבן יענע נאַכט פאַרלאָזט דאָס געטאָ די אַלע וואָס עס איז צו זיי דערגאַנגען די ידיעה און זיי האָבן געהאַט וועלכע עס איז אויסזיכט צו געפינען אַ באַהעלטעניש.

די אַקציע איז דאָס מאָל געווען אַ קורצע: דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַן אוקראַינישן „זאָנדער־דינסט״, אויף וועלכן ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די גאַנצע שוואַרצע אַרבעט, און ווידער זענען די יידן פאַרזאַמלט געוואָרן לויטן סדר פון דער ערשטער אַקציע. די אַלע וואָס זענען באַשטימט געוואָרן דורך אימערגליקן (אַ ברוטאַלער, אומ־פאַראַנטוואָרטלעכער פלוידערזאַק, וואָס האָט אַפילו קיין משפחה־געפיל נישט געהאַט) מיט זיין חברותא אַלס אַרבעטער ביי די באַן־ווערק און דינסט־לייט, האָבן באַקומען אַ צווייטן סטעמפּל און זענען אומגעקערט געוואָרן צום זאַמל־פּלאַץ אין הקדש — דאָסמאָל בלויז די אַרבעטנדיקע אָן זייערע משפחות, די איבעריקע זענען אַראָפּגעפירט געוואָרן אונטן אין די זומפּן און פון דאָרט צו דער באַן וואָס האָט אויף זיי געוואַרט, און אָפּגעפירט זיי קיין בעלזשיץ.

יא.

נאָך דער איינפירונג פונעם נייעם רעזשים, האָט אימער־גליק מיט זיין גאַנצן אכזריות אָנגעוואָרפן זיין הערשאַפט איבער די געבליבענע. דאָס זוכן באַהאַלטענע אין געטאָ איז מער נישט געמאַכט געוואָרן בלויז דורך דייטשן, אָדער זייערע אוקראַינישע העלפער, נאָר מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג פון די יידישע „אָרדנונגס־דינסט״־לייט, וועלכע האָבן טאַקע אויפגעדעקט אַ גרויסע צאָל יידישע בונקערס. אויך די געפו־נענע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן יידישן בית־עולם און זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן.

ווען די אַקציע איז אַריבער, האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען די אַלע וואָס האָבן נישט געקאָנט בלייבן אין זייערע באַהעל־טענישן און אויך ענצעלע, וואָס האָבן באַוויזן אַרויסצושפּרינ־גען פון דער באַן, און אַ טייל זענען צוריקגעקומען אַפילו פון לאַנצוט. זייער צוריקוועגס האָבן זיי געמאַכט אין די נעכט לעבן דער שאָסיי אָדער די באַן־גלייזן. אימערגליק האָט צו וויסן געטאָן, אַז זיי מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַגער, אַז נישט, וועט ער זיי איבערגעבן דער געסטאַפּאָ. אָבער אַנטלויפן האָט מען נאָך געקענט בלויז אין דעם געטאָ באַכניע, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט און ס'האָבן זיך דורכגעריסן ידיעות פון דאָרט, אַז מען קען דאָרט נאָך לעבן.

אַ קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט, און ס'איז דאָ אַ יסוד צו גלייבן, אַז ער איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די נאַציס, אַז להבא וועלן בלייבן געטאָס בלויז אין פינף פּלעצער: קראָקע, טאַרנע, באָכניע, פשעמישל, ריישע. די כוונה פון די נאַציס איז געווען אויף דעם אופן צו קאָנצענטרירן די יידן אין געצייילטע פּלעצער. פון דעמביץ זענען יידן אַנטלאָפן בלויז קיין באָכניע, מיט דער באַן, צופוס און מיט וועלכן עס איז מיטל, מיט דער הילף פון גויים וואָס האָבן דערפאַר באַ־קומען גוט באַצאָלט.

די געסטאַפּאָ האָט זיך אין אַלץ פאַרלאָזט אויף אימערגליקן און זיינע העלפער, וואָס זענען דער עיקר געווען פונעם „אָרדנונגס־דינסט״. איין טאָג האָט אימערגליק באַפוילן דעם „אָרדנונגס־דינסט״ צו ברענגען אומלעגאַלע מענטשן פונעם לאַגער, זקנים, קראַנקע און קינדער (ביי 52 נפשות) אין אַ צימער פון „תלמוד תורה״ — ער האָט זיי כלומרשט איינגעאָרדנט אַ שפּיטאָל. אָבער די אייגענע נאַכט איז ער מיט די לייט פונעם „אָרדנונגס־דינסט״ צוזאַמען מיט גאַבלערן אַהינגעקומען און האָבן זיי אויסגעהרגעט איינס ביי איינס. די פאַרשוינען פונעם „אָרדנונגס־דינסט״ האָבן געהאַלטן די קרבנות ביי די הענט און גאַבלער האָט געשאָסן. איינער פון זיינע יידישע העלפער איז אין צוויי וואָכן אַרום אָן אַ שום סיבה דערשאָסן געוואָרן דורך דעם אייגענעם גאַבלער, בעת ער איז געשטאַנען ביים איינגאַנגס־טויער צום לאַגער.

יב.

די וואָס זענען געקומען קיין באָכניע, זענען געוואָרן שותפים צום ביטערן גורל פון די באָכניער יידן — די מייניסטע זענען אָנהייב סעפּטעמבער 1943 געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ — דירעקט צו דער פאַרטיליקונג. אַ טייל איז געשיקט געוואָרן אין דעם אַרבעטס־לאַגער שעבניאַ לעבן יאַסלאָ און פון דאָרט זענען עטלעכע דעמביצער צוריקגעקומען קיין פּוסטקאָוו אַלס פרייוויליקע. די גרעסטע טייל אַרבעטער פון שעבניאַ, — די רעשטלעך גאַליציאַנער יידן, וואָס זענען אַהין געבראַכט געוואָרן פון טאַרנע, ריישע, באָכניע, פשע־מישל, זענען געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ דעם 19־טן נאָוועמבער 1943. זיי זענען אַדורך אַ סעלעקציע און אַ טייל פון זיי זענען פאַרטיילט געוואָרן צווישן די אַרבעטס־לאַגערן אין דער געגנט און אַזוי ווייטער.

דאָס צוואַנגס־לאַגער אין דעמביץ האָט עקזיסטירט ביז קרוב פאַר פּסח תש״ד. ערב פּסח איז דאָס לאַגער ליקווידירט געוואָרן. די יידישע אַרבעטער זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין דעם צוואַנגס־לאַגער יעראַזאַלימסקאַ־קראָקע. די יידישע לאַגער־אָנפירונג איז נאָך געבליבן אויפן אָרט בערך צוויי וואָכן צוזאַמען מיט די משפחות און די נאָענטסטע. דערנאָך זענען זיי געבראַכט געוואָרן אין דעם לאַגער „פלוגצויג־ווערקע״ אין מעליץ, און עטלעכע טעג שפּעטער זענען זיי אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די געסטאַפּאָ־לייט גופא, ווי מען רעכנט, לויט אַ רעקאָמענדאַציע פון גאַבלערן.

אין דער רציחה, האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ די באַן־פּאָליציי, צווישן וועלכע ס'איז געווען פּויליש יונגוואַרג פון דעמביץ מיט דער סביבה. אויך פאַר דעם פלעגן זיי שיסן אויף יידן וואָס זיי האָבן געפונען אין דער באַן, אָדער לעבן איר, בלויז לויטן אויסזען.

נאָך דער ליקווידאַציע פונעם לאַגער האָט די פּוילישע פּאָליציי געזוכט און געשאָסן אַלע באַהאַלטענע יידן וואָס זי האָט געפונען. צווישן זיי אויך די גאַנצע פאַמיליע טויב און

שוס, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער פון וויעלע־פאָליע און סטאַשובקאַ. דער עיקר זוכעניש נאָך באַהאַלטענע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער פוילישער פּאָליציי. פונדעסטוועגן זענען איבערגעבליבן און געראַטעוועט געוואָרן ענצעלע יחידים און איין משפחה — פּאוסט און יחזקאל שוחט.

בשעתו, אינעם טאָג פון דער אויסזידלונג, האָבן די נאַציס פאַרזאַמלט אויפן באַשטימטן פּלאַץ ביי 5000 יידן: פון דעמביץ, פּילזנא, באַרנעוו, טאַרנאָבזשעג־דזשיקעוו, פון קליין־ראַדאָמישל און גרויס־ראַדאָמישל. זיי זענען אויסגעשטעלט געוואָרן גרופּן־ווייז, צו צען שורות פון צען מענטשן אין יעדער, מענער, פרויען און קינדער, אָבער פאַרן אַריינפירן די גרופּן אין די באַן־וואַגאָנען — אַ גרופּע אין אַ וואַגאָן — זענען פון זיי אויסגעטיילט געוואָרן 150 מאַן, דער עיקר יוגנטלעכע, פאַר אַרבעטן אין דער עראָפּלאַנען־פאַבריק פּ. ז. ל. ריישע, 200 מאַן פאַר דער שטראָף־לאַגער פון די ס. ס. אין פּוסטקאָוו, אַ קליינע גרופּע פון 40 יוגנטלעכע פאַר איין פּלאַץ לעבן דעמביץ. די איבעריקע זענען געטריבן געוואָרן אין די וואַגאָנען און אַוועקגעפירט אויף מזרח, ווי עס ווייזט אויס, אין דעם פאַרטיליקונגס־לאַגער בעלזשיץ.

צווישן דער גרופּע פון 150 וואָס זענען געשיקט געוואָרן קיין ריישע, זענען געווען 40 דעמביצער. די דאָזיקע גרופּע האָט געשאַפן דאָס לאַגער פלוג־צייגס־פאַבריק רייכסהאָף (רזשעשאָוו, ריישע). בראש פונעם לאַגער איז געשטאַנען איינער אַלפרעד, אַ זון פון דעמביצער אויסוואַנדערער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד און זענען בשעתו צוריקגעשיקט געוואָרן דורך זבאָנשין. צוגעהאָלפן האָבן אים איינער וואַלטער פון דעמביץ און אַ פּליט פון לאָדזש, יאָרק, וואָס האָט געוווינט אין דעמביץ בעת דער מלחמה. זייער אויפירונג איז געווען די ערגסטע און זיי האָבן גורם געווען צו עטלעכע פאַלן פון רציחות אינעם לאַגער.

דאָס לאַגער האָט עקזיסטירט ביז די רוסן האָבן זיך דערנענטערט צו ריישע אין יוני 1944. עס האָט זיך געהאַט אויסגעברייטערט ביז 500 מאַן, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אייזן־טאָקערייַ און אַרויסגעגעבן אַרבעט איבער דער נאָרמע, 120 פּראָצענט. דער אייגנטימער פון דער פאַבריק איז געווען די פירמע היינקל.

אין דער לעצטער מינוט פאַרן אַריבערפירן דאָס לאַגער אויף מערב צו, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו אַנטלויפן, וואָס איז דורכגעפאַלן איבער די לייט פונעם יידישן „זאָנדער־דינסט". בסך הכל זענען אַנטלאָפן ביי 17 מענטשן.

פון די 40 דעמביצער אינעם לאַגער זענען געבליבן לעבן ביז צום אַריבערפירן כמעט אַלע. די מייסטע זענען אויך נאָכן אַריבערפירן איבערגעבליבן אין די לאַגערן ביי טאָקערייַ־אַרבעט, ביי דער פירמע היינקל, זיי זענען אָבער צעשפּרייט געוואָרן איבער 13 פּלעצער: פּלאַשוב, וויעליטשקע (עראָפּלאַנען־פאַבריק), פלוסענבורג (איך בייערן), קאָלמאַר (אין פראַנקרייך), אין טונעל אָראַניעבורג, בראונשווייג (הערמאַן גערינג־ווערקע), נוי־גאַממאַ ביי האַמבורג (צענטראַלער לאַגער, ברעמען, בערגן־בעלזן). די באַפרייונג פון די לעצטע איז פאָרגעקומען דעם 15־טן אַפּריל 1945, אָבער ביז צו מאָרגנס האָט זיך נישט געוויזן קיינער פון דער בריטישער אַרמיי מטפל צו זיין מיט זיי. ערשט דעם צווייטן טאָג, אין אָוונט, זענען געקומען ענגלענדער און געברענגט יעדן איינעם אַ פערטל ברויט און אַ פּושקע חזיר־שמאַלץ. די מענטשן, וואָס האָבן שוין עטלעכע טעג געהונגערט, האָבן געגעסן, שווער קראַנק געוואָרן אויף דיזנטעריע און טויזנטער פון זיי זענען געשטאָרבן. די קראַנקע זענען געבליבן אין די באַראַקן צוזאַמען מיט די טויטע, אָן הילף, ביז פון בלאָק 12 (אַ יידישער בלאָק) איז געשיקט געוואָרן אַ דעלעגאַציע צום בריטישן מיליטער־ראַבינער, וואָס האָט אים געשילדערט די לאַגע. ער האָט געשיקט צו הילף עטלעכע מיידלעך פון דעם הילפס־מיליטער און די לאַגע איז בעסער געוואָרן.

נאָך צוויי וואָכן, האָבן די מענטשן זיך דאָרט געפייניקט, ביז זיי זענען פון דאָרט אַרויסגעצויגן געוואָרן.

בראָניע אלינק

אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן קיין בעלזשעץ

ס׳איז געווען דער 13טער נאָוועמבער 1942. איבערן געטאָ האָט זיך פאַרשפּרייט די בייזע בשורה, אַז אין צוויי טעג אַרום, זונטיק דעם 15טן נאָוועמבער, וועט פאָרקומען אַן אויסזידלונג. מיינע צוויי ברידער האָבן געהאַט אַ גוטע אַרבעט־שטעלע, זענען זיי זיכער געווען, אַז זיי בלייבן אין געטאָ. איך האָב געאַרבעט אין שפּיטאָל, און דעם טאַטן האָבן מיר פאַרשטעקט אין בונקער.

האָבן מיר שוין איינמאָל געהאַט אַ שבת!

באַלד מוצאי־שבת האָבן פּוילישע און דייטשע פּאָליציי אַרומגעשטעלט דאָס געטאָ. גאַנץ פרימאָרגן בין איך אַוועק צו מיין אַרבעט אין שפּיטאָל. האָבן ביידע ברידער מיינע מיך געטרייסט, אַז אויך זיי וועלן בלייבן אין געטאָ.

פּלוצעם הערט מען אַ רעש, מענטשן לויפן אַרום ווי פאַרווילדערט: דער שעף פון געסטאַפּאָ שטייט אין גאַס און לייענט אַרויס פון פּאַפּיר אַ רשימה פון 540 מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין באַן־באַטריב — נאָר זיי וועלן בלייבן. נאָר זיי האָבן דאָס רעכט צו לעבן. דעם רעשט יידן וועט מען אומברענגען.

באַלד קומען די גזלנים אין שפּיטאָל אַריין און גיבן אַרויס אַ באַפעל: אַלע, געזונטע און קראַנקע, מוזן פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל. ווי ביטער דאָס האָט געקלונגען אין מיינע אויערן, אַז אויך איך מוז גיין אין טויט, איך וועל שוין מער נישט זען דעם טאַטן מיינעם און מיינע ביידע ברידער.

טיפוס־קראַנקע מיט 40 גראַד היץ ווערן אַרויסגעשלעפּט פון שפּיטאָל. אינדרויסן איז ביטער קאַלט און דאָ שטעלן זיך די קראַנקע אין די בלויזע העמדער צום טראַנספּאָרט. אונדז, די געזונטע יונגנט, טרייבט מען מיט רייטבייטשן אין די הענט און מיט די שרעקלעכע הינט צום אויסזידלונגס־פּלאַץ, ווו ס׳ווערן צונויפגעזאַמלט טויזנטער מענטשן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך — צום טראַנספּאָרט.

איך שטיי און קוק מיך איין, צי פירט מען נישט, חלילה, אויך מיין טאַטן און מיינע צוויי ברידער. און אַזוי שטייען מיר אויפן פּלאַץ, ביז 12 אַזייגער מיטאָג. אויסגעשטעלט איך רייען צו 5 גייען מיר צום באַנהאָף. ווידער די קאָמאַנדע „לינקס, לינקס״ און אַזוי גייען מיר ווי שעפּסן צום טויט אין בעלזשעצער קרעמאַטאָריום.

צו הונדערט מענטשן גייען אַריין אין איין וואַגאָן. און באַלד קומט אויך מיין ריי אַריינצוגיין אין דעם טויט־וואָגן. פון דעם וואַגאָן וועלן מיר זיך שוין נישט קענען אַרויסבאַקומען. ס׳איז זיכער אַז מיר פאָרן צום טויט.

געווען זענען עס 60 וואַגאָנען, זעכציק וואַגאָנען קיין בעלזשעץ. מענטשן אַלטע און יונגע, מענער, פרויען און קינדער. ווי דער גורל פון אַלע יידן, איז אויך אונדזער גורל — צו פאָרן אין טויט.

די אָנגעפּאַקטע יידן וועלן אָנקומען אויפן אָרט פונעם פאַרגאַזונגס־אַנשטאַלט, זיי וועלן זיך דרייען, קרימען, ביז זיי וועלן דערשטיקט ווערן אין יסורים.

ערשט אַכט אַזייגער אין אָוונט האָט דער צוג געריקט פון אָרט. געווען אַ סך אַזעלכע וואָס האָבן געטראַכט, אפשר וועט זיי געלינגען זיך צו ראַטעווען, נישט אָנצוקומען דאָרט ווו דער צוג פירט. אַ פינצטערע נאַכט איז עס געווען, ס׳האָט אָבער אַריינגעשיינט אין וואַגאָן אַ קליין ליכטעלע פון די לעמפּלעך, וואָס די ס. ס.־מענער האָבן מיט זיך געהאַט שטייענדיק אויף דער וואַך.

די מענטשן אין וואַגאָן זענען געווען אָנגעפּאַקט ווי זעק. דאָס איז געווען אַ לאַנגע יסורימדיקע רייזע, אַ צוזאַמענגעדריקטע שטייענדיקע רייזע און אַ שטייענדיקע גסיסה.

וועמענס טויט וועט דאָ זיין? ווער וועט אויסהאַלטן די נסיעה? און וואָס מאַכט עס, אַז מ׳וועט אויסהאַלטן די נסיעה?

וווּאַהין פאָרט מען דען? — שאָף צו דער שחיטה, קרבנות פאַר די ברען־אויוונס.

אָבער יעדע מינוט וואָס מען לעבט איז אַ געפונענע. און ווער ווייס וואָס עס קאָן געשען? אפשר וועלן מענטשן ניצול ווערן.

קיין באַנק צום זיצן איז נישט געווען, מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט ווו מ׳איז געשטאַנען.

די בעסטיעס האָבן געקענט שלאָגן, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט אַ קול וואָס מ׳האָט אַרויסגעגעבן, אַפילו פאַר אַ הויכן קרעכץ. די מענטשן האָבן זיך געשטיקט אין זיך, פאַרביסן די ליפּן און געשלונגען די טרערן. מ׳האָט נאָר געקענט פאַרברעכן די הענט, קלאַפּן זיך אין קאָפּ און רייסן די האָר. אַ שטיל געשריי צום רבונו של עולם, אַ רוף צו טויטע טאַטעס, מאַמעס.

ווען מ׳האָט דערהערט, אַז מיר רירן פון אָרט, איז מיטאַמאָל דאָס געוויין אויסגעבראָכן מיט מער קראַפט. מ׳האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז עס האָבן אויסגעפעלט טרערן. שווערע קרעכצן האָבן זיך געריסן פון די מידע הערצער. אַ סך זענען שטיל געבליבן, פאַרחלשטע, נאָר קיינער האָט נישט געזען די שוואַכע מענטשן אין דער פינצטערער נאַכט, — די פאַרגלייזטע אויגן ווען אַ מויל איז שטום געוואָרן און אַ האַרץ איז שטיין געבליבן.

אין וואַגאָן זענען געווען אַ סך קינדער וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעריסן פון די מאַמעס.

פּלוצעם דערהערט מען דאָס קול פון אַן עלטערן ייד, פייוול ווילנער איז דאָס געווען: יידן, לאָמיר תהלים זאָגן! לאַמיר זאָגן ווידוי, מ׳דאַרף זיין גרייט...

דאָס געוויין פון די פרויען איז שטאַרקער געוואָרן, די מענער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן. אָבער איידער וואָס ווען רופט זיך אָן יוסף טויב: ער וועט אַרויסזעגן אַ שטיקל פּאָדלאָגע, אַרויסצורייסן זיך אויף דער פריי... און אַנדערע וועלן אויך קענען זיך ראַטעווען. ווער ס׳וועט נאָר קענען און וועלן

און האָבן קוראַזש אַרויסצושפּרינגען פון דעם לויפנדיקן צוג. אָבער וואָס האָט ער שוין געקענט אויפטון מיט זיין קליין מעסערל. ער לאָזט אָבער נישט צו רו: יידן, זאָגט ער, מע קען מיר נאָך דערלעבן דעם סוף פון קריג אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. מע מוז מיר זיך ראַטעווען. מע מוז מיר זוכן אַן אַנדערן וועג אַרויסצושפּרינגען...

נישט ווייט פון מיר זיצט זיין פרוי מיט אירע צוויי שיינע קינדערלעך. איר מיידעלע צעווייַנט זיך, ס'טוט איר עפּעס וויי.

די מאַמע טרייסט דאָס קינד, גלעט די שיינע גילדענע הערעלעך און זאָגט צו איר: שוין נישט לאַנג וועט עס דויערן, מ'וועט קומען צו דער מומע, דאָרט וועט זי שיינע שפּילצייג באַקומען... אַ קרעכץ איז אַ דורך אַלע אַרום.

צו אונדז אָבער זאָגט די אומגליקלעכע מאַמע גאָר עפּעס אַנדערש, גאָר אין דער שטיל: איך וועל געבן די קינדערלעך אַ ביסל סם וואָס כ'האָב מיט מיר, ווען מע'מיר אָנקומען אויפן אומגליקלעכן אָרט. איך ווייס, אַז אַ מאַמע טאָר אַזוינס נישט טאָן. אָבער ווי פּאָר מיר דען? מע פאָר מיר קיין בעלשעץ. און פּלוצעם שרייט זי אויס פון איר צעבראָכן האַרץ: צו וואָס האָסטו אונדז קינדער געגעבן, איך זאָל זיי דערהרגענען? גיב איך זיי דערפאַר סם, זיי זאָלן אַ לייכטערן טויט האָבן.

און ווידער האָט דער מאַן שטיל אַרויסגעקרעכצט: אונדז אַלע, מיינע טייערע, מוז מיר זיך זאָגן, אַז מע זע'מיר שוין אַלע אַלט צו אַכציק יאָר, מ'האָמיר שוין דורכגעלעבט די שיינע וועלט און מע מוז מיר שטאַרבן.

— הלואי וואָלט מיר געשטאָרבן, שרייען די מענטשן, און נישט געדאַרפט האָבן אַזאַ שרעקלעכן טויט...

אַלע אין וואַגאָן האָבן אַ שרעקלעכן דורשט. די קינדער־לעך בעטן זיך ביי די מוטערס: מאַמע, ס'ברענט מיר אין האַלז. גיב מיר וואַסער.

דאָס האָט אַלעמען געשטיקט אין האַלז דער קאַלך, וואָס די דייטשן האָבן צעשיט אין וואַגאָן איידער מיר זענען אַריין. מ'איז געווען גרייט אַוועקצוגעבן אַלץ וואָס מ'האָט ביי זיך געהאַט פאַר איין שלונג וואַסער.

די ס. ס. לייט, הערנדיק די געשרייען, האָבן אַריינגע־וואָרפן אין וואַגאָן איין פלאַש וואַסער פאַר 100 מענטשן. מען גיט זיי אַוועק גאָלד און געלט, אָבער ווער וועט זוכה זיין צו טרינקען פון דעם וואַסער? איינער רייסט אַרויס דאָס פלעשל פון דעם צווייטנס הענט. מ'איז שוין מער קיין מענטשן נישט געוועזן, מ'האָט פּשוט חיה'שע געפילן באַקומען. ס'איז געוואָרן אַ געשלעג, אַבי צו קענען שטילן דעם שרעקלעכן דורשט.

און אָט קומען צו אונז די זעלבע ס. ס.־מענער מיט אַ פאָרשלאַג: אויב מען וועט זיי אַוועקגעבן אַלץ וואָס מען האָט נאָך ביי זיך, וועלן זיי עפענען אויף 5 מינוט די פלאָמ־בירטע טיר און ווער ס'וועט פעיק זיין אַראָפּצושפּרינגען וועט זיכער בלייבן לעבן.

מען גיט אַוועק אַלץ וואָס מ'האָט נאָך ביי זיך. זיי נעמען אַלץ צו, און מער קומען זיי נישט צו צום קליינעם פענצטערל. זיי האָבן אָפּגענאַרט. ס'איז נאָר געווען חוזק פון זייער זייט.

די מענער טראַכטן ווייטער ווי אַזוי זאָל מען זיך פּאָרט ראַטעווען פונעם טויט. שטייט אויף פון זיין אָרט יוסף טויב, גייט צו מיט אַ פּאָר בחורים צום פאַרדראָטיקטן פענצטערל און נעמט ווידער אַרויס זיין קליין „געווער" — דאָס מעסערל. דערמיט נעמט ער זיך באַזייטיקן די דראָטן. פּלוצעם הערט מען זיין אויסרוף: כ'האָב איבערגעשניטן די דראָטן. איצט, מענטשן, קאָנט איר זיך ראַטעווען! אין דער זייט טענהט זיך אויס אַן אַלטער ייד: איך קען מיך נישט ראַטעווען. גאָט קאָן מיך ראַטעווען. איך בין שוין צו אַלט. קראַנק און שוואַך בין איך. ווען איך וועל אַראָפּשפּרינגען, וועל איך שוין נישט אויפשטיין, און דאָס וועט הייסן, אַז איך האָב מיר אַליין דאָס לעבן גענומען. איך וועל שוין שטאַרבן מיט דעם טויט, וואָס דער רבונו של עולם האָט פאַר מיר אויסגעקליבן. אויב שריפה, זאָל זיין שריפה...

און ווייטער זאָגט ער: ער ווייס שוין נישט וואָס ריכטיק איז און וואָס נישט ריכטיק. אָבער ווער ס'האָט כוח דעם שפּרונג צו מאַכן, זאָל ער עס טון, זאָל ער זיך ראַטעווען. ווער ס'וויל שפּרינגען, זאָל שפּרינגען מיט אַלע כוחות און בלייבן ביי אַלע אברים, אַבי נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשן, און דערלעבן די ישועה.

דער אַלטער מאַן, האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם וואַך־פענצטערל צו זען, צו זענען איצט די ס. ס.־מענער אויף דער וואַך. די מענער באַקומען קוראַזש. דער ערשטער שפּרינגט אַראָפּ מענדעלע שעדליסקער. ער איז געווען קראַנק אויף טיפוס און האָט געהאַט 40 גראַד היץ. מ'האָט נישט געהערט, מען זאָל אויף אים שיסן. מיר בעטן גאָט ער זאָל בשלום צוריקקומען אין געטאָ.

איך שטיי ביי מיין קרוב פייוול ווילנער. ברכה'לע, זאָגט ער צו מיר, פאַרוואָס ביסטו נישט צוזאַמען מיט דיינע צוויי ברידער? זיי זענען אויך אין דעם טראַנספּאָרט, אין ערשטן וואַגאָן.

איך קען זיך נישט צוהערן צו זיינע רייד — איך בין זיכער געווען, אַז זיי זענען געבליבן אין געטאָ. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַשלאָגן. איך קען אים נישט ענטפערן.

איך רייס זיך צום קליינעם פענצטערל אַראָפּצושפּרינגען. לאָמיך אַפילו בלייבן טויט אונטער די רעדער פונעם וואַגאָן, אַבי נישט צוצוזען זייער ביטערן טויט אין בעלזשעץ.

פאַר מיר שפּרינגען אַראָפּ עטלעכע מענער. איך וויל אויך זיין צווישן זיי, אָבער מען שטויסט מיך אַוועק, מען לאָזט מיך נישט שפּרינגען. מיין ווילן איז אָבער שטאַרקער ווי זייער ווידערשטאַנד. זיי ווילן פאָרט נישט נעמען מיין לעבן אויף זייער אחריות.

איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטערל. יוסף טויב אָבסערווירט, צי מען זעט נישט די דייטשע וואַך, און זאָגט מיר מיטאַמאָל: קענסט שפּרינגען, איצט.

מיין האַרץ האַקט ווי מיט האַמער. איך שענק אַוועק דאָס שטיקעלע ברויט וואָס איך האָב ביי זיך און גרייט זיך צום שפּרונג. איך שטיי די ערשטע.

דער צוג לויפט גאַנץ גיך, די בחורים העלפן מיר און איך טו אַ שפּרונג. איך בין פאַרשוווּנדן. אַנידערגעפאַלן אויפן שיינעם ווייסן שניי פון די גלייזן. באַקומען אַ גוטן שטאַרקן

קלאָפּ פון דער רעכטער זייט. איך בלייב ליגן. איך הער גוט ווי מען שרייט, אַז איך בין אַראָפּגעשפּרונגען. דאָס איז געווען 90 ק״מ פון דעמבּיץ.

כ׳האָב געוואָלט בלייבן טויט אונטער די רעדער פון די וואַגאָנען, נאָר גאָט האָט מיר געשענקט דאָס לעבן.

דער צוג איז ווייטער געגאַנגען, נישט געאיילט זיך. ס׳איז געווען אַ גאַנץ טונקעלע נאַכט. 4 אַ זייגער פאַרטאָג.

איך קוק נאָך די וואַגאָנען, וואָס פירן מיינע נאָענטסטע און ווייטערע אויף טויט. איך קוק און קען זיי מיט גאָר נישט נישט העלפן. דער צוג איז פאַרשוווּנדן. איך לאָז זיך צוריק קיין דעמבּיץ, צוריק אין געטאָ. איך גיי מיט די גלייזן ביז איך קום צו דער באַן־סטאַנציע לאַנצוט. איך רייס זיך דורך דורך די דייטשן און קום אַרויס פון שטאָט. אין געדאַנק לויפן מיר דורך פאַרשידענע טראַכטונגען: יעדער וואָס זעט מיך ווייס דאָך, אַז איך בין פון צוג אַראָפּגעשפּרונגען.

פרימאָרגן 6 אַ זייגער קום איך צו צו אַ הויז פון קריסטן, ווו ס׳האָט געוווינט אַ פאַמיליע מיטן נאָמען טאַרטשאַנסקי. איך מאַך אויף די טיר און בעט ביי דער פרוי אַ ביסל וואַסער. איך פרעג זי וויפיל איז איצט דער זייגער, זאָגט זי מיר: זי זעט. אַז איך בין אַ יידיש מיידל, זאָל איך אַריין צו איר אין שטוב. זי האָט שוין עטלעכע יידן ביי זיך פאַרשטעקט. זאָל איך, חלילה, נישט מורא האָבן, נאָר אַריינקומען.

איך בין געווען געפאַסט אויפן טויט יעדע רגע, בין איך אַריין. די קריסטין האָט מיר געגעבן אַ סעפּאַראַט צימער און האָט צו מיר גערעדט ווי אַ מאַמע. באַלד האָט זי מיר געגעבן פרישטיק און געגרייט מיך צום וועג. איך וויל איר געבן אַלץ וואָס איך האָב ביי מיר, זאָל זי מיר נאָר געבן אַ קאַפּטיכל, איך זאָל קענען פאַרדעקן אַ ביסל מיינע יידישע אויגן. זי נעמט אַרויס פון דער שאַנק אַ ניי גרין קאַפּטיכל און זאָגט צו מיר: גרין מיינט האָפנונג. דאָס איז אַ סימן, אַז איך וועל אַהיימקומען. זי ווינטשט מיר פיל גליק אין וועג און בעט איר צו שרייבן.

אין דרויסן איז זייער קאַלט. איך גיי גיך. מיר דאַכט זיך, אַז הינטער מיר גייט אַ שטן, וואָס וויל מיר נעמען דאָס לעבן. איך זע נאָר פעלדער און וועלדער. די ערד באַדעקט מיט שניי. דער ווינט יאָגט מיך ווייטער און ווייטער און ביינאַכט קום איך אָן צו ריישע. איך שטיי פאַרן געטאָ. זאָגט צו מיר אַ גויה: דו ביסט אַ יידיש קינד, איך דערקען באַלד. דו ווילסט איצט אַריין אין געטאָ? דו ווייסט וואָס עס טוט זיך איצט אין געטאָ? מען זוכט נאָך יידן, וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט ביי דער אויסזידלונג, מען זאָל זיי דערשיסן, און דו קענסט זיין צווישן זיי. גיי אין דאָרף, וועסט דאָרט איבערשלאָפן די נאַכט און פרימאָרגן וועסטו קומען אין געטאָ. איך וויל און מוז זי פאָלגן און לאָז מיך גיין אין דאָרף.

איך קום אַריין אין אַ הויז און בעט דעם קריסטלעכן בעל־הבית, ער זאָל מיר דאָ לאָזן איבערשלאָפן די נאַכט. ער פאַר־לאַנגט פון מיר מיינע דאָקומענטן, ווייל ס׳איז נישט דערלויבט צו האַלטן פרעמדע מענטשן ביי זיך אין שטוב. איך גיי אין אַ צווייט הויז, אין אַ דריטס, און איך באַקום ווידער די זעלבע תשובה. איך בין געצוווּנגען צו שלאָפן אין דרויסן. איך לויף אַריין צווישן ביימער. אין געדיכטעניש רייס איך אַראָפּ אַ צווייגל פון אַ בוים און לייג זיך שלאָפן אויפן שניי מיטן צווייגל אונטערן קאָפּ. איך וויל שלאָפן און עס באַפאַלט מיך טאַקע אַ האַרטער שלאָף ביז פרימאָרגן.

ס׳איז שוין גאַנץ ליכטיק געווען. כ׳בין געווען אינגאַנצן דורכגעפרוירן. איך האָב געוואָלט טרינקען עפּעס וואַרעמס, אָבער ווו? איך האָב נאָר געקענט זיך אָנעסן מיט שניי, וואָס איז געלעגן פריי אַרום. פאַר דעם געלט וואָס איך האָב מיט־געהאַט, האָב איך אַפילו אַ שטיקל ברויט נישט געקאָנט קויפן. איך רייס אַרויס אַ גאַנץ דורכגעפרוירענע ריב און עס מיט גרויס אַפּעטיט. איך גיי ווייטער און ווייטער דורך פעלדער און וועלדער, איך האָב נאָך זייער ווייט צו גיין אַהיים. און ווידער איז אָנגעקומען די נאַכט. און ווידער בין איך אין דרויסן. איך זוך אַ שטאַל, אַ סטאָדאָלע, אַ שייער ווו דורכצושלאָפן די נאַכט, אָבער אַלע טירן זענען פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן.

איך באַמערק אַ גאָר קליין קעמערל. איך באַקום זיך אַריין. איך לייג זיך שטיל אַוועק אויף אַ ביסל שטרוי און צעוויין זיך. די טרערן שטיקן מיך. צו האָב איך אַזויפיל חטאים? צו קומט מיר אַזויפיל צו ליידן? גאָט, האָב רחמנות אויף אַ יתומה, אפשר וועל איך נאָך טרעפן מיין טאַטן אַ לעבעדיקן. כ׳האָב געשלונגען די טרערן און איינגעשלאָפן אַ האַרטן שלאָף ביז פרימאָרגן.

6 אַזייגער אין דער פרי גיי איך אַרויס פון קעמערל. די בעלי־בתים זענען שוין אויפגעשטאַנען פון שלאָף און גענומען זיך צו זייער טעגלעכער אַרבעט. איך גיי אַריין אין שטוב און בעט אַ ביסל וואַסער. איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן. די מענטשן קוקן אויף מיר ווי אויף אַ פאַרווילדערטע. זיי באַקו־מען אויף מיר רחמנות און שענקען מיר אַ ביסל הייסע מילך און אַ שטיקל ברויט.

אָבער באַלד זענען זיי דערגאַנגען, אַז איך בין אַ יידיש קינד, און הייסן מיר איך זאָל די שטוב שוין פאַרלאָזן.

איך גיב זייער טאָכטער 20 זלאָטעס, זי זאָל מיך אַרויס־פירן אויף אַ זיכערן וועג. איך זאָל וויסן ווו ווייטער צו גיין. קינדער גייען אין דער שולע און באַלד רופן זיי אויס: אָט גייט דאָ אַ „זשידאָוויצע״. זי איז זיכער אַנטלאָפן פון געטאָ.

דאָס בלוט איז אין מיר פאַרגלייווערט געוואָרן. דאַכט זיך, איך וועל שוין נישט זוכה זיין צו קומען אין געטאָ קיין דעמבּיץ. אָבער וואָס מער שטערונגען איך האָב געהאַט אויפן וועג, אַלץ מער דרייסטקייט איז אין מיר אויפגעקומען.

מיטוואָך פאַרנאַכט זע איך, ווי אַ גויה שטייט אין פעלד מיט אַ קליינער טאָכטער און נעמט אַרויס ריבן פון דער ערד. איך בעט זי, אפשר קען זי מיך מיטנעמען און לאָזן מיר איבערשלאָפן די נאַכט אין שטאַל. די קליינע טאָכטער באַקומט אויף מיר שטאַרק רחמנות און בעט די מוטער, זי זאָל עס טון. אָבער די מוטער ענטפערט, אַז זי מוז פרעגן איר מאַן. און אַז מיר קומען צו אים דערקענט ער באַלד, אַז איך בין אַ יידיש קינד... ווי שווער עס איז צו זיין אַ ייד, האָב איך דעמאָלט געטראַכט, דער פויער פאַרלאַנגט פון מיר געלט און ווייזט מיר אָן אַ מקום מנוחה אויפן בוידעם.

גאַנץ שפּעט ביינאַכט רופט ער מיך אַראָפּ אין שטוב.

איך באַקום אַ ביסל קאַרטאָפל־זופּע און אַ שטיקל ברויט. באַלד דערנאָך לויף איך צוריק אַרויף אויפן בוידעם.

פינף אַזייגער פאַרטאָג וועקן זיי מיך אויף פון שלאָף. דער מאַן מאַכט מיר אָן אַ גרויס שרעק, אַז אין צווייטן דאָרף שטייען ס. ס.־מענער און לעגיטימירן אַלע דורכגייענדיקע. איך בעט אים ער זאָל מיר העלפן. איך וועל אים געבן 50 זלאָטעס, זיין ווייב זאָל מיך דורכפירן. פאַר 200 זלאָטעס איז ער מסכים. אָבער דאָס ווייב פירט מיך נאָר אַרויס פון שטוב. ביי דער טיר בלייבט זי שטיין און גייט נישט ווייטער. זי פאַרמאַכט די טיר און שרייט מיר נאָך: ס׳איז דאָ קיין דייטשע וואַך נישטאָ.

דער פויער האָט בלויז געוואָלט אויסנאַרן געלט פון מיר און ס׳איז אים געלונגען. ער האָט געהאַט מזל. אָבער אויך איך האָב געהאַט מיין מזל.

דאָנערשטיק ביי נאַכט בין איך אָנגעקומען פאַרן דעמביצער געטאָ. איך האָב אָבער נישט געוואָלט פריער אַריין איידער איך האָב נישט די זיכערהייט„ אַז דער טאַטע איז נאָך דאָ. איך האָב געפרעגט באַקאַנטע גויים. ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן טאַקע גערעדט מיטן טאַטן. ער איז אין געטאָ.

איך מיז וואַרטן ביז עס וועט שוין אין גאַנצן טונקל ווערן.

אין דער פינצטער האָב איך איבערגעשניטן עטלעכע דראָטן און בין אַריינגעקומען.

גרויס און קליין שרייען: בראָניע איז אַהיימגעקומען פון טויטן־וואַגאָן. איך שטופּ זיך דורך דורך די מענטשן און קום ענדלעך צום טאַטן.

מ׳איז שוין פריער געקומען אָנזאָגן דעם טאַטן, אַז איך בין געקומען. דער טאַטע האָט אויף מיר געוואַרט פאַרן הויז. איך בין אַרויפגעפאַלן אויף זיין האַלדז מיט גרויס געוויין, נישט געקענט זיך אָוועקרייסן. דער טאַטע האָט מיך געקושט און געגלעט ווי אַ קליין קינד.

איך האָב דעם ליבן טאַטן נישט דערקענט. ער איז אין די עטלעכע טעג עלטער געוואָרן מיט עטלעכע יאָר.

אַלע שכנים האָבן די גאַנצע צייט געהאַט געטרייסט דעם טאַטן, אַז איך וועל זיכער פון וועג צוריקומען. איצט איז עס מקויים געוואָרן.

איך האָב אַלץ גענוי דערציילט, פון וואַגאָן און פונעם שווערן וועג. ערשט שפּעט ביי נאַכט האָב איך מיך שלאָפן געלייגט און געטראַכט: זאָל שוין קומען אַ בעסערער מאָרגן פאַר די יידן.

פּערל פּאָוסט ז״ל

22 חדשים ביי גויים באַהאַלטן

רעלטשע טויב מיט איר זון זענען געבליבן אין געטאָ. דאָ האָבן זיי פון פריער געהאַט זייער הויז מיטן אייער־סקלאַד. דער אייער־סקלאַד איז באַלד געוואָרן פול מיט מענטשן, על פּי רוב פון דער אַלטער שטאָט. צענדליקער משפחות האָבן זיך דאָ איינקוואַרטירט. זייערע פאַרמעגנס, די בעטגעוואַנטער מיט די קליידער, האָבן זיי פאַרשטעקט אינעם קעלער און געמיינט אַזוי אַרום אָפּצוראַטעווען די לעצטע רעשטלעך. דער סוף איז געווען, אַז נאָך דער אַקציע האָבן די נאַציס אויפגעדעקט דאָס באַהעלטעניש, אויסגעקליבן פאַר זיך די בעסטע בעטגעוואַנט און וועש און אויפן רעשט געמאַכט אַ עפנטלעכן אויספאַרקויף. פּלאַקאַטן האָבן אָנגעזאָגט, אַז עס וועט זיין אַן אויספאַרקויף פון יידישע וועש, בעטגעוואַנט, קליידער און מעבל — זענען אַראָפּגעקומען גויים פון אַלע דערפער אַרום און געקויפט פאַר ביליק געלט די יידישע פאַרמעגנס. דאָס איז שוין געווען דעמאָלט ווען איך מיט מיין מאַן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אונדזער אייגן הויז ביי אַ גוי און ער האָט עס אונדז דערציילט. ער אַליין האָט דאָרט אויך געקויפט אַ סך זאַכן.

אין אייער־סקלאַד פון די טויבס זענען מענטשן געלעגן איינע לעבן די אַנדערע, מ׳האָט זיך קוים געקענט רירן. רעלטשע איז געווען זייער גוט צו אַלעמען. ביי דער לעצטער אַקציע בין איך אויך געווען באַהאַלטן ביי איר אין הויז. אפשר פופציק מענטשן זענען מיר געזעסן צוויי נעכט מיט אַ טאָג אין דער פינצטער. קינדער איז דאָרט געווען אַ גאַנצער באַרג, האָט מען זיי געגעבן שלאָף־געטראַנק, זיי זאָלן שלאָפן און נישט דאַרפן עסן, און נישט וויינען. אַ סך קינדער זענען פון דעם מער נישט אויפגעקומען. מ׳האָט געחלשט פון ענגשאַפט און פונעם שלעכטן ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט פון דעם שכנותדיקן אָפּטריט.

איך בין געווען די ערשטע וואָס בין פון דאָרט אַרויס. פון טריקעניש אין האַלדז איז מיר אָפּגענומען געוואָרן דאָס קול. איך האָב מיך אומגעקוקט. מ׳האָט נישט געזען קיין מענטש אין גאַס. איך בין אַריין אין אַ הויז — פּוסט, ליידיק. קיין מענטשן זענען דאָ נישט געווען. אַלץ אָפן, הפקר. אַלע אויסגעהרגעט, אָדער פאַרשיקט אין די גאַז־אויוונס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר מענטשן. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט אַרויסצוקומען אין גאַס, און געלעבט אויף די ביידעמס. דעמאָלט האָט מען שוין געהאַט פאַרשיקט אַפילו דעם יודנראַט מיט די משפחות. דער פּרעזעס פונעם יודענראַט יאָסל טויב האָט באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען פונעם צוג און איז אַריין אין אַ דאָרף צו אַ באַקאַנטן גוי, וואָס האָט אים אויסבאַהאַלטן ביז צו דער באַפרייונג. ער איז איצט אין פּאַריז. נאָך דער באַפרייונג האָב איך אים באַגעגנט, האָט ער מיר דערציילט, אַז זיין פרוי האָט אים געראָטן אַראָפּצושפּרינגען און זי מיט אירע צוויי קינדער וועלן נעמען סם. און אַזוי איז טאַקע געווען.

דאָ אָבער, וויל איך דערציילן, ווי אַזוי מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן.

אין געטאָ־צייט האָט מיין יינגל געטאָן צוואַנגס־אַרבעט ביי דער באַן. האָט ער גערעדט מיט איינעם אַ באַן־אַרבעטער,

וואָס איז געווען אַן איינוווינער ביי אונדז, אַז איך מיט מן מאַן וועלן אים פאַרשרייבן אונדזער הויז און דערפאַר זאָל ער אונדז נעמען צו זיך אויף אַ קורצער צייט ביז מען וועט זיך אומזען ערגיץ צו פאָרן, למשל קיין אונגאַרן. דער איינוווינער האָט נישט געענטפערט. ער מוז, האָט ער געזאָגט, פרעגן זיין פרוי. צומאָרגנס האָט ער אָפּגעזאָגט, זיין פרוי איז נישט מסכים.

אַ צוויי וואָכן שפּעטער זוכט אָפּ דער גוי מיין ייִנגל און זאָגט צו אים, אַז איצט קען ער אונדז שוין נעמען צו זיך, ווייל זיין טאָכטער איז פּלוצעם געפאַלן און געשטאָרבן, אַזוי אַז די פרוי זיינע מוז אַהינפאָרן צו פּילנעווען די איבערגעבליבענע פינף קליינע קינדער און ער בלייבט איינער אַליין אין דער וווינונג.

מיר האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פונעם געטאָ און אַריין צום גוי. אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קומט די גויעטע אַהיים. וואָס איז? זי האָט זיך צעקריגט מיטן איידעם, און טרעפט אונדז אין איר דירה. די גויע רייסט זיךביים קאָפּ, וואָס איר מאַן האָט אונדז אַריינגעלאָזט, און דערצו האָט זי נאָך מיטגענומען צוויי אייניקלעך, מיידעלעך פון 7 און 9 יאָר... עס איז ווירקלעך געווען אַ גרויסע געפאַר. און פאַר אַ צוגאָב, האָט נאָך געוווינט אַ געסטאַפּאָ אין דער דירה פון וועלכער



הגבאי ר' ישראל ואשתו, הורי כותבת המאמר
ר' ישראל גבאי און זיין פרוי — די עלטערן פון פ' פערל פאוסט

מיר זענען אַרויס, דאָס הייסט פון יענער זייט וואַנט. דאָ איז געווען אַ סכנה צו רעדן אַ וואָרט, ווייל מ'האָט אַלץ אַריינגעהערט.

די גויע יאָגט אונדז אַרויס, מיר זאָלן ש ו י ן פאַרלאָזן די שטוב, ווייל זי וויל נישט האָבן ביי זיך קיין ייִדן.

איך בעט זיך, זי זאָל אונדז איבערלאָזן ביז עס וועט נאַכט ווערן. און אַזוי זיצן מיר מיט די פּעקלעך אין די הענט נאָר אַרויסצוגיין. אין דעם קומט אַריין דאָס נייניעריקע שיקסעלע און פרעגט פאַרוואָס מיר זיצן אַזוי. זאָגט די גויע, אַז זי יאָגט אונדז אַרויס, אָבער דאָס קליינע שיקסעלע טוט אַ קלאַפּ מיט די הענט און זאָגט, אויף פּויליש: „באָבעשי, אַז זיי וועלן אַרויסגיין, וועט מען אונדז שיסן, ווייל זיי וועלן זיכער אויסזאָגן, אַז זיי זענען געווען ביי אונדז!" און באַלד גיט זי אַן עצה: מען זאָל נעמען די שאַנק וואָס ביי דער טיר און שטעלן זי אין ווינקל און דאָרט זאָלן מיר זיצן ביז מען וועט קענען אַרויס. און אַזוי זענען מיר אָפּגעזעסן אויף צוויי קליינע קלעצלעך, איך מיט מיין מאַן, צוויי און צוואַנציק חדשים.

ווי לאַנג מיר האָבן געהאַט געלט, האָבן מיר געלעבט מיט בלויז ברויט, ווייל מיר האָבן גערעכנט, אַז באַלד וועט אונדז אונדזער זון אַרויסנעמען און מיר וועלן דאַרפן האָבן געלט. דערווייל האָט אונדז אונדזער ייִנגל צוגעשיקט מיט דעם גוי פון דער באַן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך געווען צום עסן. אָבער נאָך דריי חדשים צייט, האָט עמיץ געמסרט מיין ייִנגל, אַז ער האָט גערעדט מיט אַ גוי דורך די דראָטן פון געטאָ, האָט מען אים באַלד אַרויסגעפירט אויפן בית־הקברות מיט דער לאָפּעטע אויפן אַקסל און ער האָט זיך אַליין געמוזט אויסגראָבן אַ גרוב און אַריינלייגן אינעווייניק, און אַזוי האָט מען אים געשאָסן. אַזאַ טראַגישן טויט האָט ער נעבעך געהאַט פון די היטלערישע רוצחים.

ווי לאַנג אונדזער ייִנגל האָט געלעבט און צוגעשיקט עסנוואַרג פאַר אונדז, האָט דער גוי דערפון אויך גענאָסן, און אַזוי לאַנג איז ער נאָך געווען גאַנץ גוט. אָבער אַז מיין ייִנגל איז מער נישט געווען, האָבן די גויים אונדז אָנגעהויבן צו פייניקן: זיי מוזן אונדז הרגענען! זיי ווילן אונדז נישט האַלטן, אָבער אַרויסלאָזן אונדז קענען זיי נישט, ווייל זיי זענען אין אַ סכנה. אין דער אמתן זענען זיי געווען אין גרויס געפאַר, ווייל מען האָט אַריינגעהערט יעדעס וואָרט דורך דער טיר. זיי האָבן אונדז נאָר געפרעגט, וואָס פאַר אַ טויט מיר ווילן ליבער: סמען אָדער די קעפּ אַראָפּשניידן, אָדער לעבעדיקערהייט באַגראָבן. מיר האָבן דערויף גאָרנישט געענטפערט. מיר האָבן געהאָפט, אַז דער אַלמעכטיקער קען העלפן. צוויי מאָל האָט אונדז טאַקע דער גוי געפרוווט פאַרסמען, אָבער דער רבונו של עולם האָט אונדז מציל געווען.

איינמאָל האָט ער אונדז געזאָגט, אַז מאָרגן וועט מען גיין זוכן ייִדן צווישן די קריסטן. ער האָט געהאַט אין שטוב אַ גרובע פון אַ מעטער די לענג און אַ מעטער די ברייט און טיף. האָבן מיר זיך געמוזט אַריינלייגן און ער האָט אויף דעם אַרויפגעשטעלט די שאַנק, צוגעדעקט די גרובע און איז אַרויסגעגאַנגען. מיר זענען אין דער גרובע שיר נישט דערשטיקט געוואָרן. מיר האָבן נישט אויסגעהאַלטן, און מיין מאַן האָט געפּרוווט אויפהייבן די דעק מיט די פיס, אַזוי אַז די שאַנק האָט זיך אַ ריר געטאָן. ווי דער גוי האָט דאָס דערהערט, האָט ער מורא באַקומען מיר זאָלן נישט מאַכן אַ געשריי, האָט ער די שאַנק אַוועקגערוקט. מיין מאַן איז אַרויס און איך בין געבליבן ליגן אַ האַלב טויטע. זיי האָבן מיך אַרויסגעשלעפּט און באַגאָסן מיט וואַסער, ביז איך בין ווידער צו זיך געקומען.

מיר זענען ווידער געזעסן הינטער דער שאַנק. אָבער באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות. זיי האָבן געשלאָגן, נישט געגעבן צו עסן, אַפילו נישט קיין טרינק וואַסער. הינטער דער שאַנק האָבן מיר אויך געמוזט האָבן אונדזער „טואַלעטע" —

אַ קליינע פּושקע פון מאַרמעלאַד האָט געמוזט גענוג זיין פאַר צוויי דערוואַקסענע מענטשן פאַר 24 שעה. נישט געווען ווו צו לאָזן דעם אורין. מיר זענען געזעסן אין אַ שיין צימער מיט מעבל און אַז די גויים זענען נישט געווען אין דער היים, האָב איך געלאָזט די אורין אין אַ וואַזע, אָבער נישט אַלעמאָל האָט מען דאָס געקענט. עס איז געווען אַן אָפן קלאָזעט אין גאָרטן, וואָס איז באַנוצט געוואָרן אויך דורכן געסטאַפּאָ־מאַן. האָט דער גוי מורא געהאַט, טאָמער וועט דער געסטאַפּאָ־מאַן דערקענען אַז עס ווערט באַלד פול. האָט ער אונדז נישט געגעבן צו עסן, מיר זאָלן נישט דאַרפן די טואַלעטע. דער גוי האָט אויך רעכט געהאַט. און אַזוי זענען מיר געזעסן 22 חדשים און געהונגערט מיט אַ פּעניצל ברויט אַזוי גרויס ווי פיר פינגער אין דער פרי, און צו נאַכט מיט אַ ביסל שוואַרץ קאַווע־וואַסער.

איינמאָל זאָגט דער גוי צו מיר, איך זאָל אַליין אַרויסטראָגן די טואַלעטע. איך בין געווען צופרידן צו האָבן אַליין די ערע. געגן טאָג, קומט ער צוגיין און רופט מיך איך זאָל אַרויסטראָגן די כלי. איך נעם און גיי, און קום אין קאָרידאָר. דער הייסט מיך אַנידערשטעלן די כלי און גיט מיך אַ וואָרף אַנידער אויף אַ בונט שטרוי און הויבט מיך אָן צו ווערגן. איך האָב אין אַנהייב געמיינט, אַז ער מאַכט זיך אַ שפּאַס, אָבער ער מיינט עס גאַנץ ערנסט מיך צו דערווערגן. איך בעט אים ער זאָל מיך אָפּלאָזן, אַזוי לאַנג אַז איך האָב שוין מער קיין שטימע נישט געהאַט. איך זע, אַז עס זענען שוין מיינע לעצטע מאָמענטן, האָב איך צוזאַמענגענומען אַלע כוחות און אויסגעשריגן ש מ ע י ש ר א ל מיט אַ קול ווי פון אַ געשאָכטענעם אָקס. האָט דער גוי זיך דערשראָקן פאַר מיין קול, דערצו האָט ער מורא באַקומען, דער געסטאַפּאָ־מאַן וואָס האָט געוווינט אין דעם זעלבן הויז זאָל נישט דערהערן. ערשט דעמאָלט האָט ער מיך אָפּגעלאָזט.

איצט האָט ער ווידער אָנגעהויבן מיט סם. צוויי מאָל האָט ער אונדז צוגעשטעלט סם, עס איז אים אָבער נישט געלונגען.ביים צווייטן מאָל, האָב איך איינגעטונקען אַ ביסן ברויט וואָס איז געווען פאַרשימלט און אויסגעדאַרט, און האָב עס אַראָפּגעשלונגען. ביז היינט האָב איך אַ אָפּגעבריטן ווּשט. ער האָט אונדז געפּייניקט און געמוטשעט. אַז מיין מאַן האָט זיך ביינאַכט אַ ביסל אויסגעצויגן אויף דער ערד און דער גוי איז צוגעקומען, ווייל ער האָט אונדז שטענדיק געפּילנעוועט, האָט ער דעם מאַן מיינעם געקאָפּעט מיט די פיס און געשלאָגן. מיר האָבן געמוזט זיצן די גאַנצע נאַכט אויף די קליינע קלעצעלעך. בייטאָג פלעגן מיר אויפשטיין כדי זיך אויסצוגלייכן די ביינער.

שווער צו באַשרייבן ווי אַזוי מיר האָבן דורכגעקומען די צוויי און צוואַנציק חדשים. איינמאָל האָבן מיר געהערט ווי דער גוי זאָגט צו זיין ווייב, אַז מאָרגן וועט ער מיט אונדז מאַכן אַ סוף. זי זאָל אַוועקגיין מיט די קינדער פון דער היים. פיר טעג פריער האָבן זיי אונדז נישט געגעבן צו עסן , אַפילו נישט דערלאַנגט אַ טראָפּן וואַסער. זיי האָבן אונדז געוואָלט אָפּשוואַכן, כדי עס זאָל זיין גרינגער אונדז צו הרגענען.

מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז די רוסן זענען שוין דעמאָלט געווען הינטער דעמבּיץ. מיר האָבן נישט געהאַט קיין באַגריף ווי עס האַלט מיט דער קריג. אַז עס איז געקומען דער מאָרגן, הערט מען נישט קיינעם אין דער וווינונג. דער געסטאַפּאָ־מאַן האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעצויגן פון הויז. עס איז זייער שטיל אַרום. מיר רוקן אַוועק אַביסל די שאַנק און איך גיי צו דער טיר און קוק דורך דעם שליסל־לאָך. איך זע, אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ. איך גיי צוריק צו מיין מאַן און זאָג אים: חיים, פאָלג מיך, אפשר וועט איצט זיין אַ נס מן השמים און דער באַשעפער וועט זיך דערבאַרעמען איבער אונדז. לאָמיר אַרויסלויפן. מיין מאַן לאָזט זיך נישט זאָגן דאָס צווייטע וואָרט און מיר גייען גיך אַרויס. פיר וואָכן פריער האָט זיך טאַקע מיין מאַן געחלומט, אַז דער הייליקער רבי ר׳ שמואל זצ״ל זאָגט צו אים: זאָלסט וויסן, אַז נאָר פיר וואָכן וועסטו דאָ נאָך זיצן.

די גויה האָט געזען ווי מיר לויפן אַרויס און האָט אונדז געוואָלט נאָכלויפן, אָבער אויפן שאָסע איז געשטאַנען היטלעריש מיליטער. מיר זענען פונדעסטוועגן ווייטער געגאַנגען. איך פון איין זייט, מיין מאַן פון דער צווייטער. די פיס זענען אונדז געווען איינגעשרומפּן און אַזוי גייענדיק, זענען מיר עטלעכע מאָל געפאַלן. די סאָלדאַטן האָבן אונדז געזען, אָבער דער רבונו של עולם האָט זיי געמאַכט צו נאַרן. זיי האָבן אַוודאי געמיינט, אַז מיר זענען ציגיינער, אַזוי פאַרשוואַרצט זענען מיר געווען פון נישט־וואַשן זיך צוויי און צוואַנציק חדשים.

מיר זענען געגאַנגען שמוציקע, אָפּגעריסענע און באַוואַקסענע מיט האָר, און זיי זענען אונדז נאָכגעגאַנגען און געלאַכט אַלע מאָל ווי מיר זענען געפאַלן. אַזוי האָבן מיר זיך דערנענטערט צו אַ זשיקע. זענען מיר ווייטער געגאַנגען מיטן ברעג פונעם וואַסער, ביז מיר זענען געקומען צווישן צוויי היכּע בערגלעך, וואָס האָבן אונדז פאַרשטעלט. דאָ האָבן מיר זיך פריער גוט אָנגעטרונקען מיט וואַסער, וואָס מיר האָבן שוין אַ פּאָר טעג נישט פאַרזוכט. דערנאָך האָבן מיר אויסגעטאָן אַלץ וואָס מיר האָבן אויף זיך געהאַט, אַפילו דאָס העמד פון לייב, און האָבן דאָס אַלץ אויסגעוואַשן אין דער זשיקע. עס איז געווען מער לייז ווי פעדעם, ווייל שוין פיר חדשים האָבן מיר דאָס העמד נישט געביטן. די לייז האָבן געפרעסן אונדזער לייב און מיר האָבן געהאַט איבעראַל פול, אַפילו אין די שיך און זאָקן — יעדע לויז איז געווען גרויס ווי אַן אַרבעס.

אַזוי זענען מיר געזעסן אין דער זשיקע און אויסגעגראָבן זיך קאַרטאָפל פון פעלד. דאָס איז געווען אין חודש אלול און עס איז שיין געווען אין דרויסן. איצט איז שוין געווען גוט. מיר האָבן געטרונקען זשיקע־וואַסער און צוגעגעסן רויע קאַרטאָפל. אַז עס איז טונקל געוואָרן, האָבן מיר מער נישט געקאָנט זיצן אין דער זשיקע. אָבער ווי מיר גייען אַרויס פונעם וואַסער, דערזעט עס אַ שייגעץ, לייגט צו צוויי פינגער צום מויל און אויף זיין פייף קומען צו לויפן אפשר צען שקצים און שלעפּן אונדז צו דער קאָמאַנדע. דעמאָלט איז די קאָמאַנדע שוין געווען אין דאָרף, ווייל אין שטאָט איז שוין געווען אַריינגעדרונגען דער רוס. ווען מ׳האָט אונדז געשלעפּט צו דער קאָמאַנדע, איז דער דייטשער קאָמענדאַנט געשטאַנען

אין דרויסן. ער מאַכט נישט מיט אונדז קיין שום פּראָטאָקאָל, נאָר נעמט אַ סאָלדאַט מיט אַ געווער און הייסט אונדז אָפּפירן אויף אַ געוויסן פּלאַץ צו שיסן. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? מיר האָבן געמוזט גיין. מיר זענען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, שרייט מען אונדז נאָך: האַלאָ, האַלאָ! דער מיטן געווער הייסט אונדז שטיין בלייבן און זאָגט: מען רופט צוריק! מען מוז צוריקגיין.

זאָגט דער קאָמענדאַנט צו אונדז: מיר זאָלן צוגיין דאַנקען דעם אַלטן פּאָרפּאָלק, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, ווייל זיי האָבן געבעטן פאַר אונדז, מען זאָל אונדז נישט שיסן. דאָס זענען זיכער געווען צוויי מלאכים פון הימל. דערנאָך הייסט ער אונדז זאָפאָרט אַרויסגיין פון דאָרף און ווייזט אונדז מיטן פינגער ווו צו גיין. ס'איז אָבער שוין געווען זייגער אַכט אין אָוונט און גיין ביינאַכט אַליין אין פעלד איז געווען אַ סכנה. האָבן מיר זיך געלייגט צווישן קאַרטאָפל אין פעלד און דאָרט איבערגענעכטיקט.

אָבער באַלד אין דער פרי, ווי מיר גייען אַרויס אויפן וועג, טרעפן אונדז שקצים און שלעפּן אונדז ווידער צו דער קאָמאַנדע. מיר דערציילן די היטלעריסטן, אַז מיר זענען שוין דאָ געווען און מיר זענען באַפרייט געוואָרן, אָבער זיי ווילן נישט הערן. מען ברענגט אונדז פאַר אַ צווייטן קאָמענדאַנט, און איך דערצייל אים ווי מיר זענען דאָ נעכטן באַפרייט געוואָרן דורך דעם קאָמענדאַנט. ער וויל זיך אָבער נישט מעכטיקן, נאָר שיקט אונדז אונטער געווער צום הויפּט־קאָמענדאַנט. ווי מיר קומען צו, גייט ער אַראָפּ צו אונדז, ווייל מיר זענען נישט געווען אימשטאַנד אַרויפצוגיין אויף די טרעפּ, און זאָגט צו אונדז: „אַבער האַבן די לויטע זי גוט פערפלעגט!" ער הייסט אונדז שטיין, ברענגט אַרויס צוויי שיינע שטיקער ברויט און דערלאַנגט עס אונדז. איך וויל נישט נעמען און זאָג צום קאָמענדאַנט: צום טאָט בראוכע איך קיין בראָט. גלעט ער מיך ביי דער האַנט און זאָגט: „ניין, זי ווערדן ניכט ער־שאָסן, נור גייען זי מיט דיזעם וועג אין דער וואַלד. דאָרט אַבער זינד באוערן־הויזער, דאָרט ווערדן זי געטייט".

און אַזוי איז געווען. אַכט טעג און אַכט נעכט זענען מיר געלעגן יעדע נאַכט אין אַ צווייטן וואַלד, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, אפשר האָט מען אונדז געזען. ביז עס האָט אונדז באַגעגנט אַ פּאַטראָל פון די רויטע רוסן, וואָס האָט געזוכט ווו זענען די דייטשן. מיר האָבן זיי געוויזן דעם וועג. און דאַן האָבן זיי אונדז געפירט צו אַ יידישן אָפיציר פון דעם רוסישן מיליטער. מיר זענען געווען באַפרייט.

בען שטיינהויער

איינער איז ניצול געווארן

אין יאָר 1942 בין איך מיט נאָך 29 חברים פון דעמביץ צוגעטיילט געוואָרן צו אַרבעטן ביי דער בוי־פירמע פירסט־ריכטער. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, צוועלף שעה אין טאָג. זי איז באַשטאַנען אין טראָגן ציגל אויף אַ קאָזלע, דרייסיק ציגל אויף אַ מאָל. דערפון האָב איך באַקומען אָפּגע־ריבענע אַקסל, אַזוי אַז דאָס בלוט האָט פון מיר גערונען. איך האָב אָבער געמוזט שווייגן און אַרבעטן. ווינטער־צייט, ווען ס'איז מיר בעסער געוואָרן מיט די אַקסל, האָט זיך מיר פלוצים געמאַכט אַ געשוויר אויפן רעכטן פוס און ס'איז מיר שווער געווען דאָס בלויזע אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

איין גאָט ווייס, וואָס איך האָב מיך אָפּגעליטן. יעדן טאָג בין איך געגאַנגען אין אַמבולאַנס, האָט מען מיר צוגעלייגט מים־אחרונים־וואַסער און מ'האָט מיר גאָרנישט נישט געהאָלפן. דאָס האָט געדויערט איבער דריי חדשים. און אַז דער רעכטער פוס האָט זיך מיר שוין פאַרהיילט, האָט זיך מיר אין אַ קורצער צייט אַרום געמאַכט אַ געשוויר אויפן לינקן פוס. מיינע ליידן זענען געווען נישט צו באַשרייבן און דערצו האָב איך געמוזט גיין יעדן טאָג צו דער אַרבעט. איינמאָל האָב איך געבעטן דעם דאָקטאָר, דאָס איז געווען אונדזער דעמביצער י. טוי (איצט אין אַמעריקע), ער זאָל מיר געבן אַ דערלויבעניש צו בלייבן אין לאַגער אַ טאָג אָדער צוויי. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין פיבער און לויט די פאָרשריפטן פון געסטאַפּאָ האָט ער מיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער אַרבעט.

אַזוי האָב איך מיך אָפּגעמאַטערט ביז סוף 1942. ווען עס איז מיר ווידער בעסער געוואָרן, האָב איך געמיינט, שוין אָפּגעקומען אַלע צרות. אָבער אָנהייב 1943, האָט זיך מיר ווידער געמאַכט אַ געשוויר אויפן לינקן פוס, נאָר אויף אַן אַנדער אָרט. אַז איך וועל דאָס אויסהאַלטן נישט קריגנדיק די געהעריקע מעדיצין, וואָלט איך נישט געגלייבט קיינמאָל אין מיין לעבן. איך בין ווידער געגאַנגען אין אַמבולאַנס יעדן טאָג, מ'האָט מיר פאַרבאַנדאַזשירט דעם פוס און מיך אַהיימגעשיקט. אַזוי האָט עס געדויערט ביז דעם 23־טן פעברואַר 1943. ווען איך בין יענעם טאָג געקומען אין אַמבולאַנס נאָך דער אַרבעט, האָט מיר דאָקטאָר טוי פאַרבאַנדאַזשירט דעם פוס. ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט ער מיר געהייסן בלייבן. ער איז אַוועק אין צווייטן צימער און עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען מיט אַ דערלויבעניש צו בלייבן דעם אַנדערן טאָג אין לאַגער. איך האָב עס גאָר נישט געוואָלט גלייבן, אַז נאָך דעם ווי ער האָט מיר אַזויפיל מאָל אָפּגעזאָגט, ברענגט ער מיר איצט אַליין אַ דערלויבעניש, כאָטש איך האָב אים נישט געבעטן.

צומאָרגנס דעם 24־טן פעברואַר 1943, ווען אַלע גרופּן זענען ווי אַלע טאָג געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָב איך נישט געהאַט דאָס מינדסטע געפיל, אַז אַ שוואַרצער וואָלקן הענגט איבער מיינע בעסטע חברים, וואָס גייען איצט אַרויס צו דער אַרבעט.

ערשט אָוונטצייט, ווען די גרופּע האָט געזאָלט צוריקקומען און זי האָט זיך פאַרשפּעטיקט, ביז איך אומרויק געוואָרן. איך האָב נאָכגעפרעגט ביי די אַנדערע גרופּן וואָס זענען צוריק־געקומען פון דער אַרבעט. זיי האָבן אָבער נישט געוווסט

וואָס צו זאָגן. ערשט אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער, האָב איך מיך דערוווּסט, אַז די גאַנצע גרופּע איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און באַן־פּאָליציי בעת זי איז שוין געווען אויפן וועג צוריק אין לאַגער. אַן אימה איז מיך באַפאַלן. דערווייל איז שוין דער גאַנצער לאַגער געווען אויפגערודערט. באַלד איז אַרויס דער לאַגער־פירער אימערגליק און דער שעף פון דער פּאָליציי ביטקאָווער אויסצוגעפינען פאַר וואָס האָט מען די מענשן אַרעסטירט. מען האָט זיי אָפּגעפּטרט מיט פאַרשידענע תירוצים און ביזן היינטיקן טאָג ווייס מען נישט פאַרוואָס האָט מען זיי אַרעסטירט. דעם זעלבן אָוונט האָט מען זיי אַלע דערשאָסן אויף אַ פעלד לעבן לאַגער מיט נאָך עטלעכע יידן.

איך ווייס נישט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שיסעריי, נאָר אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, האָב איך מיר געפונען ביי מיין עלטערן ברודער אין שטוב, אויך אין לאַגער.

ווידער זענען די רעשט מענטשן פון לאַגער ווי געוויינלעך אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַ־סירט. מיך אָבער האָט מען געמוזט באַהאַלטן, ווייל איך בין געווען אויף דער ליסטע פון די אומגעקומענע.

אין חודש מערץ האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פונעם לאַגער. דעמאָלט האָט מיך דער לאַגערפירער אימער־גליק אַריינגעשמוגלט אין דער גרופּע אָפּגעבאַך, ווו ס׳האָבן געאַרבעט מיינע צוויי ברידער, און נאָך דעמזעלבן חודש זענען מיר אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין רישא אין געטאָ.

דאָ רעכן איך אויס אַ טייל פון די אומגעקומענע חברים פון 23־טן פעברואַר 1943, אויף וויפיל איך געדענק זייערע נעמען:

חיים הערבסט; משה פערציגער; לייביש פערציגער; יוסף ראַשוואָלד; שלמה ריינער; משה קירש; אלכין (פאַמיליע); יעקב סאלאמאָן; יוסף אייזען; יוסף ראט; אשר וואגשאל.

דאָס זענען אַ טייל פון די מענשן, וואָס זענען דעמאָלט אומגעקומען אויף קידוש השם ת. נ.צ.ב.ה.

אזוי זענען זיי אומגעקומען

ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען דעמביץ, האָט אויפ־געהערט צו אַרבעטן די קהילה און צוזאַמען דערמיט איז דער רב, ר׳ הערש מלך, אַ זון פון דעמביצער רבין ר׳ שמואל האָראָוויץ, געבליבן אינגאַנצן אָן פרנסה. ער מיט דער רעביצין, — אַ טאָכטער פונעם בלאָזשעווער רבין, וואָס מ׳האָט זיך דערציילט, אַז ער זיצט אויף אַ גילדערנער שטול, און ער איז באמת געווען גאָר אַ גרויסער בעל־מופת —, צוזאַמען מיט זייערע פיר טעכטער, לויטער שענהייטן, וואָס זי האָט געבוירן בנס אַכצן יאָר נאָך זייער חתונה, האָבן געליטן פון הונגער, קעלט און שמוץ. צומאָל נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַ שטיקל זייף צום וואַשן.

אין קאַלטן וואַסער, ביי די גרויסע פרעסט, האָט די רעביצין אַליין געוואַשן די העמדלעך פון די קינדער. עס איז ביי זיי אין שטוב נישט געווען אַ שטיקל האָלץ אָנצוואַרעמען אַ ביסל וואַסער, און געבן די קינדער עפּעס וואַרעמס צום טרינקען.

פאַר היטלערס צייטן איז דער רב ר׳ הערש מלך געווען אַ גרויסער עושר, געהאַט געלט אין די בענק. צו יעדן קינד האָט מען געהאַלטן אַ באַזונדערן משרת. איז איצט דער צער געווען נאָך גרעסער. קיינער איז אַהין נישט אַריינגעקומען, ווייל מ׳האָט מורא געהאַט צו גיין איבער דער גאַס.

איך בין געווען אַ נאָענטע שכנה צו זיי און איך פלעג יאָ אַריינקומען. יעדעס מאָל איז דאָס געווען אַ גרויסע שמחה ביי זיי, ווייל איך בין נישט געקומען מיט ליידיקע הענט. איך פלעג אויך גיין צום לאַגער־פירערס פרוי, און זי פלעג מיר געבן פאַר די קינדער אַ ביסל צוקער, אַ ביסל גריס און דעסגלייכן.

געווען אַ סך טעג, וואָס דער רב מיט דער רעביצין האָבן געפאַסט, ווייל דאָס שטיקל שוואַרצע ברויט האָבן זיי געדאָרפן פאַר די קינדערס וועגן. דאָס איז געווען אַזאַ מין צער וואָס קיינער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן. עס האָט זיך עמיץ געזאָלט דערבאַרעמען און געדענקען, אַז דער רב מיט די פיר קינדער — איין צווילינג פון 5 יאָר און צוויי אַנדערע 2⅓ און 3¼ יאָר אַלט, מאַטערן זיך אַזוי. עס איז געווען אַ קללה פון דער תוכחה לא עלינו.

ביז דער ערשטער אַקציע איז דער רעביצין געלונגען זיך צו באַהאַלטן מיט אַלע פיר קינדער. אָבער ווי באַלד זיי זענען אַרויס פונעם באַהעלטעניש, האָט זיי געטראָפן אַ היטלעריסט און אויס... ער האָט דער רעביצין אַרויסגעריסן די קינדער פון אָרעם און דערשאָסן אַלע, איר אין די אויגן. זי האָט אים געבעטן ער זאָל זי אויך שיסן, און ער האָט טאַקע אַזוי געטון.

דעם רב, ר׳ הערש מלך, האָבן די נאַציס פאַרברענט אין מעליץ.

ביילטשע דער רעביצינס, אַזוי האָט מען גערופן דעם רבין ר׳ שמואל׳ס טאָכטער, איז געווען באַהאַלטן מיט אירס אַ מיידל מרים ביי אַ גוי. האָט ער זיי אויסגעליווערט די דייטשן. מען האָט זיי אַרויסגעפירט אויפן בית־הקברות און דערשאָסן.

ר׳ חיים יאָקעלע, דעם רבין ר׳ שמואל׳ס זון, האָבן די דייטשן דערשאָסן צוזאַמען מיט זיין פרוי און שוויגער און דריי אָדער פיר מיידלעך. מיכלע, — איר מאַן איז געווען ראדאמישלער רב, — איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט אירע פינף קינדער. צו ערשט די קינדער, דערנאָך זי, מיכלע. דער רב איז לעבן געבליבן אין אַ לאַגער, איצט געפינט ער זיך אין אַמעריקע.

נחמטשע׳ן, דעם רבין ר׳ שמואל׳ס טאָכטער און אַ שנור פונעם סאַנדזער רבין, האָבן די נאַציס אַוועקגעפירט צום

פאַרברענען צוזאַמען מיט איר מאַן, ר׳ משה׳לע האלבערשטאם, און מיט פינף קינדער.

עטעלע, דעם דעמביצער רב׳ס טאָכטער, און איר מאַן, וואָס איז געווען רב אין שעדליסק, מיט זייערע זעקס קינדער, אויך פאַרהייראַטע מיט רבנים, זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

אויף אַ שרעקלעכן אופן זענען געשטאָרבן צוויי זין פונעם צדיק ר׳ אַלטער פעכטער מיט ר׳ זונדל גלאַנץ, אַן איידעם פון ר׳ ראובעלע קלוגער, און ר׳ ישראל פייגנבוים. בעת דער אויסזידלונג האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין אַ קעלער און גע־לאָזט זיך פאַרשליסן פון דרויסן. זיי זענען טאַקע ניצול גע־וואָרן פון די נאַציס, אָבער נאָך דער אויסזידלונג איז נישט געבליבן פון זייערע משפחות קיינער וואָס זאָל וויסן זיי אויפ־צושליסן, און אַזוי זענען זיי אין דער פינצטער אויסגעגאַנגען פון הונגער.

טאַנצנדיק און זינגענדיק איז געגאַנגען צו דער הריגה ר׳ יוסף לוי׳ס. זיין גאַנצע משפחה האָט מען אַוועקגעשיקט אין דער גאַז־קאַמער: מענדל ברענער מיט פינף קינדער, רחל ברענער מיט איר מאַן און קינד. די יינגסטע האָט מען אַרויסגענומען אַ נאַקעטע פון שפּיטאָל און אַוועקגעשיקט קיין בעלזשעץ.

מיט געזאַנג איז געגאַנגען צו דער שחיטה ר׳ דויד שוחט. צו די ס.ס. לייט, וואָס האָבן אים געשלעפּט, האָט ער געזאָגט: דעם גוף קאָנט איר נעמען, איבער מיין נשמה האָט איר נישט קיין שליטה!

ב. פ.



קבוצת ניצולים בדמביץ
אַ גרופּע געראַטעוועטע אין דעמביץ

משה אונגער (יאקוב)

ר׳ ישראל לייב פרענקל

הינטערן פראָסטן בית־מדרש און דעם חסידישן, דאָרט ווו דאָס באָד מיטן שעכטהויז, האָבן געוווינט די שיינע יידן פון דעמביץ — צוויי זיילן פון תורה און עבודה — ר׳ אלטער (פעכטער) און ר׳ ראובעלע (קליגער): ר׳ אלטער מיט כינע׳ן, מיט די זין ר׳ שמואל און ר׳ יודל, וואָס האָבן טאָג און נאַכט עוסק געווען אין לערנען, און ר׳ ראובעלע מיט זיינע פיר טעכטער, וואָס האָבן באַקומען פאַר מענער פון די שענסטע יונגעלייט אין גאַליציע. זיין יינגסטער טאָכטער, אסתרן, האָט מען געברענגט אַ חתן פון טארנע, אַ יונגיטשקן, אין גאַנצן צוואַנציק יאָר אַלט געווען צו דער חתונה — ר׳ ישראל לייב פרענקל.

אין יאָר 1931, ווען ר׳ ראובעלע איז נפטר געוואָרן און מען האָט אים גענומען אין חסידישן בית־מדרש צו מאַכן דעם הספד, זענען די געשעפטן אין דעמביץ פאַרמאַכט געוואָרן, דעסגלייכן אַלע חדרים און די תלמוד־תורה. סיי די אַלטע סיי די נייע שטאָט זענען געקומען אָפּגעבן אים דעם לעצטן כבוד. נשים האָבן געוויינט אויפן הויכן קול און פאַרנומען די ווייבער־שול, די מענער, בחורים און קינדער זענען געווען אין בית־מדרש און אַרום ביי די אָפענע פענצ־טער. דער גבאי, שמואל העכט, האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער לכבוד דעם נפטר און באַלד דערנאָך איז צוגעגאַנגען מספיד זיין ר׳ ראובעלעס יינגסטער איידעם, ר׳ ישראל לייב, — אַ הויכער, שלאַנקער מיט אַ שוואַרצן בערדל און גרויסע שוואַר־צע אויגן, וואָס האָבן געזען אַ מענטשן דורך און דורך. קוים האָט ער געעפנט דאָס מויל מיט זיין וווּנדערלעכן חיתוך־הדיבור זענען אַלע מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. אַלע זענען געווען גערירט ביז אין דער טיף פון די טרויעריקע לויב־רייד. ס׳האָט זיך זיי דעמאָלט געדאַכט, אַז ער הייבט זיי אויף הייכענישן, וואָס מענטשן דערגרייכן זעלטען ווען.

שיינע יידן פון דער אַלטער שטאָט, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל געהערט ר׳ ישראל לייבן, האָבן איינגעטענהט מיט שלמה יאקוב׳ן, זיין נאָענטסטן חבר, למען השם מ׳זאָל זען נוצלעך צו מאַכן דעם אויסערגעוויינלעכן מענטשן און ביי שלמה יאקובן האָט געקוואָלן דאָס האַרץ, אַז זיין נאָענטסטער חבר, ר׳ ישראל לייב, איז נתגלה געוואָרן. זיי ביידע זענען געווען בעלזער חסידים, געהאַלטן דעם בעלזער פאַרן צדיק יסוד עולם. נאָר מיט דער צייט, האָט שלמה אַלץ מער גענומען האָפן אַז ר׳ ישראל לייב אליין איז בכוח אויפצושטעלן אַ דור יידן, וואָס די תורה זאָל פון זיי שיינען.

און שלמה יאקוב האָט נישט געשוויגן, דערציילט לייזער אָלינגן און הערשל פויסטן וועגן די שבתדיקע דרשות, וואָס ר׳ ישראל לייב פלעג האַלטן אויף דער נייער שטאָט מיט אַזויפיל תורה, הכמה און וויסנשאַפט. אלא וואָס? דער שטן האָט זיך אַריינגעמישט. טרעפט זיך אַז אַ ייד געפינט אין ר׳ ישראל לייבנס דרשה אַ וואָרט וואָס שטאַמט פון השכלה אָדער חיצונים, און ער נעמט שיטן פייער און שוועבל, באשר מן הסתם האָט ר׳ ישראל לייב פאַרזוכט פון יענער מעשה, און אַזאַ מענטש טאָר מען נישט האָרכן. אַז דער גרויסער ענו און ירא־שמים ר׳ ישראל לייב האָט דאָס דערהערט, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן: מן הסתם בין איך זינדיק, מיין מויל איז נישט ריין און נישט ווערט צו דרשענען פאַר אַזעלכע טייערע יידן, וואָס יעדער פון זיי איז טויזנט מאָל מער ווערט פון מיר. מן הסתם האָב איך געהאַט מחשבות זרות. איך וועל בלי נדר מער נישט דרשענען. און אַזוי איז פאַרבליבן.

שלמה אַלייך איז געווען אַ בחור מיט אַ שאַרפן קאָפּ, פרום ביז גאָר און אַ בעל־דעת. האָט ער אַריינגענומען צוויי האָר פון זיין בערדל אין מויל אַריין און אַ זאָג געטאָן: איך האָב אַ גוטן פּלאַן. דעמביץ פאַרמאָגט אַלץ, נאָר נישט קיין ישיבה. וועלן מיר שאַפן אַ ישיבה מיט ר׳ ישראל לייבן בראש. ער וועט געבן די יינגלעך אַ שיעור און ס׳וועט וואַקסן אַ דור — אַ מוסטער פאַר גאַליציע, פאַר פוילן, פאַר דער וועלט! און טאַקע אייער זלמן, ר׳ לייזער, און אייער ראובעלע, ר׳ הערשל, וועלן האָבן ווו צו לערנען. און די צוויי האָבן מסכים געווען און בעלי־בתים האָבן געהאָלפן דער פּלאַן זאָל צושטאַנד קומען, און אין יאָר 1935, האָט זיך געעפנט די ישיבה „לומדי־תורה", אקוראט דאָרט ווו ס׳איז געווען דער ספּאָרט־קלוב „בר כוכבא" און דער קלוב פון פועלי־ציון און אויך די מיידלעך־שול „בית יעקב". דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן הערן דאָס קול פון תורה. דאָרט האָט מען געלערנט צוואַנציק שעה אַ טאָג, געפירט פייערדיקע שמועסן וועגן חסידות, געפילפּולט זיך און פאַרטיפט אין גמרא, געשלונגען מיט דאָרשט די תורה. די שטאָלצע בחורימלעך זענען געווען ר׳ ישראל לייבס תלמידים.

נאָך די גרויסע אויפטוען פונעם ערשטן זמן האָט מען געעפנט אַ „ישיבה קטנה", ווו ר׳ ישראל לייב האָט געגעבן איין שיעור און יאָסע פרענקל אַ צווייטן. מען שלאָגט נישט, מען שעלט נישט, מען שרייט נישט, און מען קען דאָס בלעטל גמרא, וואָס מ׳האָט געלערנט איבער דער וואָך. מ׳האָט אָנגע־הויבן דאַווענען מיט השק. נאָכן אינדערפריאיקן שיעור האָט זיך פיין געדאַוונט, נאָך אַ פיין דאַווענען, האָט מען דערהויבן געגעסן, נאָך אַ דערהויבן עסן האָט מען פייערדיק געלערנט און ווידער זיך אָנגעזאַפּט מיט כוח צו קענען אַדורך דעם טאָג מיט עבודת השם יתברך.

ר׳ ישראל לייב פלעג אַמאָל אַוועקנעמען איינעם פון די קינדער אין אַ זייט און רעדן צו אים אַ לאַנגע צייט. מ׳האָט פאַרשטאַנען, אַז עס מוז מיט דעם בחורל זיין עפּעס נישט ווי עס זאָל זיין, מ׳האָט אים אָבער מקנא געווען. נאָך אַזאַ שמועס פלעג מען נישט קענען שלעכטס טאָן.

דערביי האָט זיך גאָר שיין אַנטוויקלט די שול „בית יעקב", געגרינדעט אין יאָר 1930 דורך אהרן יאקוב, הערש פויסט, אברהם פרענקל, הערש טויב, אַלטער בוקסבוים און משה סאַלאָמאָן. תחילת האָבן די קאָלאַטשיצער חסידים געקוקט ברוגז אויף בילדונג פאַר יידישע טעכטער. אַז זיי האָבן אָבער דערזען די צוויי הונדערט יידישע מיידלעך, וואָס האָבן זיך

געגרייט צו אַ צניעותדיק פרום יידיש לעבן, האָבן זיי געשמייכלט פון נחת.

און אָט איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט אַלץ אָפּגעהאַקט. פרייטיק, דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה, האָט מען שוין געזען דייטשע פלוגצייגן איבער דעמביץ. שבת האָט מען דעמביץ שטאַרק באָמבאַרדירט, און יעדער איז געלאָפן אויפן דאָרף. ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען דעם 13־טן סעפּטעמבער, האָבן זיי כמעט קיינעם נישט געטראָפן, נישט געקענט שיסן קיין יידן אין מאַרק, ווי זיי האָבן געטאָן אין אַנדערע שטעטלעך. די יידן זענען נישט געווען. האָבן זיי אַרויסגעהאָנגען אַפּישן, אַז עס וועט קיינעם גאָרנישט פּאַסירן, מען זאָל זיך אומקערן אין שטאָט. ביסלעכווייז זענען קודם גויים דערנאָך יידן צוריקגעקומען קיין דעמביץ. ראש השנה האָבן זיי שוין געהאַט ווער עס זאָל קערן דעם מאַרק: דער רב, ר׳ אַלטער, זיינע זין און אַנדערע יידן מיט בערד, וואָס זיי האָבן אָבער באַלד אָפּגעשניטן. ס׳איז אַדורך עטלעכע שטילע טעג, און צו סוכות, איז שוין דאָס שטעטל פול געווען. אָבער די הייזער זענען געווען אינגאַנצן אויסגעלערט. די גוים האָבן אַלץ אויסגערויבט בעת דער באָמבאַרדירונג. כמעט יעדער גוי איז געוואָרן אַ גנב און רייך געוואָרן מיט יידישע פאַרמעגנס.

יידן האָבן געהונגערט, נישט געקענט באַקומען קיין ברויט. די בעקערייען האָבן געמוזט ליווערן זייער ברויט פאַר די דייטשן ימח שמם. אָבער די דייטשן האָבן קיין יידן נישט געשאָסן. וואָלטן זיי עס געטאָן, וואָלטן אַוודאי די מיינסטע יידן זיך געראַטעוועט אַנטלויפנדיק אויף דער רוסישער זייט גרענעץ, ווו ס׳איז גרינג געוואָרן זיך אַדורכצוכאַפּן. נאָר אַז מ׳האָט געלאָזט לעבן און טייל האָבן נאָך געקענט פירן געשעפטן, איז אָנשטאָט ווייניקער יידן אין שטעטל געוואָרן מער. אַנטלאָפענע דעמביצער יידן זענען צוריקגעקומען צו זייערע משפחות. און אַזוי ביסלעכווייז האָבן די דייטשן גענומען פלאָגן יידן און שלעפּן זיי אויף צוואַנגס־אַרבעט. יידן האָבן געקערט די גאַסן, געלאָדנט וואַגאָנען קוילן, שטיינער וכד׳. די שכירות פאַר אַ וואָך אַרבעט האָט געקלעקט פאַר איין ברויט, געקויפט אין שוואַרץ־האַנדל. צום נאָרמאַלן פּרייז האָט מען באַקומען אַ פונט ברויט אַ וואָך פאַר אַ פּערזאָן. די איידעלע פרוי פון אהרן יאקוב, דעם גרויסן בעל־צדקה, האָט יעדע וואָך באַטיילט צענדליקער אָרעמעלייט מיט ברויט פון איר בעקעריי וואָס זי פלעגט צוגנבענען פון די דייטשן. די אָרעמעלייט זענען געווען אַמאָליקע שיינע בעלי־בתים פון שטאָט, וואָס איצט האָבן זיי געליטן הונגער.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס שיינע דעמביץ פון אַמאָל. דאָס קולטורעלע לעבן איז אָפּגעשטאָרבן. אַלע פרווון אויפצוהאַלטן עפּעס, וואָס זאָל צוגעבן אַביסל מוט די מענטשן, זענען לכתחילה אוממעגלעך געווען.

נאָר אין איין שטוב, אין דעם קליינעם חרובן הויז פון ר׳ ראובעלען, ווו איצט האָט געוווינט דער 29־יעריקער ר״ ישראל לייב מיט אסתרן און די דריי קינדערלעך, אפרים, אלעזר און ראובן יהושע העשל, דאָרט האָט מען נישט געשפּירט די שווערקייט פונעם הונגער, דעם אויסטערלישן יאוש, שרעק און טרויער. דאָרט איז געזעסן ר׳ ישראל ביי אַ שיעור מיט זיינע יונגע תלמידים, שמואל רייך, משה אונגער, אָשר און שאול יאָשעס, מענדל אָפּען, אפרים רייך, יצחק סאלאמאן און אַנדערע. זיי האָבן נישט געפילט קיין קעלט און הונגער, ס׳האָט זיי נישט געשראָקן קיין קויל פון אַ ביקס פונעם שונא. זייערע פּנימלעך האָבן געפלאַמט, בפרט ווען ר׳ ישראל לייב האָט אָנגעהויבן צו געבן צו פאַרשטיין די באַזונדערע חשיבות פון דער צייט, די באַזונדערע ראָלע פון דעם יידן, וועלכער טאָר חלילה נישט עובר זיין קיין שום עבירה שבתורה, טאַקע איצט ווען דער שטן הערשט, ווען די מלאכי־חבלה כישופן און ווילן געווינען די וועלט, ווילן אומברענגען אַלץ וואָס איז רוחניותדיק, אַלץ וואָס איז איידל, אַלץ וואָס איז דער יסוד פון יידישקייט און דער יסוד פון דער וועלט.

ווען מ׳איז אַריינגעקומען צו ר׳ ישראל לייבן, האָט מען געטראָפן ווי צענדליקער מענטשן האָבן זיך איינגעהערט אין זיינע הייליקע דיבורים. אַ סך וואָס האָבן פאַרן קריג זיך מתרחק געווען פון יידישקייט און האָבן נאָר איינמאָל געזען ר׳ ישראל לייבן, זענען צוריקגעקומען צום מקור. יוסף פויסט און הערשל אלטמאן זענען געוואָרן יראים ושלמים, געשטאַנען צווישן זייערע אַמאָליקע חברים די ציוניסטן ווי זיילן פון יידישקייט.

איך אַליין, משה אונגער, אַ זון פון אהרעלע יאקוב, האָב געהאַט די זכיה אויפצוזיין מיט ר׳ ישראל לייבן אַ גאַנצע נאַכט ביים קראַנקן ירוחם קריגער. געווען איז דאָס אין חודש מערץ 1940. די נאַכט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זי האָט מיר געגעבן כוח אויסצוהאַלטן אַלע צרות. אַלע ראַנגלענישן, אַלע מלחמות ביצרי און דורכצוהאַלטן און פאַרבלייבן אַ תלמיד פון ר׳ ישראל לייבן, וואָס איך האָף צו בלייבן ביז משיח וועט קומען, דער גואל צדק.

ווען משה׳לע געווירץ, איז אַריינגעקומען צו ר׳ ישראל לייבס שיעור און געבעטן צוויי תלמידים זאָלן אויפזיין ביינאַכט ביי ירוחם קריגער, האָב איך מיך אָנגערופן, אַז איך בין גרייט צו גיין. געהאָפט, אַז קיין צווייטער תלמיד וועט עס נישט טאָן, וועט דאָך דער ראש־ישיבה אַליין גיין, און אויף דעם האָב איך שוין לאַנג געוואַרט, — צו קענען זיין מיט ר׳ ישראל לייבן צוזאַמען און קענען עפּעס לערנען פון אים אַזעלכעס וואָס מען קען נישט לערנען מיט אַ רבים. — — — וכך היה.

ר׳ ישראל לייב איז געזעסן און האָט געבלעטערט אין אַ ספר, אַרויסגענומען פון דער ספרים־שאַנק. נאָר באַלד האָט אים אַרומגענומען אַ שטאַרקער שלאָף, און בלית־ברירה, האָב איך געמוזט מסכים זיין דער רבי זאָל זיך אַ ביסל צולענען זיצנדיק ביים טיש. ר׳ ישראל לייב האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער דאַרף נישט אַ סך צו שלאָפן, ער וועט זיך באַלד אויפוועקן.

מיט אַ ציטער אין האַרץ האָב איך מיך צוגעהערט צום קלאַפּן פונעם זייגער. געגנוי אַ פערטל שעה האָט דער רבי געדרימלט און זיך אויפגעוועקט מיט אַ שמייכל. ער האָט זיך פאַרענטפערט הלמאי ער איז אַזאַ פעפער און קאָן זיך נישט באַהערשן. דערמאָנט, אַז גרויסע צדיקים דאַרפן נישט

שלאָפן, זיי זענען למעלה מהטבע. נאָכדעם האָט ער זיך געוואַשן די הענט און צוגעזעצט זיך צום טיש, אויפגעעפנט אַן אַלט ספר פון אר״י הקדוש און געגעבן צו פאַרשטיין אַ הייליקן מאמר „אות ברית קודש״. מיר, דעם פּופּצן־יעריקן יינגל, האָט דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן. איך האָב מיך געפרייט וואָס דער רבי האָט אָנגעטראָפן דעם ריכטיקן ענין. דאָס איז געווען 8 אַזייגער מיט 25 מינוט, ווען ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין מסביר זיין די סודותדיקע ווערטער יסוד עולם, יסוד הבריאה, תכלית הבריאה, און ווי אַזוי דעם ציל צו דערגרייכן; ווי אַזוי זיך מקדש און מטהר צו זיין, מען זאָל קענען דערגרייכן מדרגות, ווערן למעלה מן הטבע, קענען דיקטירן די אברים, די געפילן און עמאָציעס, כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן. אין דעם שטיבל האָט זיך פון צייט צו צייט געהערט אַ קרעכץ פונעם קראַנקן. איך אָבער האָב פאַרגעסן ווו איך בין, איך האָב מיך געהויבן צוזאַמען מיט ר׳ ישראל לייבן אין וועלטן פון אמת, פריינטשאַפט, ריינקייט, קדושה, טהרה, אייביקייט. ווען דער רבי האָט זיך אומגעקוקט איז געווען זעקס אין דער פרי, צייט זיך נעמען צו תפילת הבוקר. ר׳ ישראל לייב, האָט אָנגעהויבן מאָלן די גרויסקייט פונעם בורא מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ הכמה און גרויסקייט, וואָס עס איז שווער צו ברענגען אויפן פאַפּיר איינעם וואָס איז קוים זיינער אַ תלמיד. מען דאַרף האָבן זיין כוח דאָס צו טאָן, און ער איז נישטאָ, אַוועק מיט אַלע קדושים.

1941 איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס צווישן די אָרמע לייט אין דעמביץ. צענדליקער פאַמיליעס זענען געווען קרבנות פון דער שרעקלעכער קראַנקהייט, וואָס איז געקומען פון הונגער. ר׳ ישראל לייב מיט זיין משפחה איז געווען צווישן די וואָס מ׳האָט גענומען אין שפּיטאָל. די תלמידים זענען אַרומגעלאָפן פאַרצווייפלטע, געמאַכט זיך פאָרווורפן, אַז זיי האָבן נישט גענוג געטאָן, דער הונגער זאָל נישט זיין צו שטאַרק. איצט אָבער האָבן זיי שוין אַלץ געטאָן. עס איז אַדורך צוויי וואָכן, ביז איך האָב ווידער געזען זיין הייליקע צורה. ס׳איז דאָך נישט געווען קיין ספר אויף דער וועלט, וואָס ער האָט עס נישט געזאָלט קענען אַ חוץ ש״ס בעל־פה, און חקירה און מוסר און קבלה. ווען ער איז אַלט געווען פערצן יאָר איז ער געווען אין אַמסטערדאַמער ביבליאָטעק, ווו ער איז געזעסן אַכט חדשים און געבלעטערט...

מיט מורא האָב איך געעפנט די טיר פון זונדל גלאנצ׳נס וווינונג, ווו ר׳ ישראל לייב איז געווען דעם ערשטן שבת. עס האָט מיר געשניטן דאָס האַרץ, ווען כ׳האָב געזען די אויסערלעכע שינויים פון מיין רבין, אָן דער באָרד אָבער מיט די זעלבע אויגן. איך בין געבליבן שטיין ביי דער טיר פאַרשטיינערט. ביז אַ. קול האָט מיך גערופן: „משה׳לע, וואָס שטייסטו פון דער ווייטנס? צי איז דאָ חלילה עפּעס וואָס שיידט דיך אָפּ פון מיר? איך האָב מיך דערפרייט צו זען, אַז דער רבי האָט זיך נישט געביטן, און האָב הנאה געהאַט צו ווייזן, אַז ניין, עס האָט חלילה גאָרנישט פּאַסירט. כאָטש די סיטרא אחרא בושעוועט אַזוי, שטייען די תלמידים זיינע אַלע ווי פעסטונגען פון קדושה.

און ווידער האָט מען אָנגעהויבן הערן דאָס קול התורה ביי ר׳ ישראל לייבן אין שטוב. דער רבי האָט געשפּייזט אַלע הונגעריקע מיט דעם טייערן ביסן תורה. דאָ איז מען געווען ווי אויף אַן אינדזל, ווייט אַוועק פון דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט, פון מאַסן־עקזעקוציעס, פון שרעק, פון יאוש. דאָ האָט מען געלעבט אין אַן אַנדערער וועלט.

אָבער נישט לאַנג. חול־המועד פסח 1942, האָט מען אים מיט זיין פאַמיליע געשיקט קיין ראַדעמישלע צוזאַמען מיט אַנדערע אָרעמע, „אַרבעטס־אומפעיקע״ משפחות. אונדזערע הערצער האָבן געבלוטיקט פון ווייטיק, פילנדיק אַז מען קאָן דאָ גאָרנישט העלפן, אַז עס קען זיין דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר זעען אים — אַ געדאַנק אַ שרעקלעכער. ר׳ ישראל לייב האָט געשמייכלט: מיר וועלן אייביק זיין צוזאַמען, משה׳לע.

באַלד נאָך פסח האָב איך פון אים באַקומען אַ בריוו, איך זאָל, אויב מעגלעך, צוזאַמענשטעלן די כיתות און נישט, חלילה, אַריינפאַלן אין יאוש. די בריוו זענען געקומען יעדן טאָג. מיט אַזעלכע בריוו האָט מען געקאָנט לעבן יאָרן אָן עסן.

ס׳האָט זיך דערנענטערט די שרעקלעכסטע צייט. דעם 17־טן יולי 1942, האָט מען באַלעגערט דאָס געטאָ אין דעמביץ און אָנגעהויבן ברענגען אַהין גאַנצע שטעטלעך יידן. צווישן זיי איז אויך געווען ראַדעמישלע. מ׳האָט זיי אַלע פאַרזאַמלט אויפן גלח׳ס פעלד. זיי זענען דאָרט געשטאַנען דריי טעג, ביז מ׳האָט דאָרט אַהינגעטריבן אויך די מיינסטע דעמביצער יידן. מיין מאַמע, פינף שוועסטערן: ברכה, רחמה, בריינדל, גיטל און בלימעלע, און איך זענען אויך דאָרט געווען. מיין ברודער שמואל האָבן די ימח־שמוניקעס געשאָסן און שלמה׳ן געלאָזן אין שטאָט ביזן 15־טן נאָוועמבער, דערנאָך האָט מען אויך אים געשיקט דאָרט ווו זיין גאַנצע פאַמיליע איז.

אַ טאָג פאַר דער אויסזידלונג, האָט זיך ר׳ ישראל אַרויסגעגנבעט פון פעלד און געקומען צו אונדז אין שטוב, און איך האָב ווידער געהאַט די זכייה מיט אים צו רעדן. ער האָט מיר געזאָגט: מען מוז זיך שטאַרקן. די ישועה איז נאָענט. דאָס יידישע פאָלק וועט באַלד אויסגעלייזט ווערן. דאָס וואָס מען ברענגט אום אַזויפיל מענטשן איז נאָר אויף צו דערפילן די מאָס. די וועלט שטייט פאַר דער ישועה שלמה. אין לעצטן קאַמף צווישן קדושה און טהרה, מיטן שלעכטס, מיט דער טומאה, פאַלן אַ סך אומשולדיקע, אָבער וואָס מאַכט עס: מיר וועלן זיך אַלע טרעפן ווען משיח וועט קומען.

יהודה גרינשפן

מספד מר

מתוך דברים שנאמרו באזכרת־אבל שנתית.

אילו באנו לקיים את ציוויו של המקונן הגדול: „אבל יחיד עשי לך, מספד תמרורים!”, ראוי היה לכל אחד מאתנו שיתייחד עם צערו וכאבו ויבכה את קרוביו־קדושיו לנפשו. אבל אם הוטל עלינו להתאבל בציבור דווקא, היתה אולי השתיקה בציבור, שבת יחדו משמימים ודוממים, הצורה הנאה ביותר והביטוי הכן ביותר ההולם את אבלנו. ברם, נראה שאין אנו יכולים לשתוק; נגזר עלינו לדבר — בחינת: „אדברה וירווח לי”...

...ודאי לא תהא זו סקירה הממצה את כל גילויי החיים שבעיירה. לא! זה יהיה, במתכוון, תיאור חד־צדדי, החושף את האורות בלבד ומתעלם מהצללים, מזכיר מעלות ומשכיח מגרעות, מגלה מעשים טובים ומסתיר רעים. שאילולא כן ראויים היינו שעורבי נחל יקרו את עינינו — כדברי החכם. ...לא נפנה אם־כן ליצרים אפלים ביחסי אנוש, שפריים דחיקת־רגלים במשא ומתן, פוליטיקניות קרתנית, הבערת אש־מחלוקת על דברים של מה בכך בבתי־כנסיות, בבתי־מדרשות וב„שטיבלעך”, בעטיים של תנאי הגלות המרה. חס לנו הפעם להיות אובייקטיביים. הס קטיגור!..

הסקירה מקיפה פרק זמן קצר של שתי שמיטות שנים בערך בתקופה שבין שתי מלחמות עולם. בפרק זמן זה ישבו בעיירתנו, — באותו מלבן עירוני, שבין יער הארנים והאשוחים במערב לבין כרי־המרעה רחבי־ידים (ה„לונקה”) במזרח, ובין נהר „ווייסלוקה” בצפון ורכס ההרים („ליסה גורה”) בדרום — כחמש מאות משפחות יהודיות ז. א. כאלפיים וחמש מאות נפש בערך, שאפשר לומר: כולן היו מוכרות לכולנו. לא היתה כמעט נפש אחת מבני העיירה שלא ידענוה. ומכיוון שכן, מותר לנו אולי, אף בשעה זו, לקבוע ששום דבר לא ציין אותן במיוחד ולא היה אופייני להן בלבד. „האדם — אומר המשורר — אינו אלא תבנית נוף מולדתו”, ופינת הארץ שבה נולדנו וחיינו, שום דבר מיוחד לא מצאנו בה — לא הררי־אל ולא יערות עד, לא נוף מרהיב עין ולא פייסאז' שובה את הלב. קטע של טבע פשוט ותמים ירקרק ורענן בקיץ, צח וקפוא בחורף, סגרירי ומרופש בסתיו, בהיר ומלבלב באביב. וכך גם אנשינו בה — לא אדירי תורה. ואף לא חשוכי ריח תורה, וביניהם קומץ קטן של תלמידי חכמים לאמתם; לא הוגי דעות, ואף לא נבערים מדעת; לא חכמי מדינה, ואף לא משוללי חכמת חיים; לא קנאים פוגעים, וגם לא מומרים להכעיס ומרשיעים. אלא — רובם ככולם אנשים פשוטים, תמימים וממוזגים. בינונים — במובן הטוב של המלה.

ובדומה לזה היה גם ההרכב הסוציאלי. נתאר לעצמנו גוף המורכב משתי פיראמידות, שבסיסיהן חופפים זה את זה, מין אוקטאדר. בקדקדים, בשני הקצוות, שכבות דקיקות ביותר — שתי קבוצות שכל אחת מהן מנתה כמניין אנשים בלבד — שכבה של עשירים ממש ושכבה של אביונים ממש, מיוחסים מזה וחלכאים מזה; ואילו השאר כולם בני המעמד הבינוני, לא אמידים ולא עניים, אנשים מהוגנים, פשוטים וצנועים, „בעל־בתי'שע מענטשן”, יראי השם ואוהבי ישראל.

וכן הדבר מבחינת עיסוקם: בקצה אחד שכבה דקה של משרתים בקודש (רבנים ורביים, דיין העיר והשוחטים, חזנים, מלמדים ושמשים), ובמקביל להם משרתים בחול ועוסקים במקצועות חופשיים (רופאים ומרפאי־שיניים, עורכי־דין ופקידים, הרוקח והמהנדסים). ובקצה השני שכבה דקה של אומנים: החייטים והסנדלרים, הנגרים והפחחים, הספרים והכליזמרים, הסבלים והבלנים, האופים ובעלי־אטליזים וחלבנים וכיו"ב, בעלי־מקצוע שונים, שחיו מיגיע כפיהם ממש.

להדגשה מיוחדת ראויים הבודדים בעיר — נוסף על הכפריים שבסביבה, שהיו מתפללים אתנו ב„ימים נוראים” ובימי „יארצייט” — שלא ניתקו קשריהם עם הקרקע, היו בעלי שדות, חרשו, קצרו ומילאו גורן, נטעו עצים ואספו פרי; ואותם היחידים שחיבבו בעלי־חיים, גידלום ברשותם והטעימו אותנו, בילדותנו, מחלבן החם של פרות ועזים, והינו אותנו ברכיבה על גבי סוסים וסייחיהם, בנסיעה בעגלה ובפרט בעגלת חורף.

כל אלה השכבות הדקיקות שבקדקדים, ואילו בכיוון לבסיסים באות השכבות הרחבות של בעלי־עסקים — הרוב המכריע של אוכלוסיית עיירתנו. מהם יחידי סגולה שהפליאו יזמתם בשטחי כלכלה שונים, כחרשתנים, כיצואנים וכסוחרים סיטונאים, כבנאים וכקבלנים; הקימו בתי־חרושת וטחנות קמח, בנייני־מגורים ומבנים אחרים, השתתפו בסלילת כבישים ובוויסות נחלים. וכל זה בלא אקאדמיות למסחר וללא השכלה פוליטכנית מוסמכת ומדופלמת. אחרים — וגם הם יחידים — פותחים סניפים ומייצגים פירמות וטווים את החוטים המקשרים את השוק המקומי עם סחרן של הערים הגדולות; סוחרים ביערות: כורתים עציהם ומשווקים תוצרתם בפנים המדינה וחוצה לה; או נמנו על בעלי קרפיפי עצים, כלומר — חצרות מלאות מערכות קרשים ומרישים — ותילי־תילים של קורות וסוארי־עצים להסקה ולבנייה, ועל־פי־רוב נזדווגה להם, באגף אחד, גם תעשיה זעירה לרעפים. אחריהם באה הקבוצה העיקרית של הסוחרים הגדולים, הבינוניים והקטנים — סוחרי התבואות והפירות, מוכרי פחמים וסיד ונפט, בעלי חנויות למנופקטורה ולגלנטריה, למעשי ברזל ולחמרי בניין, חנויות „כל־בו” בזעיר־אנפין, למכולת ולמיני סידקית ולצורכי חייטות; סוחרי עופות ונוצות ושומן־אווזים וכל תוצרת הלול והרפת; בעלי מלונות ואכסניות, מטעמיות ומגדניות צנועות, מסעדות ומסבאות (בתי־מרזח); ספקי מצרכים למזנוני רכבות וקשרים בין העיירה לבין הערים הגדולות, המה הדחופים והמבוהלים, בעלי הכרטיסים החודשיים ברכבות; וכל האחרים העומסים ריחיים על צווארם (בהרבה מאוד מקרים היו נשותיהם עזר כנגדם, נשי חיל חרוצות וזריזות), מושכים בעול תמיד, משעה מוקדמת עד מאוחר בלילה, בחום הקיץ ובכפור

החורף, מי בחנות בבתי־אבן ומי בצריף־עץ, מי על הדוכן בשוק העירוני ומי ב„ירידים" בעיירות הסמוכות. עושים צדקה בכל עת ומפרנסים את בני ביתם, מי בקב ומי בתשעה קבים... וכולם כאחד תלויים ועומדים ומצפים לרחמי שמיים ולחסד לאומים... ועם זאת חיים לפי תומם, שמחים בחלקם ומלאי בטחון במה שיבוא לאלתר ובמה שיגיע לאחר זמן, אף ש„בטחון" זה כבר היה, כנראה, מעורער מיסודו, לפחות ב ת ת ־ ה כ ר ת ם של אבותינו... עדות לכך בכיותיהם ודמעותיהם בתפילות. התייפחות תדירית זו והיבבות מרעידות הלב בתפלות החג והמועד, בזמני ש מ ח ת נ ו, מה הסבר אחר ניתן להן, אם לא תחושת ההתמוטטות והשואה המתרגשות לבוא? מניין התוגה המהולה ב„הלל" בליל התקדש חג החירות ובשאר „ימים־טובים"? מניין האנחות והקריאות: „אוי, רבונו־של־עולם!" בפזמוני ה„הקפות" ב„ש מ ח ת ת ו ר ה", ב„ברכת" הגשם והטל, המכוונות לארץ, ב„נענועים" בסוכות ובפרט בהושענא־רבה? מה סיבה אחרת לאנקה משוועת זו, אם לא תחושת המפולת והחורבן?...

כך ש ל א מדעת. אבל מ ד ע ת, בשאר ימות השנה, עולם כמנהגו נוהג... חיים להם התמימים והישרים ב„בטחון", וברוח זו הם מנהלים גם את עסקיהם ה צ י ב ו ר י י ם. פרנסי הקהילה העומדים על־יד ההגה אדוקים בצדקת דרכיהם ושיטותיהם ודואגים באמונה להגשימן לטובת הציבור כולו. והאופוזיציה מותחת, אמנם, לפעמים ביקורת קטלנית ומוקיעה דרכים נלוזות, בפרט בעניינים לאומיים וביחסים שבינינו לבין השלטונות, אך בדרך כלל נותנת אף היא יד ומאוחדת בעצה לפתרון הבעיות העומדות על הפרק. שכן כזאת היתה קהילתנו: נדירים מאוד היו בה פרנסים תקיפים, פוסעים על ראשי עם קודש או נוקמים ונוטרים, שהתנהגותם המקניטה גורמת התמרמרות ומרי. אבל ה י ו בה פרנסים בודדים, שכל חייהם ממש היו קודש לצורכי העדה; שזנחו עסקיהם הפרטיים וענייני משפחותיהם ואצו תמיד להחיש ישע ולהקטין רשע (פעם בהשתדלות אל ראש העיר ואל המפקד המקומי, ה„בורמיסטש" וה„קומנדנט"; ופעם אל מושלי הנפה והמחוז, ה„סטארוסטה" ו„הוויאֶוודה"; וכן אל נציב־המסים ואל נציב המשטרה ואל כל מיני נוגשים גדולים וקטנים...). תמיד, תמיד היו עסקני־ציבור אלה מוכנים להגיש עזרה לכל נצרך. הנה מעשה ממסירותו של „ראש־הקהל" שלנו, שהיה גם מראשי הגבאים ב„חברה קדישא" ומראשי המדברים בכל עניין, מהעושים ומעשים: ליל שבת אחד עברה השמועה בבית־המדרש, שפלוני חולה אנוש וזקוק לרחמים רבים... ובשבת לפנות בוקר, כאשר האבות שבו מה„מקווה" והאמהות חזרו עם בקבוקי הקאווה מבית־האופה, ומן הבתים בקעו קולות ה„עוברים" על „שניים מקרא ואחד תרגום", הגיחה לפתיעת הרבים מאחת הסימטאות מרכבה רתומה לסוס אחד ובה גוף מכורבל בשמיכות. סייס יהודי מחזיק במושכות ואצלו צועד ראש הקהילה בבגדי חול וכובע פרווה חבוש לראשו. לתמהים על כך הוא משיב קצרות: מ׳פירט אים קאַ קראָקע... ברור היה: פשיטת־בגדי־שבת זו ויתור בה על תפילה בציבור, על סעודת־שבת ועל מנוחת־השבת בחיק המשפחה; פירושה — טלטולי־דרך במשך שעות ברכבת וטרדות אישפוזו של החולה ועוד ועוד... וכל זה מקבל על עצמו באהבה ראש הקהילה ואחד מנכבדי העיר. אלה היו פ ר נ ס י י ך, דמביץ!

ולציון מיוחד ראויים נציגי היהודים במועצת העירייה, ובפרט אלה שנימנו על תנועת־התחייה (חברי „פועלי־ציון", הציונים הכלליים, המזרחי וכו׳). הם עמדו במערכה קשה ותמידית נגד שונאי ישראל באומץ־לב אישי בלתי שכיח, חושפים מזימות מפעפעות ארס השנאה. מפירים גזרות ומגינים על הכבוד היהודי בפורום המעורב הזה. במשנה כאב וצער ייזכרו החברים הללו, שהיו מעמודי־התווך של כל חיינו הציבוריים — ואלה מחוגי האינטליגנציה שעזרו על ידם בכך, — שבהרצאותיהם באסיפות ובעצרות־עם, או במאמריהם בעלונים ובעיתונים, קידשו לא פעם שם ישראל ברבים.

ייזכרו לטובה כל עסקני הציבור האחרים שבעיירה — גבאי שני בתי־הכנסת (בעיר החדשה והישנה), שני בתי־המדרש („ס׳פראָסטע" און „ס׳חסידישע"), שני בתי־התפילה (של הרב דמתא ושל הרב מיעדלעווע), ושלושת ה„שטיב־לעך"; גבאי ה„חברה קדישא" והתלמוד־תורה, חברת משניות וחברת קנייך־ספרים; גבאי הצדקה וגמילות־חסדים. לברכה תיזכרנה ה ג ב א י ו ת של ה„חברה קדישא", אותן הנשים הצדקניות, אמותינו הטובות, שעסקו במצוות חסד־של־אמת וחסד של חיים, שבישלו מרקים בשביל חולים ויולדות, ואצו לבתי־מדרשות לעורר רחמים ול„בית־עלמין" למדוד קברים... והנה שוב מעשה שהיה: ביום שוק אחד, מאותם „ירידים" גדולים שלפני ימי אידיהם, כאשר הפדיון רב מאוד, נמצאה חנות־המכולת הסיטונאית מלאה גויים וגויות. תריסר ידים שירתו את הקונים ולא מצא להם. בעלת החנות, מראשי הגבאיות שב„חברת־קדישא", ידיה מלאות עבודה. והנה עמדו פתאום בפתח החנות כמה נשים עטופות שחורים וקראו לחלל פנימה: „ח..., מ׳דאַרף גיין איינרייסן! „ר׳איז אַ חולה מסוכן!"... פירכה בעלת החנות את ידיה ובקול יגונים התחילה: „אוי אַ בראָך! אוי אַ פינצטערע וועלט!.." ומיד עזבה את הכל וכהרף־עין התעטפה ונעלמה... חלחלה עברה בכל החנות... הערלים נשארו פעורי־פה ותוהים... את פשר הדבר ידעו רק מתפללי בתי־כנסיות ובתי־מדרשות, כאשר דלתות א ר ו ן ה ק ו ד ש נפרצו פתאום והיללות של „אוי אַזאַ טייערע נשמה!.. אַזאַ ערלעכע נשמה!.. געוואַלד הייליקע תורות, בעטס!.. בעטס רחמים און זייטס מתפלל!".

מי פילל ומי מילל, שנשמות יקרות וטהורות אלה לא יהיה מי שיתפלל ומי שיילל להן?..

ואחרונים אחרונים לברכה יזכרו העסקנים והעסקניות ומאות חבריה של תנועת התחייה בעיירה, על כל גווניה ושטחי פעולתה: מייסדיה, מנהיגיה וחבריה של ההסתדרות הציונית הכללית („סתם־ציונים"), על כל פלגיה וסיעותיה — „דבורה", „עקיבא", „הנוער הציוני"; הסתדרות „המזרחי" ו„צעירי־המזרחי ו„השומר־הדתי"; „פועלי־ציון" ו„יוגנט" ו„פרייהייט"; „התאחדות" ו„גורדוניה" ו„בוסליה"; הריוויזיוניסטים ובית״ר וטרומפלדור; „השומר־הצעיר" ואוהדי „פועלי־ציון"־שמאל ועוד. יזכרו לברכה ראשי הוועדים ועושי־דברם של ביה״ס העברי וגן הילדים („פרבלובקה"), מוריהם ומורותיהם — מחיי הלשון העברית בפינו, ועדי ההורים ע״י תנועות

הנוער וועדי שתי הספריות היהודיות וקלובי הספורט ועוד ועוד... מאות חברים וחברות יקרים, קטנים וגדולים, צעירים וקשישים, שעשו הרבה ממרצם ומזמנם קודש לעניין הציוני ולפעולת התחייה הלאומית...

